STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00776

PENEMER UN MASKES

Isaac Turkow-Grudberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Rachel Zylberberg
in memory of
Yosef Blogowski & Haya Weinberg-Blogowaka, who perished in the Holocaust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק טורקאָוו - גרודבערג

פּנימער און מאַסקעס

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

150

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

פּנימער און מאַסקעס

דערציילונגען און סקיצן

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס, ה׳תש״כ — 1960

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט:

טעאַטראַלן

קנוילן רויך — 9
אַ שעקספּיר־פֿאָרשטעלונג — 33
דאָבאָש פֿון די קאַנאַלן — 47
שאָטנס אויפֿן שניי — 53

וואַנדערוועגן

אײַזיקע צוואַנגגען — 63
דער שוואַרצער זונטיק — 97
„די וועלט איסט פּערריקט" — 119
אָפּגעהאַקטע צווײַגן — 127

אָפּטריניקע

דאָקטאָר וואַלעק־וואַלעצקי — 135
אין געדיכטער פּינצטערניש — 143
אַ וואַרשעווער שטיוולפּוצער — 151
די פֿרוי וואָס זוכט זיך אַליין — 159
אַ קינדישע פֿראַגע — 167
מיט די כוואַליעס — 173

טעאַטראַלן

קנוילן רויך

דעם אָנדענק פון אַרטיסט אייזיק סאַמבערג און דעם היסטאָריקער־טעאַטראַל ד״ר יצחק שיפּער — געהייליקט.

א

אַ געדיכטער שוואַרצער רויך האָט זיך געקנוילט פון גרויסן קוימען. געטראָגן האָט זיך פון דאָרט דער ריח פון געסמאַליעטן פלייש, וואָס האָט דורכגעזאַפּט די לופט אויף ווי ווייט אַרום. איבערן שטח פון לאַגער זענען געווען פונאַנדערגעוואָרפן צענדליקער באַראַקן — קלענערע און גרעסערע. ריזיקע שטאַלן, פאַרשידענע בנינים — פון פאַרשוואַרצטע ציגל און פריש־אויפגעשטעלטע, אויף דערווייל. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ ברוינלעכן נעפל, וואָס האָט אַלע באַראַקן און בנינים ווי דערווייטערט פון זיך, אָפּגעטיילט מיט אַ מחיצה. אין דער אמתן איז אפשר דער נעפל נישט געווען אַזוי געדיכט, נאָר בלויז געשוועבט כמאַריק פאַר די אויגן פון די איינוווינער אין די באַראַקן, געדראָט, אַז ער וועט זיי אַ ליאַדע רגע איינהילן און פאַרשלינגען.

אַלץ האָט דאָרט געאָטעמט מיט טויט. די גאַנצע ערד איז געווען אונטערגעבעט מיט פייערצונגען — גרייטע יעדע רגע אָפּצווישן די לעבנס, וואָס זענען געווען איינגעקלאַמערט אין דעם שטח. דער טויט האָט זיך אָפּגעריסן פון דער הויכער תליה מיטן בלעכערנעם האָן — וואָס האָט זיך גדלותדיק געגוידערט אין מיטן פון אַ פלאַץ צווישן די באַראַקן — אַרומשפּאַצירט איבער די טרעפּלעך פון עלעקטריזירטע דראָטן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין שטח פון אַנדערן, איין טייל לאַגער פון צווייטן, מיט עטלעכע געדיכטע שיכטן דראָט אַרומגענומען, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, דעם

גאַנצן לאַגער. די דראָטן זענען אייגנטלעך געווען די וויכטיקסטע אַנזאָגערס, דורך זיי האָט דער טויט געשטשירעט מיט די ציין — מער ווי דורך דער תליה, מער ווי דורך די אויסגעשטרעקטע לופּעס פון די וואַכפּאָסטנס אויף די טורעמלעך מיט רעפלעקטאָרן, וואָס האָבן גיריק געקוקט און געווונקען פון אַלע זייטן. די פאַרקרימטע ציינדלעך פון די שטעכלדראָטן זענען געווען אומציייליקע, דריבנינקע האַקנקרייצן, וואָס זוכן איינצופרעסן זיך מיט זייער שאַרפקייט אין די צוזאַמענגעטריבענע קרבנות. אין די האַקנקרייצלעך האָט מען געלייענט אַן ענדגילטיקן אורטייל, וואָס קאָן ווערן אַ ליאַדע רגע אויסגעפירט.

פון יעדן פּנים פון די לאַגערניקעס האָט אַראָפּגעקוקט דער אָנבליק פון טויט, זיין ריח האָט זיך פון זיי געטראָגן ווען זיי האָבן זיך נאָך באַוועגט, גערעדט, געאַרבעט, געשלאָפן ווי לעבעדיקע.

אין בלאָק האָט זיך נאָר געפּרוווט אַנטקעגנצושטעלן. שוין זיין נאָמען — „דער בלאָק פאַר אויסלענדער" — האָט אים אויסגעטיילט פון די איבעריקע. די איינוווינער זענען געווען פון אַ באַזונדערן מין — באַגליקטע מיט אויסלענדישע פּעסער, אָדער בירגערשאַפט פון אַ נייטראַלער מלוכה. די מלוכות — איבער ווייטע ימען, רייכע און מעכטיקע, אָדער אַפילו קלייניקע און קוימבאַקאַנטע — וועלן דאָך זיכער נישט לאָזן די פּייערצונגען פאַרשלינגען זייערע פרישגעבאַקענע בירגער. זיי וועלן אַ וואָרף־טון בערג מיט גאָלד, אָפּטעמפּן דערמיט די שאַרפע העקלעך פון האַקנקרייץ. זענען טאַקע די קאַפּאָס אין דעם בלאָק נישט אַזוי אַכזריותדיק, ווי אין די איבעריקע, ווערן די איינוווינער פון בלאָק נישט אַזוי געטריבן צו די פאַרשיידענע זינלאָזסטע אַרבעטן, נישט דעצימירט ביי יעדער אַרבעט — העכסטנס איז מען זיי מכבד מיט שיילן קאַרטאָפל. דאָס אַליין איז אַ סימן פון לעבן — אויף־גיך־אַראָפּגעשלונגענע רויע קאַרטאָפל האַלטן אויך אונטער דאָס חיות, שטילן אַביסל דעם געברויל פון הונגעריקע קישקעס. איז אין בלאָק פאַר אויסלענדער וויניקער דאָ ברוינלעכע וואָלקנס פון נעפּל אין לאַגער, מע הערט דאָרט צומאָל אַ געלעכטער און נאַרמאַלע מענטשלעכע שמועסן, חלומות, האָפענונגען. אין דעם בלאָק איז דאָ די גרעסטע צאָל מענטשן, וואָס גלייבן, אַז זיי וועלן פון דאַנען אַרויס. מע רופט זיי אָפּטימיסטן.

דער גרעסטער פון זיי איז בערל בראָמבערג.

ב

נישט געווען מן־הסתם קיין איין העפטלינג מיט אַ געלן דרייעק אויף זיינע לאַגער־בגדים ער זאָל נישט האָבן געהערט דעם נאָמען בראַמבערג. באַלד צוויי יאָרצענדליק ווי ער איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט צונעמען: „דער גרעסטער יידישער פאָלקסאַרטיסט", „דער ליבלינג פון די יידישע פאָלקסמאַסן". ער האָט געפייערט קינסטלערישע טריומפן אומעטום ווו ס'איז געווען עפּעס אַ רירעוודיק יידיש לעבן, באַוויזן זיך אויף די יידישע בינעס פון אַ צענדליק ביידע טיילן פון גלאָבוס. אַפילו יידן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט מטמא־געווען מיט מושב־לצים, האָבן געהערט וועגן בראַמבערגן. זיין נאָמען האָט אַראָפּגעשריגן מיט גרויסע אותיות פון די צייטונגבלעטער, פון די אַפּישן אין די גאַסן. זיין פּנים האָט אַראָפּגעקוקט פון אַ סך בילדער — מיט דער שאַרף־אַרויסגערוקטער אונטערשטער קין — ווי ס'וואָלט גערופן: „ס'וועט אייך גאַרנישט העלפן, איר מוזט מיך פאַרגעדענקען". אַפילו דאָ, אינעם גיהנומדיקן אויסמיש פון מענטשן, וואָס האָבן אַלע געהאַט איין פּנים — קאַנדידאַטן אויף אַ גיכן טויט — אַפילו דאָ האָט זיך די שאַרפקייט און אויסדריקלעכקייט פון זיין פּנים אויסגעטיילט פון צווישן די צענדליקער טויזנטער לאַגער־מיצלעך מיט אַ באַזונדערער זיכערקייט און גלויבן. האָט ער נאָר געעפנט דאָס מויל און אַ ברום־געטון, האָבן אָפּגעקלונגען פאַר טויזנטער העפטלינגען באַקאַנטע טענער פון זיינע פּאָפּולערגעוואָרענע געשטאַלטן, וואָס זענען איצט לעבעדיקע אויפגעשווומען פאַר אַ סך, ווען זיי האָבן זיך, צעשלאָגענע און צעבראָכענע, געקנוידערט ביינאַכט אויף די האַרטע פּריטשעס פון די באַראַקן, געגנעגערט זיך אויפן וועג צום גרויסן אויוון. אַ קלייניקייט — בראַמבערג...

נישט דאָס איז אָבער געווען די סיבה פון זיין אָפּטימיזם. נעמען זענען געוואָרן דעוואַלוירט נאָך ערגער ווי וואַלוטעס. בראַמבערג האָט וועגן דעם אויסגעצייכנט געוווסט און נישט געטראַכט מער וועגן זיין פאַרמלחמהדיקן אָנוועקשטעלן זיך — „איך בין"... „איר ווייסט דען מיט וועמען איר רעדט?"... ניין, איצט האָט ער גלייך מיט אַנדערע הכנעהדיק געשלעפּט די שווערע משא פון קליינעם געלן דרייעק אויף די לאַגער־מלבושים — דעם טויט־אורטייל פאַר זיי אַלעמען.

בראַמבערג האָט עס אָבער נישט געהאַלטן פאַרן ענדגילטיקן אורטייל. ער האָט געגלייבט אין לעבן, געגלייבט, אַז ער וועט עס אַלץ איבערלעבן. והראיה? — ער באַדאַרף נישט קיין באַזונדערע ראיות. זיין גלויבן איז אים געגנוג. אַזאַ איז ער פון קינדהייט אָן — זייט ער איז פון דער אָרעמער וואַרשעווער יידישער קיילערשטוב אַרויסגעקומען אויף די בינעברעטער. אָן בילדונג, אָן „שקאָלעס", האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דער אָרעמקייט מיט אַן אייזערנעם ווילן און נישט־געשטילטן אינערלעכן פייער. האַרעפּאַש־נע זיך געראַנגלט מיטן לעבן, גיריק געזאָפּט וויסן פון אַרום, איינגעזאַפּט אין זיך וועלט, באַרייכערט זיך דערמיט, שפּעטער געשפּרודלט מיט זיינע אינערלעכע און דערוואָרבענע אוצרות — פון דער בינע. — „וואָס טויג מיר פילאָזאָפיע? מע דאַרף אַרויף אויף די ברעטלעך און דערלאַנגען!" — האָט ער זיך געוויצלט מיט יינגערע קאָלעגן פון דער אינטעליגענץ. דערביי געעפנט אויגן און אויערן, כדי אַריינצוכאַפּן עפּעס פון זיי, איבערשמעלצן אין זיך און אַרויספלאַמען מיט זיין נישט־געשטילטן פייער פון דער בינע.

ווען האַקנקרייציקע איראַפּלאַנען האָבן שוין איבער וואַרשע געשפּיגן מיט באָמבעס, איז בראַמבערג נאָך אַלץ געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ שפּאַס. ווייל ווי דען אַנדערש? עס גלייבט זיך דאָך נישט, אַז דערוואַקסענע מענטשן, „קעפּ" — ווי ער האָט זיי גערופן — פון מלוכות, זאָלן — מיר־נישט, דיר־נישט — אַריינפאַלן אין אַזאַ שיגעון און אָן אַ פאַרוואָס חרוב־מאַכן אַ וועלט, אַזאַ שיינע וועלט, מיט אַזוי פיל לענדער און שטעט, מיט טעאַטערס און עולם צושויערס, פאַר וועלכע ער האָט שוין געשפּילט און נאָך נישט גע־שפּילט, פאַר וועלכע מע דאַרף זיך באַווייזן אין נייע ראָלן... אַזוי פיל נאָך נישט־געשפּילטע „שטאַרקע" ראָלן... ווי קאָן דאָס מעגלעך זיין?

נייך, בראַמבערג האָט אין דעם נישט געקאָנט גלייבן. גראָד, ווי ער האָט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז ער קאָן דורכפאַלן — כאָטש אויך דאָס איז נישט איינמאָל געשען אין זיין קאַריערע. דאַן איז ער געווען זיכער, אַז דאָס איז צוליב אַן אינטריגע פון אַ קאָנקורענט, צי גאָר — נישט־פאַרשטיין פון עולם. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי מוזן אים אָנערקע־נען... גראָד אַזוי האָט ער איצט די גאַנצע מילחמה, געטאָ, לאַגער — באַ־טראַכט פאַר אַ צייטווייליקן, שנעל־פאַרביילויפנדיקן שיגעון. אַ שיגעון, וועלכן ער — בראַמבערג — מוז איבערלעבן. ווייל ער מוז נאָך טאַנצן און זיך

משמח זיין צוליב היטלערס מפלה. ווידען אַנדערש? — אויב ס׳איז דאָ גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

בראַמבערג האָט הייס געגלייבט, אַז דער יושר מוז זיגן. זיין גלויבן האָט ער קיינמאָל נישט אַנגעטון אין קיין פּאָליטישע פאָרמולעס. ער האָט געגלייבט, ווייל — ער האָט געגלויבט. ווייל ער האָט די אַנונג אָראָפּגעבּרענגט פון די גראָבע קיילערקלעצער פונעם קליינעם באַזאָר אויף דער וואַרשעווער פּאַנסקע־גאַס. פון זיין געזונטער ערדישקייט, וואָס איז געווען קרעפטיק און פליישיק ווי זיין פּנים, זיין גוף, זיין קול, זיין גאַנצער קוק אויף דער וועלט. דער אומעטומיקער צעחושטער געשעפט־פירער ראָלאַנד, וואָס איז אין צייטונג־דרוקערייען בכוח געווען צונויפצופירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט אַ דאַנק דער הילף פון „זיינע" זעצערס, האָט אים נישט איינמאָל געזאָגט: — „איר זענט דער שלום אַש פון דער יידישער בינע". טאַקע שלום אַש אַליין האָט אים אַמאָל געדריקט און געקושט, אָנרופנדיק „קרעפטיקער פּאָלקסטאַלאַנט". ער פּילט עס בולט — פונעם פאָלקסהאַרץ און באַגייס־טערונג איז ער אויסגעוואַקסן, געוואַקסן, געזיגט. קאָן ער דען איצט פאַר־לירן דעם גלויבן, אַז ער וועט זיך ווידער אַרויסבאַקומען אויף די ברעטלעך, ווידער צונויפוואַקסן מיטן פאָלק, מיט זיין פאָלק? — סיידן מע זאָל דאָס גאַנצע פאָלק אומברענגען. אָבער דאָס איז דאָך נישט מעגלעך. נישט מעג־לעך, אַפילו אַן ערדציטערניש... אַ פאָלק, טויזנטער יאָרן, אַ וועלט — ניין, בראַמבערג לאָזט נישט צו אַזאַ געדאַנק. ערגעץ אין אַ פּיעסע איז געזאָגט „דאָס פאָלק איז אומשטערבלעך". גאָלדענע ווערטער. דאָס פאָלק מוז אי־בערלעבן. בכן — מוז ער איבערלעבן.

— איר ווילט עס אָנרופן אָפּטימיזם? ביטע זייער. אמת, דאָקטאָר?

אַזוי פלעגט ער זיך שטענדיק ווענדן צום צווייטן גרויסן אָפּטימיסט אין בלאָק, דעם כלל־טוער, היסטאָריקער, שרייבער — דאָקטאָר בער פישער. יענער איז געווען בראַמבערגס שותף אין גלויבן. כאָטש אין גאַנצן צעבראָכן, דורכגעפּרעסן פון קראַנקייטן און עלטער — פלעגט ער זיך גלייך אָנצינדן, ווען בראַמבערג האָט אים געגומען פאַר אַן עדות. מיט אַן אַ שיער האַרטע רישן אָנגעהויבן צו באַווייזן, אַז „די געשיכטע לערנט אונדז", „דער גורל פון פאָלק", „די מיסטעריע פון קיום", „דער נצחון פון הומאַניזם"...

ג

דאָקטאָר בער־בערנאַרד פישער האָט אויסגעצייכנט צוזאַמענגעשפּילט מיט בראָמבערגן אינעם דועט פון אָפּטימיזם. ער האָט דווקא יאָ געהאַט ראיות — פון דער געשיכטע, פילאָזאָפיע, אינטערנאַציאָנאַלן רעכט — און אָן אויפהער אַרויסגעשלעפּט אַזעלכע ראיות פון שווערסטן קאַליבער. קיין שום דערשיינונגען פון דער איבערגעלעבטער ווירקלעכקייט האָבן זיי נישט געקאָנט אָפּווענדן. זיין אויסגעשפּיצטע לאַנגע נאָז, וואָס נאָר זי האָט זיך איצט אַרויסגעזען פון אונטער דער לאַגער־מיצקע, פלעגט זיך אַרויסרוקן פאָרויס. זיינע טיף־איינגעפאַלענע העלע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען מיט פייער ווען ער האָט מיט אָן אַ שיער האַרטע רישן געהאַקט זיינע ראיות, ווי קלאַפּטערס האָלץ. לאָמענדיק איז ער אונטערגעשפּרונגען צום צווייפלענדיקן — ממש אים איינצושלינגען. אויסגעזען האָט עס, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט, גרייט געווען מיט די לעצטע כוחות פון זיין דערשעפּטן גוף דורס צו זיין דעם אַפּיקורס. באַלד האָט זיך אָבער פון זיין האַרטן געבייזער אַרויסגעפּילט אַ מילדע גוטסקייט — אַמאָל פון אַ גרויס קינד, אַמאָל פון אַ געניטן מלמד, וואָס ווייס ווי איינצוקנעלן מיט זיינע תלמידים אַ שווערע סוגיא. אין בלאָק האָט מען געוווּסט וועגן זיין פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט, פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט, געזעלשאַפטלעכע אַמטן — נאָר ער גופא האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנוואַרפן זיין פּאָליטישן אַני־מאַמין, נישט געפּרוּווט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ מנהיג, דורך וועלכן ס'קאָן קומען די ישועה. גערעדט האָט ער צו אַלעמען מיט דער התלהבות פון אַ מילדן חסיד, וועמען ס'איז אוממעגלעך צו באַגרייפן פאַרוואָס אַלע אַרום זעען נישט די באַשיינפּערלעכע הייליקייט פון רבין, די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון זיינע ניסים.

קוים וואָס ער האָט זיך געקאָנט באַוועגן, דער דאָקטאָר פישער. צום אַפּעל האָט מען אים ממש געמוזט אַרויסטראָגן, אונטערהאַלטן ער זאָל מאַכן דעם איינדרוק ווי ער שטייט אויף די אייגענע פיס. אָבער ביי דער מינדסטער אָמפּערונג אין באַראַק האָט ער זיך אַ פאַרייַנגערטער געוואָרפן אין יענער ריכטונג, באַלד האָט זיך דערהערט זיין שאַרף קול — אַ קוויטש אויף די אויבערשטע טענער און פאַרגרעסערטע צאָל שאַרפע רישן. פאַר קיין

גרויסן חכם האָט אים קיינער נישט געהאַלטן — ער האָט נאָר פאַרבליפּט די צוהערערס מיטן שלל וויסן און געפּאַנגען זיי מיט דער גלעטנדיקער גוטסקייט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן פון זיין האַרטן לשון.

ביידע זענען זיי — בראַמבערג און פישער — געווען נאָענטע באַקאַנטע זינט אַ פערטל יאָרהונדערט. נישט איין מאָל צוזאַמען פאַרבראַכט אויף מסיבות, צוזאַמענטרעפן, באַגעגנט זיך ביי טעאַטער־אַרבעט. ווייל ביי אַלע זיינע פאַראינטערעסירונגען איז דאָקטאָר פישער אויך געווען אַ פאַרברענטער טעאַטראַל. געשריבן געשיכטע פון טעאַטער און געשריבן וועגן זיין קעגנוואַרט. אַליין אַפילו נישט זעלטן געפּרוּווט צו ווערן אַ פּראַקטישער טעאַטער־טוער — דאָס האָט זיך אָבער שטענדיק געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. פון דעסטוועגן האָט דאָס טעאַטערדיקע אין אים געהאָלפן, אַז ביי דער גאַנצער פאַרשידנקייט פון זייערע כאַראַקטערס, דערציִונג און וויסן, זאָל ער שטענדיק געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט בראַמבערגן. בולט האָט זיך עס אַרויסגעוויזן נאָך אין וואַרשעווער געטאָ. איצט — ווען דער האַקנקרייץ האָט זיי ביידן צוזאַמענגעפּירט מיט די געלע דרייעקן אינעם בלאָק פאַר אויסלענדער — זענען זיי געוואָרן די צוויי נאָענטסטע מענטשן אין גאַנצן באַראַק. זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק און איינער דעם צווייטן האָט צוגעהאָלפן אין דער אָפּטימיסטישער עבודה.

קיין חילוקי־דעות איז צווישן זיי נישט געווען. די משא פון גורל האָבן זיי געשלעפּט מיטן זעלבן ביטחון, און גלייבנדיק, אַז ס׳מוז קומען אַ סוף צו די צרות. מיט אַן ענלעכן שמייכל און אינערלעכן ווידערשטאַנד האָבן זיי אויפגענומען דעם אַרומיקן קאָשמאַר, וואָס האָט געאַווירט מיטן ריח פון צוגעסמאַליעטן פלייש. אַפילו די קלעפּ — אין דעם בלאָק זעלטענערע ווי אומעטום — די ערגסטע דערנידעריקונגען האָבן זיי אויפגענומען ענלעך: מיט אַ ווונק צו זיך און שכנים: „מיר וועלן עס איבערלעבן".

איין פראַגע האָט בלויז אַרויסגערופן צווישן זיי אַן אַמפּערניש — די פּערזאָן פון דאָקטאָר האַרטוויג. דער דאָקטאָר ראַפאַל האַרטוויג איז, וואָס אַן אמת, צווישן זיי נישט געווען. ער איז פון געטאָ אַוועק ערגעץ מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און מע שמועסט, אַז דאָרט לעבט ער במנוחה, אָן דעם געלן דרייעק און אָן אַנדערע יידנצייכנס. פאַרוואָס דאָס איז — האָבן זיי ביידע נישט געוווסט אויף קלאָר.

די חילוקי־דעות זענען אַרויסגעקומען צוליב די סברות, וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן אויפן סמך פון קלאַנגען נאָך אין געטאָ און צויטן פון ידיעות וואָס זענען דערגאַנגען אין לאַגער.

פאַר דער מלחמה איז דאָקטאָר האַרטוויג נאָך מער אַריינגעטון געווען אין טעאַטער, ווי דער דאָקטאָר פישער. טאַקע אומפאַרגלייכלעך מער מצליח געווען פון יענעם: אַנגעפירט מיט טעאַטערס, געמאַכט גרויסע אויפפירונגען, געפייערט אייניקע טריומפן. דאַן האָט עס פישער אים נישט געקאָנט פאַר־גיבען, געהאַלטן, אַז ער איז מער פלינקער קאָמבינאַטאָר, ווי אמתער שע־פער. בראָמבערג האָט דאַקעגן געהאַט האַרטוויגן צו פאַרדאַנקען אייניקע פון זיינע בעסטע ראָלן, אַ סך פון זיינע אַקטיאָרישע דערפאָלגן זענען געווען פאַרבונדן מיט האַרטוויגס אויפפירונגען. האָט ער במילא געהאַט פאַר אים אַ סענטימענט און אַ גלויבן אין יענעמס טעאַטער־פעיִקייטן. „ער יבולט" — דאָס איז געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט אין בראָמבערגס מויל פאַר אַ טעאַטער־מענטש. מיט דעם פלעגט ער אָפּט באַשענקען האַרטוויגן. איצט האָבן זיך די ראָלן ראַדיקאַל געביטן.

ביי בראָמבערגן איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז האַרטוויג שפּילט אַ מיאוסע ראָל. פאַרוואָס איז ער איינער אַריין אין נחס תיבה פונעם גאַנצן אַרומיקן מבול? זאָל אים פישער געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס... וואָלט ער זיך פאַרשטעקט אונטער דער ערד, ווי אַנדערע — אָבער פראַנק און פריי אַרומשפּאַצירן צווישן די רויבנעגל פון האַקנקרייץ? נישט אַנדערש — ער האָט פאַרקויפט די נשמה דעם טייוול, ווי פלאַנצרייך אין וואַרשעווער געטאָ. ווי דען אַנדערש? אַ קאָפּ האָט ער טאַקע — דאָס איז זיכער, אָבער אין זיין האַרץ גלייבט ער נישט. אַן אויסגעטרוקנטער יעקע, וואָס וועט זיך אויסציִען שטראַם פאַר יעדן קנעפּל און דינען בשלימות דעם קנעפּל, כל־זמן ס'איז — מאַכט. נישט קיין געפיל, נישט קיין גלויבן באַדינגט זיינע מעשים, נאָר אויסרעכענונג און אונטערגעאָרדנטקייט. אַ טרוקענער ביין אין זיין גאַנצער באַלד־צווימעטערדיקער לענג.

— איר וועט מיך נישט איבערצייגן, דאָקטאָר, אַ מיאוסער גאַליציאַ־נער, — האָט בראָמבערג אַמאָל פאַרענדיקט זיין וויכוח. באַלד האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז דערמיט באַליידיקט ער פישערן אויך. האָט ער אים

אַנגעהויבן איבערצובעטן, קינדיש געקרימט זיך, ווי אַ מאַלפּע, וועלנדיק עס פאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס.

נאָר יענער האָט זיך דערפון נישט באַליידיקט. צו די געגנט־אַנטאַגאַ־ניזמען איז ער שוין געווען געוווינט פון לאַנג און בלויז מיט אַ מילדן שמייכל רעאַגירט דערויף. אים איז געגאַנגען וועגן עצם־ענין: ער גלייבט נישט, ביי זיין גאַנצער אַנטיפּאַטיע צו האַרטוויגן, יענער זאָל באַוווסטזיניק פאַראַטן, ווי פלאַנצרייך. אַ גאַנצע טעאָריע האָט ער דערביי אַנטוויקלט: פאַראַטן קאָ־נען מענטשן, וואָס זענען אידעאָלאָגיש אין עפּעס אַנגאַזשירט. אויסבייטן אין גלויבן אויף אַ צווייטן קאָן אַמאָל זיין פאַראַט, אויב עס איז נישט פאַר־בונדן מיט ענלעכע מאָטיוון. האַרטוויג איז שטענדיק געווען אויסגעוואַשן פון יעטוועדער אידעאָלאָגיע. אַ קאָניונקטור־מענטש וואָס האָט זיך שטענדיק פאַרבונדן מיטן באַקוועמסטן צד. עס איז אַ גאָר אַלטער דרך אין יידישן לעבן. אים פערזענלעך, פּישערן, איז דער דרך טאָקע דערווידער, ער פאַר־טראָגט אים נישט ווי אַ לייטמאָטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער ער קאָן עס פאַרשטיין. ער פאַרשטייט מענטשן וואָס גייען מיט דעם דרך. און פאַרשטיין מיינט מוחל זיין. טאָלעראַנץ איז אַ פיינע אינטעלעקטועלע מדרגה. ליידער זענען יידן וויניק טאָלעראַנט. די געשיכטע באַווייזט... זאָל אים בראָמבערג גלייבן: נישט איינמאָל האָבן שתדלנים געראַטעוועט יידן פון אונ־טערגאַנג. שתדלנים — נישט קיין אידעאָלאָגן. דאָס יידישע לעבן איז זייט צוויי טויזנט יאָר אַזאַ פאַרפּלאָנטערטער לאַבירינט, אַז מע קאָן לייכט פאַר־בלאָנדזשען. ווער קאָן אויף באַשטימט זאָגן, אַז זיין וועג וועט אַרויספירן פון לאַבירינט? אַ געפּלאָגט באַשעפעניש ווערט זיך מיט אַלע מעגלעכע שיינע און נישט־שיינע מיטלען. שתדלנות איז אַן אָפּווער־געווער, ס'איז גראָד אַזאַ מין פּאָליטיק, ווי קאַמף — נאָר אויפן צווייטן פּאָליוס. און וועל־כער פּאָליוס איז היינט דער ריכטיקער, קאָן מען נישט וויסן אויף געוויס. ווער ווייסט, צי האַרטוויגן וועט נישט געלינגען צו ראַטעווען מער יידן, ווי דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע? אפשר קאָן מען — ליגנדיק פּאַרטייעט אונ־טערן שטיוול פון נאַצי — אַרויסראַטעווען ווערטפולע יידישע גייסטער? — איז עס דאָך כּדאַי. אַפילו פאַרן פּרייז פון אומווירדיקייט. ווייל האַרטוויגס ראָל איז זיכער אַן אומווירדיקע, נאָר — אפשר אַ נוצלעכע? מישפּטן וועט ערשט די געשיכטע.

— דער גרעסטער שופט, בראָמבערג ליבער, איר פאַרשטייט? — איז די געשיכטע.

בראָמבערג האָט עס נישט געקאָנט און נישט געוואָלט פאַרשטיין. צו וואָס טויגן גייסטער, ווען מע ברענגט אום אַ פאָלק? עס קאָן גאָר זיין — תמות נפשי אים פלישתים, ווי שמשון־הגיבור. יעדער ייד אַ שמשון־הגיבור. די „גייסטער״ — אַוודאי. געשיכטע איז אַ פיינע זאַך — פאַר די שקאָלעס. געדאַנקען, ווערטער, אותיות. לעבן שאַפט זיך מיט בלוט. מישפטן לעבעדיקע מוז מען נאָר מיט הייס בלוט. עין תחת עין. אַזוי מוז מען. ער ווייסט נישט קיין חכמות: שמעקט עס מיט פאַראַט, מיט פאַרברעכן — דאַרף מען עס מיט בלוט אָפּוואַשן, נישט מיט ווערטער. די געשיכטע וועט שפּעטער מישפּטן. מיט לעבעדיקע דאַרף מען שוין מאַכן דעם חשבון.

— איר, דאָקטאָר, ווילט אַלץ אויסמוחן. דעליקאַט. טשאַסטקעס פון גאַיעווסקין. איך בין ראַזעווע ברויט. ווי דאָס פאָלק. מוח איז פאַר די קאַ־בינעטן, קאַטעדרעס. געטאָ איז אַנטי־מוח. בדמיך, זאָגט דער פּסוק, איר געדענקט, דאָקטאָר?

אויב פישער האָט נאָך געפּרוווט צו פאַרטיידיקן, פלעגט זיך דער וויכוח ענדיקן מיט אַ ווילדן ברום פון בראָמבערגן. אַלע קעפּ פון די פריי־טשעס האָבן זיך דערשראָקן אויסגעדרייט צו זיי: — נישט שוין־זשע איז געקומען די לעצטע מינוט?

ד

טעג האָבן זיך געצויגן ווי שעהען אויף אַ גסיסה־בעט, נעכט — ווי וואָכן פון אַזעלכע טעג. אויפגעכאַפּטע ידיעות וועגן היטלעריסטישע מפּלות אויפן פראָנט, וואָס זענען גלייך קאָמענטירט געוואָרן דורך פישערן ווי בולטע אָנזאָגן פון דער נאָענטער ישועה, האָבן אָנגעצונדן פלעמלעך פון גלויבן אין אויסגעלאָשענע אויגן. נאָר באַלד זענען די פלעמלעך פאַרצויגן געוואָרן מיט ברוינלעכן נעפּל, ווען מ׳האָט ווידער דערזען דעם געדיכטן שוואַרצן רויך פון גרויסן קוימען, דערהערט דעם סווישטש פון דער בייטש, דעם געשריי ביים אַפּעל, די יאָמערן פון געקאַטעוועטע. די טאָג־טעגלעכע ברוילן, די צואה, אין וועלכער מ׳האָט זיך געטונקען — דאָס האָט שוין

נישט געמאַכט קיין איינדרוק, מ'איז שוין געווען געוווינט דערצו. אפילו די האַקנקרייצלעך אויף די עלעקטריזירטע דראָטן האָבן אָפּט מאָל פאַרלוירן זייער שטעכיקע שאַרפקייט. מ'האָט זיי אויפגעהערט צו באַמערקן.

נאָר פּלוצלינג איז דער בליק געפאַלן ביינאַכט אויף אַ שטיקל אויסשניט פון הימל, וואָס האָט אפּערגעקוקט פון אונטער דעם קרייצנדיקן שיין פון די טורעם־רעפלעקטאָרן. אַ שוואַרצע, טיפע שאַרלאַכקייט פון שטיקל הימל האָט זיך מיט אַמאָל אַנטפּלעקט. ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָרט אויבן וואָלט אַרויף דער תהום, פאַר וועלכן מ'האָט זיך שטענדיק געשראָקן, אַז ער געפינט זיך טיף־טיף אין דער ערד. דער פחד פון אַ געיאָגטער חיה האָט אָנגעהויבן אויף ס'ניי צו קרייזן אין בלוט. די אין בלאָק פון אויסלעבדער זענען אין גאַנצן ענלעך געוואָרן צו די וואָס מ'האָט אָן אויפהער קופּעסווייז געוואָרפן אין גרויסן אויוון אַריין. אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן פישער און בראַמבערג נישט געטאָרט דערשיינען מיט זייער אָפּטימיזם — די לאַגערניקעס וואָלטן זיי אויפגעגעסן, ווי אויספירער פון הומאַניטאַרער שחיטה: „באַטויבן די בהמה פאַרן פירן זי אונטערן מעסער" — האָט געברומט בראַמבערג צו פישערן.

יענער איז אַפילו יאָ געווען ביי דער מיינונג: — „אויב טויט, איז מענטשלעכער — אַ מיתה בנשיקה". בראַמבערג האָט זיך געוועגט קעגן דעם. ער האָט זיך געוועגט קעגן דעם געדאַנק וועגן טויט בכלל. דעם גלויבן אין לעבן נישט פאַרלירן אַפילו אונטערן ריח פון געסמאַליעטן פלייש ביים גרויסן אויוון. נאָר אויך אים האָט צייטנווייז דער אַלגעמיינער פחד צוגעקוועטשט מיט אַן אַפּאָקאַליפּטישער לאַפּע, געצוווּנגען זיך צו פאַררוקן אין אַ ווינקל און שווייגן; מיטשלעפּן מיט זיך פישערן, ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין וואָרט, וואָס קאָן קעגן אים אַרויסרופן דעם לעצטן אויפברויז פון בלוט ביי מענטשן, וועמען דאָס בלוט הייבט שוין אָן צו גליווערן אין די אָדערן. האָבן זיי געשוויגן ביז דער ברוינלעכער נעפּל איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

דאָס ערגסטע איז געווען, ווען ס'האָט זיך צעקרייעט דער בלעכערנער האָן אויף דער תליה. זיינע טענער האָבן אַדורכגעדרונגען די פאַרבאַרגנסטע קעמערלעך פון מוח, אַרויסגערופן אַ קוימגעהערטן שיגעון. פאַר די מענטשן וואָס זענען נאָך בכוח געווען צו טראַכטן, איז עס געווען אומבאַגרייפלעך:

אָט שפּאַצירט דער טויט אַ פּאַרטויזנטפאַכטער טאָג־טעגלעך צווישן זיי, זיין אָטעם אווירט אָן אויפהער יעדן אין פּנים אַריין, מע זעט אים אַ פּאַרקער־פּערטן אין מענטשלעכע געשטאַלטן ביי יעדן אַפּעל, אויף די פּריטשן פון די באַראַקן, אויף יעדן אַרבעטאָרט. מע פילט זיין מאַסנווייזן שניט, וואָס פאַרוואַנדלט אין גרויסן אויוון טויזנטער מענטשלעכע קערפּערס אין אַש. דאָס אַלץ רופט נישט אַזוי אַרויס די אַנונג פון אייגענעם טויט, ווי דער קריי פון בלעכערנעם האָן. נישט שוין־זשע ווירקט דער פּאַראַד אַרום איינ־איינציקן אומברענגען מער, ווי די געווייַנלעכע מאַסן־עקזעקוציע? פישער האָט אַפילו געפּרווט אינדיווידואַליסטיש צו באַגרינדן, אַז דאָס מאַסנ־האַפטע טרעפט ווייניקער צו דער נשמה, ווי דאָס איינצלנע.

למאי אַ קאַמער־פאַרשטעלונג. צו דער נשמה דערגרייכט זי גיכער.

— הערט אויף צו פילאָזאָפירן, דאָקטאָר. — בראַמבערג האָט אַזעלכע באַטראַכטונגען שטיל אָבער גראָב איבערגעהאַקט. ער האָט בכלל נישט ליב געהאַט צופיל באַטראַכטונגען. וועגן אַזעלכע זאַכן האָט ער נישט געקאָנט רעדן אַזוי קאַלט און שכלדיק, ווי פישער. ביי אים פלעגט זיך די פאַנטאַזיע צעשפּילן. ווערטער האָבן זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין געשטאַלטן. די דער־מאָנונג וועגן סוף האָט זיך צעטאַנצט פאַר אים מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, הענט, פיס, אַרויסגעלאָזטע געדערעם, ווי ביי די פערד אויף די באָמבאַרדירטע וואַרשעווער גאַסן.

איין מאָל האָט ער אַפילו געזאָגט:

— איר טראַכט וועגן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, טראַכט כסדר צו אַ נייע קאָנצעפּציע. מע טאָר נישט. אַז מיר וועלן מערצישעם ווידער ווערן מענטשן וועל איך נישט דערלאָזן. ס׳וועט צופיל דערמאָנען דעם בלעכער־נעם האָן. כ׳האָב קיין מאָל נישט געפילט, וואָס דאָס הייסט טויט אויף אַן אמת. אַפילו שטייענדיק ביי עמעצנס טויטנבעט. איצט... איר פאַרשטייט, דאָקטאָר... איצט... לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם.

אָפּהאַלטן דעם דאָקטער פישער פון רעדן איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אַ וואָרט האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ נייעם געדאַנק, אַן איינפאַל, אַ סברה. בראַמבערגס דערמאָנונג וועגן „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ האָט ביי אים געבוירן:

— בראַמבערג, מיר וועלן דאָ מאַכן אַ פאַרשטעלונג .

— משוגע?

— קיין האַרדר נישט. דווקא דאָ. פּרץ וואָלט עס אפילו נישט געקאָנט אויספיבערן. איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט? ביי זיך וועלן מיר דאָס אָנ־רופן „ביינאַכט אויפן נייעם האַקנקרייץ״.

געמיינט האָט בראַמבערג, אַז דער דאָקטאָר איז אויף אַן אמת משוגע געוואָרן. אָבער פישער האָט אים אָנגעהויבן מיט ברען פונאַנדערוויקלען זיין פּלאַן: פּיעסע — ס׳איז גאָרנישט; אַקטיאָרן — גענוג איין בראַמבערג. נישט וויכטיק וואָס ער וועט שפּילן. זאָלן זיין פראַגמענטן פון אַלטע ראָלן, אימפּראָוויזאַציעס, פּורים־שפּילערישע קונצן. דער עיקר איז די סצענאַריע, די אומגעבונג. פאַרשטייט דען נישט בראַמבערג וואָס עס באַטייט צו שפּילן דאָ, אין דעם לאַגער, אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון בלעכערנעם האָן, אין נעפּל פון גרויסן אויוונרויך? קיין שום פעסטשפּילן אין דער וועלט קאָנען נישט האָבן אַזאַ מאַקאַברישע שוישפּיל־אַטמאָספער, וואָס־מיר־אָבערמאָרגאָו — דאָס דאָרטיקע גיהנום איז אַ דילעטאַנטישע נאָכקרימונג דערפון וואָס עס געפינט זיך דאָ אין איין ווינקעלע פון לאַגער.

— בראַמבערג, אייך איז באַשערט צו זיין דער איינציקער קינסטלער אין דער וועלט, וואָס איז זוכה געווען דערצו. אַז מיר וועלן איבערלעבן — וועל איך עס אַליין באַשרייבן. עס וועט זיין מיין גרעסט ווערק.

די פאַרוואָסערטע אויגן פון בראַמבערגן האָבן געקוקט אויף אים. פישער האָט נישט גערוט: — דאָס וועט דאָך זיין די גרעסטע אויפמונטערונג פאַרן גאַנצן בלאָק. און אַ צו־להכעיס היטלערן. מיטן בלאָקן־עלטסטן וועט ער אַליין די זאַך דורכפירן. אַ שטיינדל אויף כאַבאַר וועט זיך אויך געפינען. די סלאָוואָקישע יידן האָבן דרכים צו באַטשאַלסטווע — ס׳וועט זיין ממש אַ לעגאַלע פאַרשטעלונג. וואָס נאָך קאָן די מענטשן אַזוי דערוויטערן פון געדאַנק וועגן טויט, ווי אַ לעבעדיקע טעאַטער־פאַרשטעלונג.

— דאָס איז אונדזער חוב. איר זענט אַ פאָלקסאַרטיסט, בראַמבערג. אונדזער פאָלק לעבט איבער די שווערסטע מאָמענטן אין זיין פילטויזנט־יאָריקער געשיכטע. בראַמבערג, מיר וועלן אַרויס די זיגער. פון דעם מבול וועט דאָס פאָלק אַרויס אַ באַנייטס. איר מוזט העלפן אונדזערע ברידער

אין די שווערסטע מאָמענטן. דיין צושטייער צו דער באַנייונג, פֿאָלקס־אַרטיסט!

אַ לאַנגע פּויזע האָט זיך געצויגן. בראָמבערג קוקט שטאַר פּישערן אין פּנים אַריין, פֿאַרשטייט נאָך אַלץ נישט. פּלוצלינג רוקט זיך שאַרף אַרויס זייַן אונטערשטע קין אין אַ ברייטן שמייכל, אין האַלדז האָבן אַ ריזל־געטון נישט אַרטיקולירטע קלאַנגען. ער איז מסכּים געווען מיטן פּלאַן.

ה

איניקע פּריטשעס — אָוועקגערוקטע אין סאַמע עק פֿון באַראַק, צו־נויפֿגערוקטע צוזאַמען, באַדעקטע מיט בענק און ברעטער — זענען געוואָרן די בינע. ד״ר פּישער איז געזעסן ביי איר סאַמע ברעג, ווי זיין שטייגער איבערגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, קינדיש געשמייכלט:

— אָן „איבער־ברעטל״, ווי ביי די „בראָדער״, — האָט ער זיך באַ־רימט פֿאַר זיין שכן, אַן אַדוואָקאַט פֿון בראַטיסלאַווע, וואָס האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס עס גייט דעם „פֿאָלגישן הער קאָלעגע״.

לענגאויס דעם גאַנצן באַראַק,וווּ ס׳זענען קוים געווען דורכגענג צווישן די געדיכטע רייען פּריטשעס, זענען געלעגן איבערגעבויגן אַלע העפטלינגען פֿון דעם בלאָק און געציילטע איינוויינער פֿון שכינותדיקע: „שטובן־עלט־סטע״, קאַפּאָס, און ביים סאַמע טיר — אַ גרופּע צונויפֿגעדריקטע ייִנגלעך, „לאַגער־לויפֿערס״. קינדער ממש. נאָרמאַל זענען זיי אין לאַגער געווען פֿון די סאַמע מיוחסים. איצט האָבן זיי זיך געפֿילט מאָדנע פֿאַרלוירן און דער־שראָקן — נישט קיין געוויינלעכער לאַגער־פּאַראַד. אפשר גילטן דאָ נישט זייערע פּריווילעגיעס?

„באַטשאַלסטווע״, „בעהערדן״ האָט מען נישט געזען. אַ דערלויבעניש ביים גרופּנפֿירער האָט מען טאַקע אויסגעפּועלט. אָבער ווער ווייס מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן? בעסער צו זיין אין דער קאָנטינגע. זאָל די אַחריות פֿאַלן אויף די דרעקיקע קאַפּאָס און דעם שטובן־עלטסטן.

דעם פּראָגראַם האָט פּישער פֿון פֿריִער גענוי אָפּגערעדט מיט בראָמ־בערגן. יענער האָט נאָר איינס געבעטן:

— אַ פּאָר ווערטער פּאַרזאָגן... אַ מין קאָנפערענסיע, דאָקטאָר. אַריינפירן, אָפּשפּילן די אוווערטור. שאַפן שטימונג.

דערצו איז פישער גרייט געווען מיט אַ באַזונדערן אייפער — דורכשפּאַצירן זיך אַ ביסל איבער זיינע באַליבטע טעמעס: מינאַן־זינגער, היסטריאָנען, לצים, פּורים־שפּילער, בראָדער־זינגער, קאָמעדיאַנטן...

— דער עיקר, בראָמבערג טייערער, הייטערקייט, הומאָר. דערמיט אָנהייבן, דערמיט פאַרענדיקן. הייבן די שטימונג... ס׳וועט אַוועק אַ גאַנג. איר וועט נאָך דאָ אָפּשפּילן אַלע אייערע ראָלן.

אין באַראַק האָט געהערשט אַ געפּרעסטע שטילקייט, ווי בעת אַן אַפּעל. מ׳האָט זיך ממש אויסגעהיט צו אָטעמען הויך — טאָמער, חלילה, וועט עס אַוועקבלאָזן די אומדערוואַרטע אַנדערשקייט וואָס דאַרף באַלד דערשיינען. טעאַטער... נישט די געוויינלעכע ספּעקטאַקלען, אין וועלכע זיי באַטייליקן זיך, ווו עס שפּילן חיות. טעאַטער וואָס ווערט געשפּילט דורך אַ מענטש. דורך איינעם פון זיי. דאָס אַליין איז אַ צוריקדערהייבונג צו דער מדרגה מענטש, פון וועלכער זיי זענען מיט געוואַלט אַראָפּגעשטויסן געוואָרן. „שהחיינו" — האָט זיך געבאָמבלט אַ תפילה אין מוחות. אַ בלענדיקער סימן אַז מע לעבט. שווימט אויף אַ גלויבן: מע וועט איבערלעבן.

אויף די פּריטשעס זענען געלעגן די זעלבע לאַגער־מלבושים וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זאַמדיקן באָדן מיט טיפע ברוזדעס. פון יעדן מלבוש האָט אָבער אַרויסגעקוקט אַן אַנדער פּנים. די פּנימער, וואָס האָבן ערשט מיט געציילטע שעהען צוריק אויסגעזען אַלע גלייך — אַ שטיק צעקנאָטן ליים — זענען מיט אַמאָל געוואָרן פּנימער פאַר זיך, יעדעס מיט זיינע שטריכן. געמאַכט האָבן עס קודם־כל די אויגן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן פייערלעך. יעדעס פייערל האָט אַנדערש באַלויכטן אַ פּנים. אפילו שוין אין גאַנצן פאַרלאָשענע, פאַרשוואָלענע, וואַסערדיקע אויגן, האָבן איצט באַקומען זייער אַלטן אויסדרוק, זייער פאַרגאַנגענעם מענטשלעכן אויסדרוק. בלויז די אויגן פון די מיוחסים — עלטסטע, קאַפּאָס, לויפערס — זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ שרעק. ווען זיי האָבן זיך צופעליק איבערגעקוקט, האָבן זיי צו זיך אַליין געהאַט טענות: „צו וואָס האָט מען צוגעלאָזט צו דער גאַנצער חתונה? פאַר אונדז קאָן זיך עס שלעכט ענדיקן".

פישער האָט לייטזעליק געשמייכלט, צופרידן געווען פון זיין המצאה.

ווידער אַ באַווייז אַז ער איז שטענדיק געגרעכט געווען — טעאַטער איז אַ נישט־דערשאַצטער כּוח. אַרויסגעוואַקסן פונעם רעליגיעזן אומרו פון מענטשן, האָט עס נאָך אין זיך איינגעהאַלטן די קראַפט פון משפּיע זיין אַ מענטשלעכע מאַסע אַזוי ווי אַ רעליגיעזע צערעמאָניע. דאָס וועזנטלעכע איז נאָר — מיט וואָס פאַר אַן אינהאַלט מע פילט אויס אַ טעאַטער־שפּיל. אויף אַזאַ אופן וועט עס אויך דינען דעם מענטשן, משפּיע זיין אים. ער האָט עס דאָך אַמאָל געהאַט געשריבן — די ווירקונג פון סובלימירטע יחידישע איבערלעבונגען אויף דער פּסיכיק פון כּלל...

— פּאַרטיק! — האָט זיך דערהערט אַ שטילער ברום פון אונטער דער טיפּסטער פּריטשע, ווו בראַמבערג האָט זיך געגרייט צום אויפטריט. דאָס האָט מאָמענטאַל איבערגעריסן פישערס אינערלעכע באַטראַכטונגען און ער איז מיט אַן אומגלייבלעכער לייכטקייט אויפגעשפּרונגען אויפן אויבער־ברעטל, אָנזאָגן:

— די ערשטע ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף דעם אָרט...

אַ סך פון די אָנוועזנדיקע האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין ייִדיש. זיי האָבן אָבער יאָ פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער מאַן מיט דער לאַנגער נאָז מוז דערציילן וועגן ליבע און נאָענטע זאַכן — אַזוי האָט געשטראַלט זיין פּנים פון אינערלעכער פרייד. יאַרהונדערטערס זענען געשפּרונגען אין די אויערן, מאָדנע נעמען זאָון באַצייכענונגען. צו ביסלעך האָט אָבער אָנגעהויבן צו שפּאַרן אַן אומגעדולד אין מוחות — פון מידקייט, פון נישט פאַרשטיין. נישט דערויף וואַרט מען. בראַמבערגס אַ הוסט האָט געצויגן פישערס אויפמערק־זאַמקייט אויף דעם אומגעדולד. ער האָט אים דערפילט. איז ער מיט דעם זעלבן שמייכל אַוועק פון די פאַרגאַנגענע יאַרהונדערטער און פרײדיק אָנ־געזאָגט דעם אויפטריט פון גרויסן ייִדישן פאָלקסאַרטיסט בערל בראַמבערג אין פראַגמענטן פון זיין רעפּערטואַר.

— ער וועט אָנהייבן מיט דער האַרציקער שלום־עליכם־געשטאַלט פון שניידער שימעלע סאַראַקער...

בראַמבערג איז שוין דאַן געווען אויפן ברעטל, איינגעהילט אין אַ גע־וואַנט, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ רוימישע טאָגע און ייִדישע תּכריכים — אַ קאָסטיום, וואָס ער האָט זיך צוגעטראַכט ס'זאָל אויסזען אַנדערש, ווי די גאַנצע מאַסע לאַגער־בגדים. דער קאָסטיום איז אפשר געווען בלויז פאַר

דער אַנדערשקייט אַליין און אפשר אויך פֿאַרן פֿייערלעכן געפּיל פֿון יום־הדין — אַ טרויעריק־יום־טובדיקער. מער גאָרנישט, אַחוץ דעם געוואַנט. דער פֿליך האָט אַרויסגעגלאַנצט פֿון ערדקאָליריקן פּנים, וואָס האָט אין מאַטן שיין פֿון איינציק־ברענענדיקן עלעקטרישן לעמפּל געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ טויטנמאַסקע. פֿישער האָט זיך צוריקגעצויגן אין זיין ווינקל. בראָמבערג איז געשטאַנען פֿאַרגליווערט, ווי אַ געשפּענסט, ביז די געפּרעסטע שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ פּאָר אומדרייסטע האַנט־פּאַטשערייען, וואָס האָבן זיך געשטאַרקט, צעוואָקסן, אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן ווי דער גוטבאַקאַנטער „דאָנער־אַפּלאַוז" פֿון אַ סך פּאַרערער. אין די אויגן האָבן זיך אים אַ דריי־געטון טרערן. ער האָט זיך טיף פֿאַרנייגט. ווען ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ איז שוין זיין אַרויסגערוקטע אונטערשטע קין געווען ברייט־צעשמייכלט, די אויגן האַלב־צוגעדעקטע מיט אָנגעשוואָלענע דעקלעך — ער איז געווען שימעלע סאָראָקער.

ו

לייכטע אויפֿשלוקעכצן פֿון געלעכטער. מענטשן האָבן זיך אָפּגעווינט פֿון פֿריי לאַכן, אפשר גאָר מורא געהאַט דערפֿאַר. אָבער דאָס געלעכטער פֿאַרטיפֿט זיך, ברייטערט זיך אויס, לסוף דונערט עס אָפּ מיט אַ הילך אונטערן נידעריקן באַלקן פֿון באַראַק. קנייטשן — טיפֿע קברים — ווערן אָפּגעווישט פֿון פּנימער. אַ כּישוף־האַנט נעמט פֿון זיי אַראָפּ סימנים פֿון פּיין, קלעפּ, האָפֿענונגלאָזיקייט. צורת־מענטש איז ווידער אַרויסגעקומען מיט אַלע שיינען און פֿאַרבן פֿון איר פּילפֿאַכקייט.

בראָמבערג האָט אַרומגעשוועבט איבער די ברעטלעך מיט אַ פֿלינקייט פֿון אַ טענצער. ער האָט געשפּילט צו די אַרומיקע פּנימער פּאַר שימעלען, פּאַר מאָטעלען, פּאַר קאָפּעלען, פּאַרביילקע און עטי־מעניע. אַליין זיך געענטפֿערט און צוריק־געשפּילט. די אונטערשטע קין אַריינגעצויגן, ווען ער איז געווען אַן אַנדערער און צוריק זי נאָרמאַל אַרויסגערוקט, ווען ער איז געוואָרן שימעלע. ער האָט דערפֿילט זיינע פּאַרטנערן — צענדליקער פּאַרטנערן פֿון פֿאַרשידענע לענדער, פֿאַרשידענע טעאַטערס — געפֿילט זיי לעבן

זיך, איינערלעך זיך באַגריסט מיט זיי, צוגעוווּנקען ממזריש: „אָבער מיר שפּילן, האַ?” ער האָט אָנגעפּילט דעם אַקט מיט פּאַרשיידנאַרטיקייט פון טענער און העוויות, צוגעפּאַכעט צייטנווייז מיט די פּאָלעס פון ווייסן גע־וואַנט, ווי מיט אַ ווייבעריש קלייד. אַ מאָדנע לייכטקייט האָט אים געטראָגן, אַן אויסגעהונגערטקייט פון חדשים נישט אויסלאָדן זיך. חדשים, וואָס זענען געווען צענדליקער יאָרן, וואָס האָבן זיך בכלל נישט געלאָזט שאַצן מיט מאָס פון צייט. ער האָט געשפּילט. צוגעזונגען אַ ניגון, געטראַכט וועגן נישט דורכלאָזן חלילה קיין איין וויץ, קיין איינע פון זיינע אויסגעפּרוּווטע קאָמישע שפּילסצענעס. זיין זיכרון — די לעצטע יאָרן שוין אַ לײַטיש אָפּגעשוואַכ־טער — האָט זיך אויפגעבונדן, ווי אין די יונגע יאָרן. ס'האָט זיך אים פאַר־גליסט צו פּרוּוון פון די דינסטע טענער זיינע, פון קליינשטעטלדיקער פאַר־חלומטקייט, וואָס איז אים אין די לעצטע יאָרן שוין געווען דערווידער, — אַרויסבאַקומען אַ שטיל, האַרציק פליסטערן — און פאַרענדיקט מיט ממעמקימדיקן זיפץ — „אַ חלום, אַי אַ חלום”... אַ רגע איז געבליבן הענגען אַ געפּרעסטע שטילקייט אין באַראַק, ביז דאָקטאָר פישער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט זיינע ביינערדיקע פינגער און מיטגעריסן אַלע הענט.

גליקלעך... יאָ, ער איז געווען גליקלעך, בראַמבערג, ווען ער האָט פאַרבייגנדיק זיך געדאַנקט דעם עולם. שווער געסאָפּעט פון דער אָנשטרענ־גונג און געשטראַלט דערביי מיטן צעברײַטערטן מויל. כהרף־עין איז ער גרייט געווען אָפּצושפּילן דעם צווייטן פראַגמענט, אָנטרינקען זיך פון דעם אומגעריכטן קוואַל פון גליק.

„וואָס איז גליק? — האָט אים פאַרבייגעבליצט אין מוח — דערגרייכן עפּעס, וואָס זעט אויס צו זיין אומדערגרייכלעך. איצט האָב איך עס דער־גרייכט, דאָס פאַנטאַסטישסטע אין מיין לעבן. דאָס גרעסטע גליק אין אי־בערמענטשלעכן אומגליק”.

אין דער איבערצייגונג האָט אים פאַרשטאַרקט די שטראַלנדיקייט פון פישערן. ער האָט זיך דעריבער געוואָלט נאָך מער אָנזעטיקן מיט דער מינוט, געשלונגען די פרייד־אויסדרוקן פון יעדן פּנים, געגלעט ממש מיט פאַרזשמורעטע בליקן זיינע צוהערער. פּלוצלינג זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּולן, פּירקאַנטיקן פּרצוף: מעכל, דער קאַפּאָ מעכל.

פון זיין פּנים איז פאַרשוווּנדן דער שמייכל. די פּיס האָבן אים אַליין צוגעטראָגן צום סאַמע ראַנד פון אויבערברעטל, געריסן זיך אַריבערצושפּאַ־נען צום עק באַראַק, ווו ס׳האָט זיך פון דער טונקלקייט אַרויסגעביסן דאָס פּירקאַנטיקע פּרצוף. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך פאַרהאַלטן, פאַר־ביסן די ליפּן, אויסגעגלייכט און מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט אַ שאַרפער שטים די ווערטער פון זייבער אַן אַלטער מעלאָדעקלאַמאַציע „אָפּ־געגעבן ברויט״. אַ נאַיווע מעשה מיט אַ צאַרישן זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק און אַ רעוואָלוציאָנער, אַ זאַך, וואָס איז גאָרנישט געווען פאַרגעזען אין פּראָגראַם, וואָס איז אין גרונט געווען טריף — אין די צייטן און אויף דעם אָרט. פאַר דער אומגעריכטקייט האָט זיך פּישער לכתחילה געהאַט דער־שראָקן, נאָר באַלד האָט דער שטענדיקער אָפּטימיזם צוריק אויסגעשפּרייט אַ שמייכל אויף זיין פּנים: „היינט וועט אַלץ אָנגיין. ווי אין דער פּורים־שפּיל — היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס״.

דאָס מאָל האָט שוין בראַמבערג נישט געשפּילט. ער האָט געשליידערט ווערטער פון דער דעקלאַמאַציע, ווי שטיינער, אין דעם פּירקאַנטיקן פּנים אַריין דאָרט, אין טונקעלן עק פון באַראַק. קיינער פון די צוהערער האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבה, געמיינט — אַזאַ שפּיל. מעכל דער קאַפּאָ האָט עס אָבער יאָ פאַרשטאַנען. מיט געציילטע וואָכן צוריק האָט ער בראַמבערגן דערלאַנגט אַ פאַר פעסטע קלעפּ... אָן אַ פאַרוואָס, נישט ביי דער אַרבעט אפילו. פון די קלעפּ, וואָס אַ סך אין לאַגער האָבן מכבד געווען שוואַכערע פון זיי, כדי זיך אַליין צו דערמאָנען, אַז מ׳איז געוואָרן אויס מענטש. קלעפּ, כדי חלילה נישט צו ווערן אויס חיה. קלעפּ צוליב קלעפּ. זענען זיי נאָך ווייטיקלעכער געווען פאַר די געשלאָגענע, נאָך מער דערנידעריקנדיק, אויב ס׳קאָן זיין נידעריקער, ווי דאָס נידעריקסטע.

פאַר די קלעפּ האָט איצט דער געשלאָגענער אָפּגעצאָלט. מעכל האָט עס דערפילט און אומבאַמערקט זיך אַרויסגעשלייכט פון באַראַק. נאָר בראַמ־בערגן האָט עס נישט באַרויקט. ער האָט נאָכגעשליידערט די ווערטער — אַרויס, איבערן פעלד, צו די שטעכלדראָטן, צו די טורעמס מיט די געווער־לופּעס און זיך קרייצנדיקע רעפלעקטאָרן. ער האָט געשליידערט ווייטיק, האַס, דאָרשט נאָך נקמה. נישט בלויז צו מעכלען — מעכל איז איצט געוואָרן פאַר אים אַ קליין שרעטעלע אין אַ ריזיקן באַרג פון רשעות און פאַרברעכן.

צו האָט זיך פאַרמאָסטן צו טרעפן אין שפּיץ פון באַרג, מעג ער גרייכן אַפילו צו דעם שוואַרצן הימל. ער מוז מרעיש־עולמות זיין. געגוג געשפּילט, די שפּיל איז פאַרן טיוול... אָפּגעגעבן ברויט...

די דעקלאַמאַציע האָט ער געענדיקט אַן אויסגעלאָדענער, דערשעפּ־טער, פאַרלאָשענער. פישער האָט אָנגעזאָגט אַ קורצן איבעררייס, כאָטש ס׳איז נישט געווען פאָרויסגעזען אין פּראָגראַם. בראָמבערג האָט לכתחילה געוואָלט אויסלאָדן אַלץ אין איין אָטעם. טאָמער וועט עפּעס שטערן אין מיטן — בעסער אַריינכאַפּן מיט אַמאָל. נאָר קיין טענות קאָן ער נישט האָבן — די דעקלאַמאַציע איז אויך נישט געווען פאָרויסגעזען אין פּראָגראַם. און ער איז טאַקע אויף אַן אמת דערשעפּט. כאָטש — גיי ווייס ביי אַר־טיסטן — קאַפּריזנע קינדער...

דער עולם אויף די פּריטשעס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, גע־וואַרט אין די זעלבע פּאָזיציעס אויפן המשך. אַ שאָד געווען זיך צו רירן — עס קאָן אַרויספירן פון דער שטימונג, אָפּשוואַכן די איבערלעבונג. דאָס אומגעריכטע וואָס איז געקומען צו גאַסט ווי אַ לייטזעליקייט פון שוואַרץ־רויטלעכן הימל איבערן לאַגער. קיינער האָט נישט געהאַט באַמערקט מעכלס פאַרשווינדן, אַ חוץ די פּאָר לויפער־יינגלעך, וואָס האָבן זיך איצט נאָך מער צונויפגעדריקט אין אַ קופּע.

י

אויפקלערן פישערן וואָס ס׳איז געשען, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פּלוצ־לינג געענדערט דאָס פּראָגראַם, האָט ער, בראָמבערג, באַין־אופן נישט געקאָנט. זיינע אויגן, פאַרצויגענע מיט אַ נעפּל, האָבן זיך וואָסערדיק אַריינ־געגאָסן אין איין פּונקט. שווער־סאָפּענדיק האָט ער אין איין טאָן געשטאַמלט, ווי אַ גראַמאָפאָן־פּליטע, ווען עס פאַרהאַקט זיך די נאָדל:

— כ׳האָב געמוזט... כ׳האָב געמוזט... כ׳האָב געמוזט...

די אַרגומענטן אַז דער „שיילאָק״־מאָנאָלאָג, וואָס איז געווען פאַרגעזען ווי דער צווייטער נומער פון פּראָגראַם, איז אַ סך שטאַרקער, אַקטיאָריש־אינטערעסאַנטער און אַן ערך ווערטפולער פון דער מעלאָדעקלאַמאַציע, האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דעם זעלבן איינטאָניק „כ׳האָב געמוזט״... ערשט

נאָך אַ לענגערער ווײַל, ווען דער נעפּל איז אָפּגעשוווּמען פֿון זײַנע אויגן און ס'האָט זיך אין זיי באַוויזן אַ גראָער, קינדיש־פֿאַרלוירענער בליק, האָט זיך בראָמבערג אײַנגעקלאַמערט אין פֿישערן, פֿאַרלאַנגט בײַ אים אַן ענטפֿער:

— זאָגט, דאָקטאָר, וווּ איז די גרענעץ צווישן מענטש און נישט־מענטש? זאָגט, וווּ?

— איצט פֿילאָזאָפֿירט איר, בראָמבערג טײַערער. און ווען? אין מיטן אַ פֿאָרשטעלונג? מע דאַרף נישט. מע טאָר נישט... „דערלאַנגען" — דאָס איז איצט דער עיקר... יאָ, מיט וואָס הייבן מיר אָן? מיט „שײַלאָקן"?... אָפּטימיס־טיש, בראָמבערג. גאָטדינערייש. מענטשנדינעריש. מיט האַרץ.

— גוט... גוט... — בראָמבערג האָט דערשלאָגן געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט נישט געפֿונען די גרענעץ. דער דאָקטאָר ווייס אַ פּנים אויך נישט ווו צו זוכן...

פֿישער איז ווידער אַרויף אויף די ברעטלעך, פֿאַרגעזאָגט דעם נײַעם פּראָגמענט. מיטן זעלבן שמייכל, וואָס האָט פֿריִער באַשײַנט זײַן פּנים. ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, ווי אַלץ וואָלט פֿאַרלאָפֿן לויטן סדר, לויטן פּראָ־גראַם — אַזוי ווי ס'מוז זײַן יעדער ריר און יעדער אָטעם אין לאַגער.

די ערשטע סצענע מיט אַנטאָניאָ האָט בראָמבערג גלאַט אָפּגעשפּילט. ער האָט זיך באַמיט זי צו געבן מיט אַלע פֿאַרבן און גרימאַסן ,ווי אַמאָל, אין דער גרויסער „שײַלאָק"־אויפֿפֿירונג. ווי נאָר אָבער ער איז אַריבער צו דער סצענע פֿון זוכן די טאָכטער, האָט פֿישער באַמערקט, אַז אַ נישט־סצענישער אומרו האָט באַהערשט דעם אַקטיאָר. די געשרייען „דזשעסיקאַ!" — אַמאָל האָבן זיי בײַ אים געקלונגען ווי ווײ־געוואָלטן פֿון אַ פֿאַרווונדע־טער חיה, אָנגעפֿילט מיט אַלע זאַפּטן פֿון זײַן מעכטיקן האַלדז — זענען איצט געווען מוראדיקע פֿראַגע־צייכנס, שאלות בלחש — צו זיך, צו דער וועלט, צו גאָט, אין וועלכן בראָמבערג האָט אויף זײַן אופֿן געגלייבט.

פֿישערן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט שײַלאָק זוכט זײַן פֿאַרלוירענע טאָכטער, נאָר בראָמבערג זוכט זײַן פֿאַרלוירענעם גלויבן — דעם גלויבן אין מענטש. אויפֿן גאַנצן עולם האָט די סצענע געלאָזט אַ שוואַכן אײַנדרוק — אין טונקעלן שײַן זענען די אויגן פֿון בראָמבערגן נישט דערגאַנגען צום עולם.

אָבער פֿישער האָט זיי דײַטלעך געזען, דערפֿילט די טראַגיק פֿון זייער

אויסדרוק, די האָפענונגלאָזיקייט, וואָס האָט פון זיי געשפּאָרט. ער האָט שוין געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויף די ברעטלעך, איבעררייסן די סצענע, נישט דערלאָזן צו בראָמבערגס אַ נייעם צוזאַמענברוך.

דער קינסטלער האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, באַהערשט. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין נישטערן אין אַלע ווינקעלעך, זיך אַוועקגעשטעלט ביים סאַמע ראַנד פון אויבערברעטל און אָנגעהויבן דעם גרויסן שיילאָק־מאָנאָלאָג.

אויך דאָס מאָל איז עס נישט געווען דאָס נאָרמאַלע בראָמבערגישע שרייען און קלאַפּן זיך מיט די הענט אין ברוסט — ס׳זענען געווען געדעמפּטע, מיט ווייטיק־אָנגעפּילטע פראַגן אין חלל; פראַגן צו יענע, וואָס האָבן זיי אַלע דאָ אָן אַ פאַרוואָס פאַרוואָרפן אַ שטריק אויפן האַלדז; פראַגן צו די, וואָס ווילן זיי נישט הערן, ווילן נישט הערן קיין מענטשלעך קול און קיין מענטשלעכע שפּראַך, ווייל זיי זענען געוואָרן ח י ה — מאָנסטרואַלע, אַפּאָקאַליפּטישע חיה. איז צום סוף דערפון אַרויסגעקומען נישט דער פאַרביסענער אָנזאָג פון שיילאָקס נקמה — ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מאַכטלאָזע דראָונג, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם נישט־גלויבן אַז זי וועט אויסגעפירט ווערן.

שוואַך זענען געווען דאָס מאָל די אַפּלאָדיסמענטן — הענט זענען געווען פאַרנומען מיט ווישן די אויגן. זיי האָט דער נישט־גלויבן שוין לאַנג געהאַט באַהערשט. בראָמבערגס איצטיקע מאַניפעסטאַציע איז פאַר זיי נאָר געווען אַ באַשטעטיקונג.

דאָס ווילטיקסטע איז אָבער פאָרגעקומען ביי דער סצענע פון „שלמקע שאַרלאַטאַן”. פישער האָט די סצענע איינגעשלאָסן אין פּראָגראַם, ווייל דאָס איז בראָמבערגס אַ באַליבטע ראָל. ער מאַכט אין איר אָן אַ שיער טראַגיקאָמישע, פּורים־שפּילערישע קונצן. דאָס מאָל האָט ער די סצענע געמאַכט אָן קונצן און אָן פאַרב. מיט דער גאַנצער אָרעמקייט זייערער האָבן זיך אָנגעזען די גראָבע שטעך פון גאַרדינס פּרימיטיווער פּראָזע. אויף די פּנימער פון די צושויער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ לאַנגווייליקייט... ערשט ווען שלמקע מאַכט זיין רעווערענס צום אַוועקגיין מיט דעם „אַלעס געזען, אַלעס געהערט, טראַ־טאַ־טאַ־טאַ...” — האָט אַ גרויל אַרומגעכאַפּט אַלע אָנוועזנדיקע. דאָס פּנים פון אַקטיאָר איז אויסגעקרומט געוואָרן אין פּיין, זיין האַלדז האָט אָנגעהויבן צו כאָרכלען מיט אַ שטיל כליפּען, אין די אויגן איז

טעאַטראַלן

געבליבן שטיין פאַרגליווערטער צער. אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען פאַרן עולם, אויסגעצויגן די האַנט אַהין, וווּ ס'איז פריִער געשטאַנען דאָס קוואַדראַטע פּנים. דאָרט האָט ער איצט געזען פאַר זיך פיר ריזיקע, פאַרבויגענע נעגל פון אַן אומבאַקאַנטער רויב־חיה. די נעגל זענען געווען פאַרבונדן נישט דורך פינגער, נישט דורך גוף — דורך נאַקעטע, מיט בלוט־פּולסירנדיקע אָדערן, וואָס האָבן זיך צונויפגעדרייט אין אַן אויסגעקרומטן קרייץ. ער האָט געפילט, ווי די נעגל ציִען זיך צו זיין האַלדז, בייסן זיך פאַמעלעך, פאַמעלעך איין אין אים, שטיקן... שטיקן...

*
**

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט פון פייערדיקע רינגען אַרויס־געטויכט פאַר אים די לאַנגע שפּיציקע נאָז פון ד״ר פישער וואָס האָט שטיל געפּליסטערט:

— בראַמבערג, ליבינקער, מע טאָר זיך נישט נאָכגעבן... מע דאַרף זיך האַלטן, איבערלעבן... מיט די לעצטע כוחות.

ער האָט פאַרשטאַנען צוביסלעך די ווערטער. זיי האָבן געטאַנצט אין זיינע אויערן, ווי די קלאַנגען פון ווייטע גלעקלעך, אויסגעהוידעט זיך, אַריינבאַקומען אין זיין מוח און געפּרוווט איינצושטילן די שפּאַרעניש אין שאַרבן. ס'האָט נישט געהאָלפן. ער האָט אָבער צוריקגעפּליסטערט צו פישערן:

— דאָקטאָר, אַ ליגן, אַ שרעקלעכער ליגן. אַזעלכעס נאָך נישט געזען... נישט געהערט... נישטאָ קיין גרענעץ: מענטש, חיה, חיה איז אַריין אין מענטשן, דאָקטאָר. מיר האָבן פאַרשפּילט... מיר... זיכער... פאַרשפּילט.

אַ טונקעלער שווערער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר זיינע אויגן. געדיכטע קנוילן רויך. אונטערן שאַרבן האָט אָנגעהויבן צו שפּאַרן שטאַרקער. ריזיקע פאַרבויגענע נעגל האָבן ווידער געשטיקט... געשטיקט...

וואַרשע, אַפּריל־מאַי 1957.

אַ שעקספּיר-פאַרשטעלונג

דעם אָנדענק פון אַרטיסט
שמואל לאַנדאַו — געהייליקט.

דאָס גלעקל האָט אָפּגעהילכט אין די גאַרדעראָבן מיט אַ דריבנעם, שפּיציקן ציטער און אַרויסגערופן אַן איילעניש ביי די אַקטיאָרן. אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען: אַ לעצטער צעשמיר די שמינקע, אַ צו־שאַרפער שטריך פונעם אויסרעטושירטן פּנים. שנעל באַוועגן זיך האָזנפּיסלעך איבער געשמינקטע באַקן און שטערנס. און פאַרשפּרייטן אַ ווייסן מעלשטויב אַרום די לעמפּלעך.

— „שניידער, שניידער!" — הילכן אומגעדולדיקע רופן פון אַלע זייטן. דער גלעקלדיקער ציטער האָט אַלעמען ווי עלעקטריזירט.

וואַלדען איז רויִק. באַלד אַ האַלבע שעה איז ער שוין פאַרטיק, פאַרקנעפּלט אויפן לעצטן קנעפּל. די שאַרפע שטריכן פון זיין פּנים, די טיפע קאַרבן — זענען פאַרמילדערט געוואָרן: אַ בלאַסער שמייכל האָט זיך דורכגעריסן דורכן שיכט פון שמינקע און מעלפּודער. וואַלדען האָט נאָך צייטנווייז געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל, אַ גלעט־געטון דאָס גראָלעכע שפּאַנישע בערדל. די כוואַליעדיקע האָר פון פאַרוק. ער איז צופרידן פון זיך. אדרבא, זאָל אים עמעצער דערווייזן: דאָס איז נישט שעקספּיר. ממש אַזוי ווי אויף די אַלטע שטיכן. אפילו רעווסקי וועט מוזן שווייגן, סיידן — פּלאַצן פאַר קנאה. ווי יענער זאָל זיך נישט אויסשמירן און איינציִען, וועט ער אַלץ נישט אויסזען, ווי ער, וואַלדען. דאָ וועלן נישט העלפן קיין רעפּעראַטן און אָפּהאַנדלונגען וועגן שעקספּירן. באשר — וואלדען איז נישט באַשאַפן צו רעדן, צו שרייבן. נו, יאָ, אַז אַ בריוו אָנשרייבן איז שוין פאַר אים אַ גאַנצע מערכה. אַזאַ איז ער — בכן, איז וואָס? ער גייט דאָך שפּילן, שפּילן — נישט שרייבן. און שפּילן קען ער, דאָס וועט נישט פאַרלייקענען אפילו זיין גרעסטער שונא. ער האָט עס דורכן לעצטן יאָר ווידער באַוויזן.

אַ מאָדנער מענטש דער רעווסקי. ווי אַ גרויס, צעפּיעשטשעט קינד, וואָס וואָלט פאַרכאַפּט אַלע שפּילצייג און זיסוואַרג פון דער וועלט — קיין אַנדער קינד זאָל נישט געניסן. צום ערשטן מאָל זייט אַלע יאָרן איז זיי איצט אויסגעקומען נענטער צוזאַמענצואַרבעטן. נישט אויסגעקומען פריִער, ווייל רעווסקי איז געגאַנגען מיט זיינע וועגן אין טעאַטער, וואָלדען מיט זיינע אייגענע. אין די לעצטע יאָרן האָבן וואָלדענס וועגן טאַקע נישט געהאַט דעם סאַמעטענעם גלאַנץ פון פיינער קונסט ווי רעווסקיס. פּרנסה, אַהאַ, אָבער אַמאָל — 1905, די יאָרן מיט דער „מאַמען", „צענטראַל"־טעאַטער אין וואַר־שע, דער קונסט־טעאַטער, נו, זאָל עס ווער פּרווון אַוועקמאַכן מיט דער האַנט? איי, שפּעטער, געשפּילט ווו און וואָס עס האָט זיך געלאָזט... טאַקע — פּרנסה. נישט געווען קיין כוחות זיך אַרומצושלעפּן, אויסצוטראָגן די אומ־זיכערקייט מיטן שטיקל ברויט פאַרן ווייב און פאַר ליוטקען. האָט ער געמוזט...

— שווייג! — האָט ער אינערלעך צו זיך אַ זאָג־געטון. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אַרומגעקוקט מיט מורא: אפשר הערט עמעצער זיינע געדאַנקען?

דער שניידער איז אַריינגעלאָפן אַ שמייענדיקער, פאַרשוויצטער. דער קעניג — מיכאַל צווילינג — איז געווען אומגעדולדיק. ווירדיק, ווי עס פּאַסט פאַר זיין ראָל, האָט ער מיט אַ פאַרגאַמטן טענאָר געמאַכט פאָרווורפן. סוף־כל־סוף שפּילט ער דאָך דעם קעניג...

— אוודאי, יאָ. נאָר גיי, הייב זיך אָן מיטן בייזן ליבסאָן — האָט זיך דער שניידער פאַרטיידיקט שעפּטשענדיק, ליבסאָן זאָל חלילה נישט דער־הערן אין דער צווייטער גאַרדעראָב.

וואָלדען האָט זיך ווידער צעשמייכלט: „דער בייזער" מיינט מען שוין היינט נישט אים. בכלל קאָן מען איצט זיין אין גאַנצן רויק. קיינער קוקט נישט אויף אים. יעדער איז פאַרטון מיט זיך, אָדער אין זיך. איבעריקנס — קיינער ווייס נישט פונעם סוד וואָס ער טראָגט אין האַרצן שוין איבער פופצן יאָר — טאַקע בפועל־ממש אין האַרצן. קיינער נישט — אַ חוץ זיין ווייב. נו און דער דאָקטאָר וואָס האָט דעם שרעקלעכן סוד אַנטפּלעקט. קיינער, קיינער האָט עס נישט געטאָרט וויסן. טאָמער וואָלט זיך, חלילה, דערוווּסט עמעצער פון די דירעקטאָרן, איניציאַטאָרן, אָדער אַנדערע טעאַטער־פּיאָנ־

קעס, וואָלט דאָך ער, וואַלדען, נאָך מיט פּופּצן יאָר צוריק אויסגעשפּיגן געוואָרן פון טעאַטער. און ער האָט זיך געוואָלט האַלטן, האַלטן ביזן לעצטן טאָג, ווי לאַנג ער איז נאָך בכוח צו שפּילן, צו גיין אויף דער בינע. ער האָט זיך טאַקע געהאַלטן — מיט ציין און נעגל, געהאַלטן ביים טעאַטער, געהאַלטן ביים לעבן.

דאָס איז געווען די שווערסטע ראָל, וואָס ער האָט ווען עס איז גע־שפּילט, די גרעסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע. ער האָט די ראָל אָפּגעשפּילט מייסטערהאַפט, בפירוש מייסטערהאַפט. קיינער האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. סיידן — זיין ווייב, דער עדות פון זיינע פיינפולע נעכט... אָבער זי — זי איז דאָך זיין שותף צום סוד, זי איז זיין שותף צו דער ראָל. זי שפּילט די ראָל מיט נישט ווייניקער מייסטערשאַפט ווי ער. עך, שפּילן ביז לעצטן אָטעמצוג, ווי מאָליער. אַפילו ווי זיגמונט פיינמאַן אין לאָדזש. אויך אַ שיינער טויט — אויף דער בינע, בעת אַ פּראָבע, פאַר אַלע אַקטיאָרן. שיין...

ווידער אַ ציטערדיקער הילך פון גלעקל. עס לויפט פאַרביי דער פּאַ־רוקמאַכער מיט אַ גליִענדיקער קאָרבשער אין האַנט. דער אינספּיציענט קוקט אַריין אין יעדער גאַרדעראָב צי דער עולם איז פאַרטיק. פאַרביילויפנדיק טוט ער ממזריש אַ ווונק צו וואַלדענען — ער האָט סחורה פאַר אים. אָבער שפּעטער, נישטאָ איצט קיין צייט... וואַלדען שמייכלט רויִק. גוט וואָס דער צווייטער גלאָק האָט זיך אַריינגעריסן אין די געדאַנקען, ווייל: צו וואָס טראַכטן וועגן טויט? האָפנטלעך איז ער נאָך ווייט פון אים. איצט — אַ סך ווייטער ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווען וואַלדען איז אַהערגעקומען צו לויפן פון וואַרשע — אַ „ביעזשעניעץ״ *) פון היטלער־גיהנום. איצט טראַכט ער שוין גאָרנישט וועגן די מאַקאַבריש־פּייערדיקע טעג פון דער וואַרשעווער באַלאַגערונג. דאָ, אין ביאַליסטאָק, זענען צעבלאָזן געוואָרן די פלאַמען וואָס האָבן געקנוילט פאַר זיינע אויגן אין דער קעלער־באַהעלטעניש. וואָכנלאַנג האָבן זיי אים נישט געלאָזט רוען שוין נאָך דעם ווי דער רויטאַרמייער, וואָס האָט זיי געפינען אין גרענעץ־וועלדל, האָט זיי אַריבערגעפירט און אָנגעוויזן דעם וועג צו דער נאָענטסטער סאָוועטישער באַנסטאַציע.

---

1) פּליט.

ווען מע האָט רעווסקין געקלונגען: „וואַלדען איז בשלום אַריבער די גרענעץ", האָט יענער געענטפערט: — „ווער דאַרף אים, דעם עובר־בטלניק?" מילא, האָט ער אין משך פון יאָר באַוויזן, אַז ער איז נישט קיין עובר־בטל־ניק. חברה יונגוואַרג וויצלט זיך: — „אונדזער יוגנטלעכער"... אין יעדן וויץ איז טאָקע דאָ אַ שטיקל אמת. ער פילט זיך יונג, פאַרייִנגערט. אַז עס איז פאַרשוווּנדן די זאָרג פאַרן שטיקל ברויט; איבערן קאָפּ הענגט נישט מער די בייטש פון דירעקטאָר. אַראָפּגעריסן פון פּנים די מאַסקע פון ליבן שמייכל פאַרן דירעקטאָר. ער האָט שוין נישט קיין מורא צו דערהערן די פראַגע: — „וואָס זעט איר אַזוי שלעכט אויס, הער וואַלדען, איר זענט קראַנק?" אָדער: — „דער וואַלדען איז לעצטנס פאַרעלטערט געוואָרן". אַזעלכע ריידעלעך האָבן געשמעקט מיט אַ טויט־אורטייל. נאָך זיי איז שוין געגאַנגען: — אַן אינוואַליד, עובר־בטול... דעם נאָענטסטן סעזאָן האָט ער געקאָנט פאַרגעסן — צו ווערן אַנגאַזשירט... ער וואָלט געקאָנט בלייבן זיצן ביי אַ טישל אין אַרטיסטן־פאַראיין, זיך צוקוקן צום דאָמינע־שפּילן. די מאַסקע, די מאַסקע פון הכנעהדיקן שמייכל פאַרן דירעקטאָר, האָט פאַרדעקט דאָס פאַרדאגהטע פּנים, די זאָרג און אומזיכערקייט. געמיינט האָט מען — עס איז בייזקייט. דערפון די צונעמעניש: „דער בייזער", „קרומער האָקן". אַ דאגה. האָבן זיי גערופן. אָבער דרך־ארץ געהאַט. אויך אַ סגולה צו דער פרנסה.

דאָ — עפּעס אַן איבערקערעניש. דרך־ארץ אומעטום — אין גאַס, אין טעאַטער. איז „דער קרומער האָקן" געוואָרן אַ „יוגנטלעכער". אָן אַ מאַסקע. מיטן אייגענעם, שאַרפן פּנים, אַ צעאַקערטן פון קנייטשן. עפּעס אַן אויפלייזונג איז פאַרגעקומען אינעווייניק. יאָרנלאַנג טיף באַהאַלטן — האָט זיך עפּעס אַדורכגעריסן אויף דער אויבערפלאַך. וואָס איז דאָס פאַר אַן עפּעס? מן־הסתם — דער מענטש, דער קינסטלער. געפילן — מענטשלעכע, קינסטלערישע. שלעכט, וואָס ער קען נישט רעדן, ער קען נישט אויס־דריקן זיינע געפילן אין ווערטער. ער קען זיי נאָר אויסדריקן, באַווייזן — אויף דער בינע. וואָס איז דאָרט?...

פון הינטער די קוליסן האָבן זיך דערהערט טענער פון סטראָיען אינ־סטרומענטן, ווי מיט מעסערס איבער גלאָז. די טומלדיקע האַווענישׂ האָט עס ווידער פאַרטייבט. וואַלדען האָט זיך אַ קרום־געטון: די טענער האָבן

געווירקט ווי מוראַשקעס איבערן לייב... וועגן וואָס האָט ער עס געטראַכט?
— אַהאַ, ווען ער קען רעדן... ער וואָלט זיי געזאָגט דעמאָלט, דעם זיבעטן
נאָוועמבער — בעת מ׳האָט אים געגעבן די פּרעמיע — וואָס ער פילט
אויף אַן אמת. דאָס וואָלט זיכער געווירקט שטאַרקער ווי די הוראַ־רעדעס
וואָס אייניקע חברים לייגן אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט. אָבער ער קאָן
נישט. האָט ער נאָר געדאַנקט און געווישט אַ טרער פון פריידוואָס האָט
אים געקוועלט אין אויג. און פּלוצלינג — אומגעריכט פאַר זיך אַליין —
האָט ער אַרויסגענומען דאָס פידעלע פון אַ מוזיקערס האַנט און אָנגעהויבן
צו שפּילן. אין דער מוזיק האָט ער אַלץ געזאָגט. מן־הסתם דייטלעך געזאָגט,
ווייל אַלע האָבן אים גראַטולירט און געדאַנקט.

בערג, דער היצקאָפּ און שאַרפער קריטיקער פון „אַלטן קליינביר־
גערלעכן מיסט", האָט זיך צעקושט מיט אים. בערג איז נישט קיין קאָמ־
פּלימענטן־מאַכער, ער האָט ליב אַריינצוהאַקן דעם אמת אין די אויגן אַריין.
דער קוש איז געווען אַ חתימה: „אַלטער, מיר זענען חברים". פאַר אַלע
געסט האָט ער טאַקע פאַרגעשטעלט אים, וואַלדענען: — „אונדזער פּרע־
מירטער יונגנטלעכער"... נישט מער עובר־בטול. איבעריקנס — ער האָט עס
באַוויזן מיט זיין שפּילן.

אַ סך יאָרן האָט ער שוין נישט געהאַט אַזאַ געלונגענעם סעזאָן: איין
ראָל נאָך דער צווייטער — מיטן שווערן סוד אין זיין האַרצן — איז געווען
איין טריומף נאָכן צווייטן. מאַרקיש האָט אים געקושט פאַרן אַלטן אָוואַדיס:
— „אַ טיף־איינגעוואָרצלטער דעמב האָט אַ רררויש געטון מיט די בלע־
טער" — האָט ער זיך באַגייסטערט... ער באַגייסטערט זיך נאָך אַלץ, מאַר־
קיש, ווי מיט פופצן יאָר צוריק, אין ליטעראַטן־פּאַראַיין. גאַרנישט עלטער
געוואָרן, נאָר אַ ביסל ברייטער, דיקער. פופצן יאָר... אייגנטלעך — מע מוז
דען עלטער ווערן? ניין, מע מוז גאָרנישט. מע קאָן אַפילו יונגער ווערן
נאָך אַ סך יאָרן. אויף אַן אמת יונגער ווערן — ווי ער, וואַלדען, אַליין.

אַמאָל האָט ער געטראַכט: אַ ניי לעבן — עט, אַ פּראַזע. איצט זעט ער,
אַז ס׳איז נישט קיין פּראַזע. עס איז אַן אמת. אַן אמת, וועלכן מע קאָן ממש
אָנטאַפּן, פיזיש אויסמעסטן. דער אמת פון זיין ווידערגעבורט.

בערג האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אויסגערופן: — „חבר וואַלדענס קלמן
איז אַ נייער האַרפּאַגאָן. דורך אים ווערט „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" מאָ־

מענטשנווייז דערהויבן צו אַ מאַליער־פאָרשטעלונג". דער בחור קומט יעדן אָוונט קוקן די משוגעת־סצענע. אָדער — וואָס האָט דער רעזשיסער קיסלין געזאָגט וועגן זיין פוקס אין „יוליס"? — אַזעלכע שווערלעכע ווערטער: — „אַ סימבאָל פון קלאַסן־שונא, אַ טיפּישער פאָרשטייער פון קאָנטררעוואָ־לוציאָנערן בירגערטום". אַמאָל האָבן אים אַזעלכע ווערטער געקלונגען פרעמד. ער פלעגט אַליין אויסלאַכן אַזעלכע רייד, ציניש אָפּחוזקן פון זיי: — „חברים־פּראָזע" האָט ער עס גערופן. ס'איז געווען פאַר אים ווילד־פרעמד, ער האָט טאַקע אויף אַן אמת נישט פאַרשטאַנען דעם זין, געלאָזט זיך איינרעדן, אַז די נייע אָרדענונג איז אַ וועלט פון דלות. און ער האָט פיינט געהאַט דלות. בתכלית־השנאה פיינט געהאַט. דלות דערנידעריקט דעם מענטשן. ער, וואַלדען, האָט ליב דערהויבנקייט, יום־טובדיקייט. טעאַטער איז יום־טובדיקייט. יעדנפאַלס — פאַר אים איז עס שטענדיק אַזוי געווען. געווען? אפשר איז עס איבערגעטריבן. אָבער ער האָט שטענדיק געשטרעבט דערצו. שטענדיק. דערפאַר האָט אים אַזוי דערפרייט, ווען דער רעזשיסער האָט געמאָלדן, אַז ער וויל אַ גרעסערע צאָל דובלאָרן אַריינפירן אין דער שעקספּיר־פאָרשטעלונג:

שעקספּיר איז אַ דערהויבונג פאַרן טעאַטער. האָבן מיר דערלעבט צו אַ יידיש מלוכה־טעאַטער און צו שפּילן שעקספּירן — זאָלן־זשע וואָס מער אַקטיאָרן געניסן פון דער דערהייבונג.

דאַן איז עס טאַקע באַשטימט געוואָרן: וואַלדען דובלירט מיט רעווסקין די ראָל פּראָספּעראָ...

וואָס, שוין? עפּעס איז, דאַכט זיך, פּלוצלינג שטיל געוואָרן. שוין גע־ווען דער דריטער גלאָק? דער אָרומפּליִענדיקער אינספּיציענט באַרויִקט:

— נאָך אַ פּאָר מינוט. „אַריִעלס בריק" איז געווען שלעכט באַפעס־טיקט, זי האָט זיך געטרייסלט. אַז אומעטום מוז מען האָבן די אויגן — האָט דער אינספּיציענט אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי אונטערצושטרייכן זיין וויכטיקייט אין טעאַטער.

— אַ צעלייגער — האָט צווילינג נאָכגעוואָרפן אַ שטאָך דעם אַוועק־לויפנדיקן אינספּיציענט.

מילא, האָט ער אַ זאָרג. וואַלדענען גייט עס נישט אָן. ער איז לייטזע־ליק צו די, וואָס ווילן זיך מאַכן גרויס צוליב זייער שוואַכקייט. ס'איז מסתמא

זייער דערהאַלטונג־אינסטינקט, — אַט דאָס לויפן, דאָס שמייען, דאָס חנפענען דעם שטאַרקן און בלאָזן זיך פאַרן שוואַכערן. אַז אַ מענטש איז אַ דאַרער — בעט ער זיך אויס די אַקסלען און די ברוסטן מיט וואַטע. ער מאַכט זיך וויכטיקער פאַר זיך — אפשר וועט ער אויך האָבן מער אָנזען ביי אַנדערע. טעאַטער איז אומברחמנותדיק — דאַרף מען דיך נישט איז: גע־גאַנגען. אָבער איצט איז עס נישט וויכטיק. איצט איז נאָר וויכטיק שעקספּיר, די פאָרשטעלונג וואָס הייבט זיך באַלד אָן.

אָ, נישט אַזוי לייכט איז זי צושטאַנד געקומען. אַן אמתער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן אַרום שעקספּירס „שטורעם״. חדשים האָט מען זיך געגרייט צו דער פּרעמיערע — דאָס איז געווען אַן אומאויפהערלעכער שפּאַ־ציר איבער אַ בלאָטיקן באָדן: מע גייט איבער אַ טעפּיך פון גראָז — רויק, געמיטלעך — און פּלוצלינג גיט מען אַ זינק־איין אין עפּעס אַ סקאַנדאַל, אומבאַמערקט, אָן אַ סיבה, אָן באַגרינדונג! — „אַזאַ גראָבער יונג זאָל שפּילן שעקספּירן? ס׳איז אַ פּראָפּאַנאַציע!״ — האָט רעוּוסקי געוואָלט איבערצייגן. נישט עובר־בטול — דאָס האָט ער שוין נישט געוואַגט צו זאָגן. מע וואָלט אים אויסגעלאַכט. כּסדר שטרייכט מען אונטער: — „דער גרויסער אויפ־שוווּנג פון שעפּערישע כּוחות, וואָס לאָזט זיך באַזונדערס באַמערקן ביי אונדזער סעניאָר״... — האָט ער איצט אַ נייעם פּזמון: גראָבער יונג.

ווידער די זעלבע מעשה — ער קען נישט רעדן. געדאַנקען, געפילן קומען ביי אים אַרויס דורך אַ בליק פון די אויגן, אַ צאַפּל פון פּנים, בויג פון קערפּער, אינטאָנאַציע, קאָליר פון דער שטים — אין אַ צאַפּל פון האַרץ. יאָ, יאָ, טאַקע פון האַרץ — טראָץ אַלעמען. דער אַלטער פּוילישער קינסט־לער לעשטשינסקי האָט אַמאָל געשריבן צו זײַן שוועער, ראַפּאַצקי: — „וואָס טויגן מיר די חכמות. די גרעסטע חכמה איז — גוט צו שפּילן.״ די חכמה וועט קיינער ביי וואַלדענען נישט צונעמען. רעוּוסקי אַוודאי נישט. זאָל ער זיך רעדן — ס׳האָט דען אַ ממשות? ערשט נישט לאַנג האָט ער איינגעטענהט צו בערגן: — „איר טאָרט נישט זיין קיין אַקטיאָר. איר זענט צו אינטעלי־גענט, איר נעמט אַלץ אויף מיטן שכל. אַן אַקטיאָר דאַרף פילן, נישט פאַר־שטיין״... ווי עס לוינט אים. אָט טאָר בראַמבערג נישט שפּילן אַזאַ און אַזאַ ראָל, ווייל — אַ גראָבער יונג. טאָר ער, וואַלדען, נישט שפּילן שעקספּירן

— אַ גראָבער יונג. עס איז יאָ, ווי לייבעלע פלעגט זאָגן: אין טעאַטער איז — ווי מע וויל...

וואַלדען וועט זיך נישט גיין פאַרענטפערן פאַר רעוזוסקין, נישט גיין באַווייזן, וויפל ער האָט דורכגעטראַכט, דורכגעלייענט פאַר דער צייט, וואָס ער אַרבעט איבער פּראָספּעראָ. אַמאָליקע צייטן האָט ער די ראָל אָוועק־געלייגט ביינאַכט אונטערן קישן און געזאָגט צום קישן: — לערן זיך דו! איצט האָט זיך טאַקע געלערנט ער, וואַלדען, אַליין. יעדע שורה פון פערז — דורכגעאַקערט, יעדעס וואָרט איבערגעקייט און צעקייט. ביז ס'איז אים קלאָר געוואָרן אַלץ — אין די שורות און צווישן די שורות. דאָס ווייס ער שוין פון לאַנג: צווישן די שורות קאָן זיין באַהאַלטן נישט ווייניקער, ווי אין די שורות. גרעסער דער שרייבער — מער דאָס באַהאַלטענע צווישן די שורות. און שעקספּיר איז דער גרעסטער.

אַ שטייגער פּראָספּעראָ: ער איז נישט סתם אַ שעקספּיר־געשטאַלט. דאָס איז שעקספּיר אַליין. דער „שטורעם" איז דאָך זיין געזעגענונג מיט דער וועלט. געזעגענונג מיט דער בינע איז פאַר אַ טעאַטער־מענטש — אַ געזעגענונג מיט דער וועלט. פּראָספּעראָ איז אַ מכשף און כישופט אויף זיין אינדזל. שעקספּיר האָט געכישופט אַ וועלט. אויסגעכישופט הונדערטער לעבנס, פון יאָרהונדערטער.

וואַלדען האָט אויפגעצאַפּלט: דער דריטער גלאָק. די לויפעניש היג־טער די קוליסן זעט אויס ווי אַ משוגעים־טאַנץ. טירן פון די גאַרדעראָבן קלאַפּן. די הייזעריקלעכע שטים פון אינספּיציענט יאָגט־אונטער: — „אָנ־פאַנגן!" צום לעצטן מאָל זיך באַקוקט אין שפּיגל, אַ צי־געטון דעם שוואַרצן, סאַמעטענעם קאָלער — ער איז טאַקע צופרידן מיט זיך. ער איז גרייט צו זיין פּייערלעכסטער פּרעמיערע. מיט רויִקע, באַהערשטע טריט גייט ער אויף דער בינע, באַגלייט מיט ווונטשן: — „מיטן רעכטן פוס".

עס האָט אַ כוואַליע־געטון דער סודותפולער קלאַנג פון גלאָק.

***

ביז צום אויפטריט איז ווידער אַ סך צייט. אויף דער בינע שפּילט איצט אַריִעל אויס זיין פאַנטאַסטישן כישוף. פון דער זייט לייכט האַמעטנע אַרויס די ליימיקע געשטאַלט פון קאַליבאַנען. משהל דער סטאַליאַר שלייכט

זיך שטיל צו אויף זיינע פילצענע שטעקלאַטשן, מאַכט וואַלדענען אַ קאָמפּלי־מענט פאַר דער ערשטער סצענע.

— ששאַ! — וואַלדען וויל נישט הערן, נישט טראַכטן איצט וועגן זייטיקע זאַכן. אין מוח שפּילט די מוזיק פון פּערז... וואָס איז עס — אַ יאַמב? מאַטעריאַל פאַר חוזק־מאַכערס: ער ווייסט נישט דעם חילוק צווישן יאַמב און אַלעקסאַנדרין. נאָר דעם ריטעם וועט ער נישט פעלשן. עס שפּילט אין אים די מוזיק פון פּערז. זי שפּילט, גראָד ווי ער שפּילט אויף דער פידל — נישט קענענדיק קיין נאָטן. בראָמבערג פלעגט חוזק־מאַכן: — „וואָס מיר יאַמבוס, מע דאַרף קענען דערלאַנגען אויף דער בינע". וואַלדען מאַכט נישט קיין חוזק. ער וויל, רייסט זיך — צו וויסן, צו קענען. אָבער פון קינדווייז אָן האָט ביי אים מער געאַרבעט דאָס האַרץ, ווי דער קאָפּ. דאָס האַרץ... ווידער האָט עפּעס אַ קלעם־געטון... נאָר נישט־וויסנדיק מאַכן זיך, איבערוועלטיקן די שוואַכקייט, ווי שטענדיק, זייט יאָרן — ווען מענטשן שטייען דערביי. איצט איז ער דאָך אויסגעשטעלט פאַר הונדערטער מענטשן, פאַר זיי איז ער נישט וואַלדען — ער איז פּראָספּעראָ־שעקספּיר. שעקספּיר...

דער לץ האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אים. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען כולו לץ. די מאַסקע האָט פאַרשטויסן דעם לץ, דעם פריילעך־מאַכער. איצט האָט עפּעס אינערלעך אַ לאַך־געטון: דערמאָנט זיך דעם אַלטן חבר מיכאַל גראָס. אויך פון דער אַלטער גוואַרדיע, פון אסתר־רחלס. דאָס איז אַ טיפּ. — אַ וועלט מיט אַנעקדאָטן וועגן אים. אַן אַלטער בחור — איז ער אַן אָריגינאַל... וועלכער אַקטיאָר איז נישט קיין אָריגינאַל? דאָס לעבן מיט אַזוי פיל לעבנס לאָזט איבער שפּורן אין מענטשן. אפשר קלעפּט זיך פון יעדער איבערגעלעבטער געשטאַלט עפּעס צו? ס'איז דאָך אַן אַלט ווערטל: אַ נאָרמאַלער מענטש קומט נישט צום טעאַטער. דאָס וויסטע ציגיינער־לעבן — אויב מע נעמט עס אויף זיך בידים — מוז מען זיין אַ בעל־מום, אָדער ווערן אַ בעל־מום. נישט קיין פיזישער — מע מעג זיין אַפּאָלאָ — אַ גייס־טיקער. די נערוון, די נערוון זענען אין אַלץ שולדיק. נערוון זענען סטרונעס, אויף וועלכע דער אַקטיאָר — דער אמתער אַקטיאָר — שפּילט אויס זיין סצענישע מוזיק. מע שפּילט אַזוי פיל, אַזוי פיל... צעציִען זיך די סטרונעס. רייבן זיך אויס, ווערן צופיל אָנגעשפּאַנט, אָדער צופיל נאָכגעלאָזן. אַקטיאָרן זענען שוין אַזוי. יאָ, אָבער גראָס איז אַ גרעסערער אָריגינאַל פון אַלע,

בסך־הכל איז ער צונויפגעשטעלט בלויז פון אַ ווילדן טעמפּעראַמענט און אַ הילכיקער שטים. אַ מוח — ווי ביי אַ פייגעלע. און אַ האַרץ? — עס איז זיכער אויסגעטריקנט געוואָרן אין די צענדליקער יאָרן בחוריש לעבן. אַ מענטש אַליין, אין גאַנצן אַליין — מוז ער ווערן אויס מענטש.

וואָס איז אַזוי פינצטער געוואָרן? אַהאַ, אַ בילד געענדיקט. איבער־שטעלן די דעקאָראַציע. שטילער, וואָס קלאַפּן זיי דאָרט אַזוי? שרעקלעך איז די קלאַפּעריי הינטער די קוליסן. באַזונדערס ביי די בילדער־ענדערונגען און אַנטראַקטן. אפילו ווען מוזיק שפּילט — טשוועקעס קלאַפּט מען נישט אויף נאָטן. פרעמדע טענער, ווילדע. ממזרים אין אַ פיינער מישפּחה.

וועגן וואָס האָט ער עס געטראַכט? — אַהאַ, גראָס. ער האָט זיך גע־קריגט מיט צווייגן ביי די קאָרטן, געזידלט — וואָס אין דער קאָרט שטייט, וואָס ס'איז נאָר געקומען אויף דער צונג. אָבער דאָס ערגסטע איז ביי אים געווען: שעקספּיר. בפירוש — שעקספּיר איז ביי אים געוואָרן אַ זידלוואָרט. דערמיט איז ער געווען זיכער, צעשמעטערט ער זיין קעגנער. אַ סך פון די עלטערע זענען אַזוי: „אינטעליגענט" איז אַ באַליידיקונג. „אינטעליגענטער יונגערמאַן" פאַר אַן אַקטיאָר — איז ערגער ווי אין טאַטן אַריין. אים, וואַל־דענען, האָט מען מיט יאָרן צוריק אויך גערופן „אינטעליגענטער יונגער־מאַן". באשר — ער רעדט אַ שיינעם פּויליש, האָט געלערנט אין אַ שול, איז אַ סך יאָרן געווען אַ פּוילישער אַקטיאָר... יאָ, וואָס האָט אים אייגנטלעך געברענגט אין יידישן טעאַטער?

מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק — שוין פינף און דרייסיק יאָר. אַ קלייניקייט — אַ גאַנץ לעבן. מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק איז עס געשען... שטרייקן, באַריקאַדן, דער בלוטיקער ערשטער מאַי, יאָ־קאָנסטי־טוציע, נישט־קאָנסטיטוציע. און מיט אַמאָל — אין וואַרשע אַ יידיש טע־אַטער. ערגעץ אין אַ זומער־גאָרטן... ס'האָט זיך נישט געגלייבט. נאָר אין דער צוקערניע ביי „לורסן" האָט מען געשמאַק וועגן דעם גערעדט. אַ נאָמען „קאַמינסקאַ" האָט זיך אַלץ אָפטער איבערגעחזרט. האָט ער זיך אין אַ פרייען אָוונט אַריינגעכאַפּט — ס'האָט אים אַ נעם־געטון. זכרונות האָבן זיך צעוויגט, ווי כוואַליעס, אַרומגענומען, איינגעהילט, פאַרשלונגען: דאָס יידישע געסעלע אין וואָלאַצלאַוועק, ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים די וועלט... גאָלדפאַדנס לידלעך, וואָס האָבן געהילכט פון די בעל־מלאכהשע פענצטער;

דער מאַמעס קרעכץ, דעם טאַטנס זיפץ, דער ניגון פון קלויז און דאָס פאָלקס־לידל, די דעמבעס פון שפּעטאָלער וואַלד און די כוואַליעס פון דער ווייסל האָבן דאָך אים געזונגען יידישע ניגונים. דאָס אַלץ איז מיט אַמאָל אויפגעקומען אין „באַגאַטעלע" דורכן יידישן וואָרט, יידישן קוועטש און תנועה. און ס'האָט שוין נישט געלאָזט רוען: אַ בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט נאָך אַ נשמה־ניגון. עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט אָנטאַפּן, לאָזט זיך אפילו נישט אויסדריקן אין ווערטער, עפּעס, וואָס קרייזט אין די אָדערן צוזאַמען מיטן בלוט, אפשר אַריינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך. דאָס פאַרבלייבט שוין ביזן סוף לעבן. ס'קאָן זיין ווי טיף באַהאַלטן — עפּעס אַ נערוונשאָק וועט עס צוריק אַרויסבריינגען אויף דער אויבערפלאַך. יענעם אָוונט איז געשען דער נערוונשאָק — די פאָרשטעלונג אין „באַגאַטעלע". אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן — זיין צווייט לעבן אין טעאַטער, זיין לעבן אין יידישן טעאַטער.

געדעכט איז געווען דאָס יונגוואַרג, פאַרוואַרפנדיק אים פאַר דער מילחמה, אַז ער איז אַ צופעליקער, ער האָט דאָך אַליין נישט געוווסט צו וואָס — צוליב וואָס ער איז געקומען צום יידישן טעאַטער. אמת, ער האָט טאַקע נישט געוווסט. אָבער געפילט האָט ער, אַז ער מוז — ער מוז ווערן אויס סטאַניסלאַוו סטאַלסקי, צוריק אַריין אין דער פעל פון שמואל וואַלדען. נישט קיין „אידעישע נויטווענדיקייט"? — נאַרישקייטן. ס'איז געווען אַ נשמה־נויטווענדיקייט. און דאָס איז שטאַרקער פון אַלע רייד.

דער אינספּיציענט האָט זיך צוגעשלייכט:

— זייט גרייט, חבר וואַלדען — האָט ער אויסגעפּליסטערט צופרידן, אַז ער קאָן דערמאָנען וועגן זיין עקזיסטענץ. יאָ, שוין באַלד דער אויפטריט. וואַלדען ווערט ווידער פּראָספּעראָ. גיין שטראָפן קאַליבאַנען. אַזוי, אָננעמען אַ פולע ברוסט מיט אָטעם, אַריין אין שניידיקן שיין פון די רעפלעקטאָרן...

אור־וף. שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. די סצענע האָט אויסגעמאַטערט. אַ פּרעס, אַ שווערע פּרעס אין ברוסטקאַסטן. נעמען זיך צום פאַרבאַהאַלטענעם פלעשל? נייז, באַהערשן זיך, איבערוועלטיקן די שוואַכקייט. כאָטש ביזן סוף אַקט... אָבער די סצענע — זי איז געגאַנגען, ווי אַ מזמור. קיין איין בולבע נישט געכאַפּט, קיין איין וואָרט נישט דורכגעלאָזט, קיין איין פּערז נישט צעקאַליעטשעט. דער קאָפּ אַרבעט נאָך, קיין עין־הרע. און דער האַלדז? די שטים האָט געקלונגען — טאַקע ווי אַ גלאָק, אַ טעמבער, אַ מעטאַל —

נו, זאָלן זיך די יונגע פֿאַרגלייכן מיט אים? קיינער וועט אים נישט איבער־שטייגן. אַלטע גוואַרדיע.

אַלטע, יונגע... צו וואָס טויג די צעטיילונג? ווי האָט בראָמבערג גע־רופן אַדאָלפֿן: — יונגער קאָפּ מיטן אַלטן פּליך... אָ, אין טעאַטער איז עס אַן אמת: מע קאָן זיין יונג אין יאָרן און אַלט אין לעבן — אויף דער בינע. אין געמיט, טעמפּעראַמענט, ברען... עך, קינדער, קינדער, אויף דער בינע דאַרף מען ברענען. טעאַטער איז א מזבח — מע דאַרף פֿאַרברענען יעדעס מאָל טיילן פֿון אייגענעם איך, פֿון אייגענעם לעבן. נאָר אַזוי אַרום קאָן טע־אַטער לעבן — אָנוואַרעמען אַן עולם, אָנצינדן אים מיט געדאַנקען, איבער־לעבונגען, וואָס ו ע ר ן אויף דער בינע. ווייל אויף דער בינע מוז ו ע ר ן. פֿאַרקומען, געשען, געבוירן ווערן און שטאַרבן...

טפֿו, ווידער וועגן טויט... וואָס קריכט ער היינט צו אים כסדר? ווי בייזע בליצן פֿון אַ צעבראָכענעם שפּיגל. בכלל — פּלוצלינג זיך אַריינגע־לאָזט אין פֿילאָזאָפֿיע. אַ סימן פֿון אַלטקייט? ניין, דאָס ווירקט שוין מן־הסתם די ראָל. און טאַקע שעקספּיר גופֿא.

שעקספּיר... וועט זיך געפֿינען איין אַקטיאָר, וואָס זאָל נישט חלומען וועגן אַ שעקספּיר־ראָל, אַ צענטראַלע שעקספּיר־געשטאַלט? נישט די אָטע־לאָס און האמלעטס, אַריינגעכאַפּטע ווי „כאַלטורקעס" אַ שבת־נאָכמיטיק אין אַ צופּעליקער חברים־טרופּע — אַן אמתע שעקספּיר־פֿאָרשטעלונג, ווי „שיילאָק" ביי די „ווילנער", אָדער טאַקע דער „שטורעם". לעאָן שילערס שטאָלצער קאַפּריז און די איצטיקע קאָפּיע. יעדנפֿאַלס — ער, וואַלדען, האָט זיך גאַנץ טעאַטער־לעבן געחלומט וועגן דעם. אפֿילו ווען ער האָט געמוזט מיטהאָפּסלען אין דער „פֿריילעכער אלמנה", אָדער „אַמעריקאַנערין". דאָס איז געווען זיין אַקטיאָרישער קדשי־קדשים — דער חלום וועגן אַ שעקספּיר־ראָל. נאָר רעדן וועגן דעם האָט מען נישט געטאָרט. מע וואָלט געלאַכט אין די פּויסטן: עובר־בטול. האָט ער געמוזט טיף אויסבאַהאַלטן דעם סוד, ווי די „זשאַבע", וואָס ער באַהאַלט...

דאַכט זיך — ער האָט געטראַכט אויפֿן קול. קיינער האָט נישט גע־הערט? — דאָס דערגייט אַהער דער דיאַלאָג פֿון דער בינע, צווילינג דעקלאַ־מירט. ביזן טויט וועט ער שוין דעקלאַמירן... ווידער טויט? אַהאַ, די זשאַבע... אַזוי הייסט דאָך אויף רוסיש זיין האַרצקראַנקייט — דער סוד, וועלכן ער

פאַרבאַהאַלט אַזוי פיל יאָרן. אָבער אייגנטלעך — וואָס איז דאָ צו פאַרבאַ־האַלטן? איצט קאָן ער זיך פאַרגינען אַלעמען צו זאָגן: — יאָ, חברים, כ׳בין טאַקע קראַנק, געפערלעך קראַנק. אָבער קיין אינוואַליד וויל איך נישט ווערן. איך וויל ווייטער שפּילן — ביזן לעצטן אָטעמצוג. ווען איינער פאַלט אויפן פראָנט, איז ער „געשטאָרבן מיטן טויט פון אַ זעלנער". איך וויל שטאַרבן מיטן טויט פון אַן אַקטיאָר — אויף דער בינע. און ביז דאַן וויל איך לעבן, — מיטן פולן לעבן פון אַן אַקטיאָר — שפּילן, טאַקע שעקספּירן.

שעקספּירן שפּילן — עפּעס אַ קלייניקייט! אויב אַ רעגנבויגן האָט אַלע קאָלירן, איז שעקספּיר אַ רעגנבויגן פון מענטשלעכע געפילן. אַלץ, אַלץ איז דאָ ביי שעקספּירן — אַלץ, מיט וואָס עס פלאַטערט אַ מענטשלעכע נשמה, מיט וואָס זי וויברירט. קאָן דען זיין אַ מער דאַנקבאַרע אויפגאַבע פאַר אַן אַקטיאָר? ער, וואַלדען, איז נישט קיין מבין אויף פּאָעזיע, נישט קיין „דענ־קער", ווי מע זאָגט ביי אַקטיאָרן. אָבער שעקספּירס פּאָעזיע פילט ער, אפילו זיין געדאַנק פאַרשטייט ער. ער איז זיכער, אַז ער וועט קאָנען אַנדערע מאַכן פילן און פאַרשטיין דאָס זעלביקע, מיט זיינע געפילן — מיטן פייער וואָס ער וועט אַריינגלִיען אין דער ראָל. איז אַ כפּרה אַלע דערפאָלגן, שלאָ־גערס, טריומפן — פאַר איין אַזאַ קינסטלערישער איבערלעבונג. ביזן טויט וועט ער נישט פאַרגעסן דעם רעזשיסער קיסלין די ראָל פראָספּעראָ. פאַר אַלעמען איז עס געווען די גרעסטע איבעררראַשונג. ווען קיסלין האָט גע־מאָלדן, אַז וואַלדען דובלירט פראָספּעראָ, זענען אַלע געווען זיכער: ער וועט זיך אָפּזאָגן. רעוווסקי האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער: — אַ פיינער שפּאַס!... אויף אַ שפּליטער פון אַ סעקונדע האָט זיך וואַלדענס האַרץ אָפּגע־שטעלט, ווי די אָדערלעך — די וואָס שפּייזן דאָס האַרץ מיט בלוט — וואָלטן זיך פּלוצלינג פאַרשטאָפּט. נאָר געדויערט האָט עס בלויז איין אויגנבליק. דער ענטפער: — „איך וועל אַרבעטן איבער דער ראָל, זיך באַמִיען אייך נישט צו אַנטוישן" — איז געפאַלן זייער ענטפער, געפאַלן ווי דער פאַרהאַנג נאָך אַ פאָרשטעלונג.

פון די פּראָבן איז קיסלין געווען צופרידן. נישט מיט אַמאָל — ס׳האָט טאַקע געדויערט אַ סך וואָכן — אָבער ס׳איז געווען דער חשק זיך איינצו־בייסן אין דער ראָל ווי אַ הונגעריקער אין אַ שטיק ברויט. ער האָט זי געקייט, איבערגעקייט און לסוף צעקייט. חברה יונגוואַרג האָט געהאָלפן.

ס׳האָט פון זיי אויסגעשטראַלט די וואַרעמקייט פון חברישקייט. נישט — איינער צום צווייטן — אַ וואָלף, ווי אַנדערע אַקטיאָרן ——— „קאַיאַפן״. איינער צום צווייטן — אַ חבר. אפילו אין קריגן זיך, אין אַמפּערניש. דאָס זענען שעפערישע קריגערייען, נישט וועגן קליינע אַמביציעלעך — וועגן די גרויסע — דעם עצם פון שאַפן, וועגן זין פון געשאַפענעם, וועגן זין פון שאַפן — שעפעריש לעבן. איצט פאַרשטייט ער, וואַלדען, וואָס ס׳הייסט ש אַ פ ן. נישט סתם שפּילן, נאָר שאַפן, פאַרקערפּערן שעקספּירן...

אוווו... ס׳איז דושנע, שווער. די האַנט גיסט זיך אָן מיט בליי. אַ מאָסע פרעסט אין ברוסטקאַסטן. האַ, וואָס איז דאָס? דאַכט זיך די רעפּליק... ווילדע צייכנס פון אינספּיציענט... מע מוז גיין. מאַ, שוין באַלד דער פינאַל. אָפּ־שפּילן דעם ערשטן אַקט, ווערט מען לויז מאַכן דעם קאָסטיום, נעמען זיך צום פלעשעלע... האַלט זיך, אַלטער, געדענק, מע דאַרף גיין אויף דער בינע.

***

— חבר וואַלדען, איר צעברעכט מיר די האַנט. — האָט בערג אין געשטאַלט פון פערנאַנדאָ אַ צישע־געטון צו פּראָספּעראָ ווען דער פוירהאַנג איז געפאַלן. ער האָט זיך באַמיט לייכט צו באַפרייען זיין האַנט פון די איינגעקלאַמערטע פינגער.

אַ געשטיקטער קרעכץ, אַ צאַפּל מיט די ליפּן — ווי אַ פיש וואָס שלײַ־דערט זיך אויף דער יבשה — איז געווען דער ענטפער.

***

—וואָס איז דאָרט עפעס? וואָס איז געשען? — אַ שעפּטשעניש האָט זיך געטראָגן איבערן זאַל. פאַרן פוירהאַנג האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, ער האָט זיך באַמיט עפעס צו זאָגן, נאָר די שטים האָט זיך אים כאָרכלענדיק געזעצט אין האַלדז.

ווי די שווערע פלאַטלעך שניי, וואָס זענען געפאַלן אין דרויסן, האָבן זיך געלייגט ווערטער פון אַ מעלדונג:

— נאָר וואָס איז אויף דער בינע געשטאָרבן מיטן טויט פון אַ אַק־טיאָר דער פאַרדינסטפולער יידישער קינסטלער שמואל וואַלדען.

מיט אַ קרעכץ האָט אָפּגעקלונגען דער סקריפּ פון אַ פּאָר הונדערט בענקלעך...

ווראָצלאַוו, יולי, 1955.

דאַבאַש פֿון די קאַנאַלן

דעם אָנדענק פון אַרטיסט יעקב מאַנדלבליט
און דעם דיכטער־דראַמאַטורג יעקב שודריך
— געהייליקט.

— רעכטס! האַלט זיך רעכטס...

דאָס פֿליסטערן האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיטן רויש פון דער פליסיקייט אונטער די פיס. געזען האָבן זיי ביידע גאָרנישט, זיי זענען אַליין געווען אַ טייל פון דער אַרומיקער געדיכטער שוואַרצקייט.

— כ׳קאָן נישט גיין. כ׳על זיך אויסגליטשן... — דאָס צווייטע קול, וואָס האָט געזאָגט די ווערטער, האָט אויסגעוויזן ווי אַ זיפץ פון אַ פאַר־חלשטן.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס׳האָט אָפּגעהילכט דער קלאַנג פון מעטאַל אָנגעקלאַפּט אָן אַ שטיין. ביידע זענען געבליבן אומבאַוועגלעך. דער פליעסק פון דער פליסיקייט האָט אומאויפהערלעך געדויערט. דורך די שטיוול האָבן זיי געפילט די ריכטונג — ס׳איז די ריכטונג צום אָפּפלוס. זיי זענען אויפן ריכטיקן וועג.

— מיר קאָנען גיין ווייטער? — דאָס פליסטערן פון ערשטן איז געווען באַהערשט. רויק. עפעס איז אין דעם געווען פון אַ מיליטערישער קאָמאַנדע, פון אַ באַפעל.

— כ׳וויל כאַפּן דעם אָטעם. נאָך אַ ביסל — דער ענטפער האָט איצט געקלונגען מער מיט ברוגז, ווי זיפץ.

— נאָך אַ פּאָר צענדליק טריט בלויז. דו פילסט נישט דאָס ווינטל פון דאָרטן?

— אַ רגע זענען זיי נאָך געשטאַנען און דאַן האָט זיך ווידער געהערט

דאָס טאָפּטשען פון שטיוול אין פליסיקייט. צען טריט, צוואַנציק, נאָך און נאָך. מיט אַמאָל האָט מען דערזען דעם אָפּשיין פון אַ ליכטיקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט טאַנצנדיקע פלעקן.

— זעסט! מיר זענען כמעט דערגאַנגען! — דאָס באַפעלערישע פליס־טערן איז געוואָרן נאָך שטילער. אַ פּאָר צענדליק טריט און ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

אין די ליכטפלעקן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן פון אויבן, האָט מען שוין געקאָנט זען די צוויי געשטאַלטן. דער וואָס איז געגאַנגען פון הינטן, איז געווען נידעריקער, דאַרער. פון אויסגעשמירטן, שמאָלן פּנים האָט מען בלויז אַרויסגעזען גליענדיקע אויגן און קנאָדערס פון אַ בערדל. דער ערשטער איז געווען אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ ברייט פּנים, וואָס איז נישט געווען אַזוי אויסגעשמירט, אויך אַרומגעזוימט מיט שוואַרצע קנאָדערן פון האַריקער באַוואַקסנקייט.

אַרום האָבן זיך בולט אָנגעזען די קיילעכדיקע געוועלבן פון קאַנאַל. טראָפּנס זענען געפאַלן פון אויבן און פון די זייטן, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער פליסיקייט און אַוועקגעשוווּמען צום אָפּפלוס. צייטנווייז איז פון שטראָם עפּעס אונטערגעשפּרונגען — עפּעס לעבעדיקס און געשוווּמען מיטן שטראָם, אַרויסגעהאָלפן זיך מיט אַ שפּיציק מאָרדעלע און לאַנג עקל. זיי האָבן ביידע דערויף נישט געלייגט קיין אַכט.

— לאָמיר זיך נאָך אַמאָל באַטראַכטן, יאָסל! — דער נידעריקער האָט אַראָפּגענומען אַ קורץ ביקסל, וואָס איז געווען אָנגעבונדן צו די שולטערן, אָנגעשפּאַרט זיך דערמיט אין וואַנטל פון קאַנאַל.

— ווידער טראַכטן? מיר האָבן שוין באַטראַכט און דורכגעטראַכט. קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ — דאָס פליסטערן פון העכערן איז געוואָרן נערוועזער, אומגעדולדיקער. — פון אָפּפלוס, איבער די פעלדער, איז אַ צוויי־דריי קילאָמעטער אין וואַלד אַריין. אויב די פויערן זענען אַפילו דאָ אין פעלד, וועלן זיי זיך דערשרעקן פאַר אונדזער געווער און נישט טשעפּען. מיר וועלן דורכשפּרינגען.

— און טאָמער לויערן די דייטשן?

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. וועגן דעם האָבן זיי ביידע גע־טראַכט די גאַנצע צייט און נישט געוואָלט די פראַגע אַרויסברענגען איינער

פאַרן אַנדערן. איצט איז זי געבליבן הענגען אין דער גוועלבטקייט פון קאַ־נאַל, געפּלאַטערט ווי אַ פלעדערמויז מיט בלינדן פחד.

דער ערשטער האָט זיך ענדלעך אָנגערופן. ער האָט פריִער אַ הוסטל געטון, אַ ציִ מיט דער נאָז די פרישע לופט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון דער קאַנאַל־עפענונג, און אָנגעהויבן, ווי נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת:

— הער, יאָסל! —ביידע האָבן געטראָגן דעם זעלבן נאָמען און פאַר זיי האָט עס אויסגעזען דורך די חדשים פון זייער צוזאַמענזיין אין די קאַ־נאַלן, אַז קיין אַנדער נאָמען פון אַ לעבעדיקן איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ. — דו ווייסט דאָך אַז איך האָב זיך פיינט צו וואַקלען. אָדער אַהין, אָדער אַהער. אַהין האָבן מיר שוין נישט וואָס צו גיין. האָבן זיי שוין אָנגע־הויבן אַריינצולאָזן גאַז, וועלן זיי שוין פריִער נישט אויפהערן ביזן אַרויס־פירן אונדז ווי די שטשאַרעס; די קוילן ענדיקן זיך. נישט מיר וועלן זיך קאָנען דאָ פאַרטיידיקן, נישט מיר וועלן קאָנען פּרווון אַרויסקריכן אין שטאָט נאָך עסן. הייסט עס: בידים מאַכן צו זיך אַ סוף. אַהער איז: אָדער, אָדער. אָדער מיר וועלן אַריבערשפּרינגען און דערשלאָגן זיך אין וואַלד אַריין, אָדער פאַלן...

— אַ סצענישער עפעקט... — אין נידעריקערנס שטים האָט אַ קלונג געטון אַ ביסל שפּאָס.

דער העכערער האָט זיך דערפילט באַליידיקט. ער האָט אויך אַראָפּ־גענומען דאָס ביקסל פון די שולטערן און געבליבן שטיין אַן אָנגעברויגזטער שווייגנדיק.

— זוכסט טאָקע דעם טויט? — דער קלענערער יאָסל האָט די פראַגע געשטעלט פשוט, כדי איבערצורייסן דאָס שווייגן. דער העכערער האָט נישט געענטפערט, בלויז אונטערגעהוסטלט אַ פּאָר מאָל.

— דיין שווייגן פירט מיך אין גאַנצן אַרויס פון גלייכגעוויכט! — דער קליינער יאָסל האָט געצופּט זיין בערדל און אַ קאָפּע געטון אַ פאַרביי־פליסנדיקן קעגנשטאַנד.

זיין שטים איז געוואָרן היסטעריש. זי האָט אָפּגעקלונגען פון די גע־וועלבן ווי אַ געוויין.

— ששש! שטילער, — דער העכערער יאָסל האָט ווידער באַקומען אַ באַפעלערישן טאָן, — אויב זיי לויערן אויף אונדז דאָ, וועסטו אונדז אַליין

אויסגעבן מיט דיין היסטעריע. — ער האָט ווידער אַ פּאָר מאָל אונטערגעהוסטלט און זיך באַמיט צוריקצוגעווינען זיין רויִקייט. אַ פּאָר מאָל אַ ציטער געטון מיט דער נאָז און אָנגעהויבן מיט אַ ביסל הייטערקייט:

— ווייסט, אין מיליטער בין איך געווען אַ גוטער שיסער, געקריגן דערפֿאַר אַפילו אַ בענדל. דער סערזשאַנט האָט חוזק געמאַכט: „צו וואָס טויג עס דיר? ווערסט דאָך אַנטלויפן פֿאַר אַ ביקס!“ מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן, וואָס קאָן אַמאָל צונויפֿקומען, אמת?

דער קלענערער האָט עס כמעט נישט געהערט. ער האָט עפּעס גערעדט מיט זיך, עפּעס זיך דערמאָנט.

— כ׳וואָלט איבערגעמאַכט „דאָבאָשן“... דאַן איז עס אַלץ געווען אויסגעטראַכט, צוגעטראַכט. איצט האָב איך אין זיך „דאָבאָשס“ איבערלעבונגען, געפֿילן. כ׳בין אַליין אַ קליין דאָבאָשל, האַ? — ער האָט זיך איינגעהערט, ווי ער וואָלט געוואַרט פֿון ערגעץ אַן ענטפֿער, און ערשט באַמערקט, אַז דער העכערער שמייכלט. — לאַכסט פֿון מיר? מאַכסט חוזק?

— לאָז מיך, יאָסל, כ׳האָב גאָר עפּעס אַנדערש אין זינען. שטעלסט דיר פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ פּנים די פּויערן וועלן מאַכן, אויב זיי וועלן אונדז דערזען אין דעם גרים?

— דו וועסט שפּילן „דאָבאָשן“? האַ, וועסט שפּילן? — דער קלענערער איז צוגעשטאַנען מיט דער עקשנות פֿון אַ צעפּיעשטשעטע קינד — כ׳וויל זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט שפּילן. דו איינער וועסט אים קאָנען שפּילן. ווער נאָך, ווי דו, קען אַזוי די געפֿילן פֿון אַ שפּיל מיטן טויט פֿאַרן לעבן? דו מוזסט שפּילן!

— מיינסט, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זיין אַן אַקטיאָר?

— אַוודאי, ווי דען אַנדערש? דאָס איז דיין גורל, גראָד ווי איך: אַ שרייבער. פֿון גורל אַנטלויפֿט מען נישט.

— מ׳אַנטלויפֿט נישט? און וואָס טוען מיר די גאַנצע צייט?

— מיר גייען אים אַנטקעגן.

— יאָ. דאָס איז אמת...

— און ווער וועט שפּילן דעם בעל־שם־טוב? ווי מיינסטו? ווער וואָלט זיך געפּאַסט?

— פון וואַנען קאָן איך וויסן ווער ס׳וועט בלייבן לעבן, ווען דער טויט איבער אונדז וועט זיך איינשטילן ?

— ריכטיק. ווער וועט בלייבן?... צי וועט בכלל עמעצער בלייבן?

— וועלן מיר ווייטער גיין? פּרוּוון... מיר זאָלן כאָטש בלייבן? דאַכט זיך, אַז ס׳איז שוין העלער טאָג. וואָס שפּעטער אַלץ שווערער וועט זיין אַריבערצושפּרינגען.

פון קאַנאַל־עפענונג האָט זיך אַריינגעריסן דער אָפּשיין פון זונשטראַלן. דער שטראָם פון פליסיקייט האָט כסדר געריסן צום אָפּפלוס. דער נידעריקער האָט זיך אַ ריר־געטון און לייכט באַרירט דעם העכערן. זיי האָבן ביידע פאַרזיכטיק אָנגעהויבן צו טאַפּטשען אין דער ריכטונג צום אַרויסגיין.

די עפענונג האָט זיך געבאָדן אין שטראַלן פון אויפגייענדיקער זון. דער העכערער האָט זיך אָפּגעשטעלט און איינגעהערט. אויבן איז געווען שטיל. נאָר פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט אַ לאָקאָמאָטיוו־פייף.

ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ פון דער עפענונג. ס׳האָט זיך דערהערט דער גרילצנדיקער טראַ־ראַ־ראַ־ראַ פון אַ קוילנוואַרפער־סעריע. ער האָט שנעל אַ קני געטון אין דער פליסיקייט אויפן דנאָ פון קאַנאַל, אָנגעשטעלט זיין ביקסל צו דער עפענונג. דער נידעריקער האָט געקניט פון דער צווייטער זייט.

זיי האָבן געוואַרט פאַרגליווערט מיט די לעצטע קוילן אין זייערע ביקסן.

שאַטנס אויפֿן שני

דעם אָנדענק פֿון די „ווילנער״, די ברידער
אַלעקס שטיין און יוסף קאַמען — געהייליקט.

די ווייסקייט פֿון דרויסן האָט זיך דורכגעריסן דורכן פֿאַרפֿרוירענעם פֿענצטערל און געוואָרפֿן אַ פֿאַסמע העלקייט אין ווינקל איבערן געלעגער. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ זונשטראַל וואָלט זיך זייטיק אַדורכגעשלייכט דורך אַ וואָלקן און געגלעט אַן אויסגעצויגן פֿאַרמעט־פּנים, פֿון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ שאַרף־פֿאַרבויגענע, לאַנגע נאָז צווישן טיף־איינגעפֿאַלענע מאַטע אויגן. די צעשויבערטע האָר האָבן זיך געשלענגלט אויף דער גראָ־קייט פֿון קליינעם קישעלע מיט שוואַרץ־ווייסע קנוילן און אויסגעזען ווי אַ צעקנייטשטער טלית אַרום זיין קאָפּ. שטילקייט איז ווי אַ פּראָסטיקער גליווער געהאָנגען אין צימערל. ביז ער האָט אַ זיפֿץ געטון.

— ווילסט עפּעס, מישאַ? — האָט זיך פֿון אַ טונקעלן ווינקל דערהערט אַ פֿרויענשטים.

ער האָט נישט געענטפֿערט. פֿון ווינקל האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גע־שטאַלט, מיט שלייכנדיקע טריט צוגעגאַנגען צום געלעגער און אַ וויש־געטון זיין פֿאַרשוויצטן שטערן. אין דער פֿאַסמע העלקייט האָט זיך געזען איר דאַרע האַנט און עפּעס אַ שמאַטע פֿון אַ צעריסן קליידל, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ האַנטעך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון דער נאַרע, אויף וועלכער ער איז געלעגן און זיך געפֿרעגט:

— אפֿשר אַ טרונק?

מיט דער צונג האָט ער אַ פֿיר געטון איבער די פֿאַרברענטע ליפּן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ווידער אַ זיפֿץ. ווי אַ הויך פֿון אַ ווינטל איז געפֿאַלן זיין שטילע פֿראַגע:

— ווען וועט קומען דער דאָקטאָר, פאַליאַ?

— ער האָט צוגעזאָגט נאָך אידער ס׳וועט צופאַלן די נאַכט. אין דער פינצטער איז אים שווער זיך צו דערקלײַבן אַהער. אַ ליאַדע מינוט וועט ער זיכער קומען. אפשר וועסטו נאָך דערווייל שלאָפן?

— כ׳קאָן נישט שלאָפן. כ׳שלאָף נישט די גאַנצע צייט — האָט ער קוים געפּליסטערט — פאַרמאַך איך די אויגן, לויפן פאַר מיר פאַרביי בילדער... אַ גאַנצער פילם פון אויסגעקרומטע בילדער, מאַסקעס... לענדער, שטעט, מענטשן... און אומעטום יאַשאַ... ווינקט צו מיר מיט אַן אַרויפגעצויגענער ברעם, האָפּסלט צו אויף זיין איינציקן פוס און וויצלט זיך... חוזקט... פון מיר, פון זיך, פון דער וועלט... יאַשאַ...

זי האָט אים ווידער אַ וויש־געטון דעם שטערן — דאָס מאָל כדי איבערצורייסן די דערציילונג. די לעצטע צייט, ווען ער דערמאָנט זיך וועגן זיין ברודער, וואָס רוט שוין כמעט צען יאָר אויף אַ ווייטן בית־עולם אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אויפן אוראַל, הייבט ער אָן היסטעריש צו וויינען, באַקומט אַ נערוון־אָנפאַל. די היץ פאַרצערט אים סיי־ווי, — זי וויל שוין נישט מעסטן ביז דער דאָקטאָר וועט קומען — דאָס קראַנקע האַרץ אַרבעט קוים. זאָל ער כאָטש רויק ליגן.

— כ׳וועל דיר געבן אַ טרונק, מישאַ.

— כ׳קאָן נישט... כ׳קאָן נישט טרינקען... יעדער שלונג טוט מיר ווײ...

— ער האָט לייכט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און אָנגעהויבן העפטיקער צו רעדן — פאַליאַ, יאַשאַ איז געווען אַ פענאָמען. זאָלסט עס וויסן... ער האָט געקאָנט אַלע לײַדן אויפנעמען לײַכט, מיט אַ וויץ... יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט אים אַראָפּגענומען אַ שטיקל פוס, האָט ער דערויף צוגעטראַכט אַ נייע חכמה און דערפּירט צו אַ געלעכטער־ספּאַזמע די באַהערשטע ווינער דאָקטוירים. „אָבער זי זינד איין קאָמעדיאַנט״, האָבן זיי זיך געטרייסלט פון געלעכטער. און ער איז עס טאַקע געווען. דער אמתער ייִדישער קאָמעדיאַנט, אַ געבוירענער לץ, הערשל פון אָסטראָפּאָליע... אַפילו מיט איין פוס האָט אַלץ אין אים געחוזקט און געטאַנצט, און איך... איך בין אַ פּיעראָ... אַ סענטימענטאַלער, וויינענדיקער פּיעראָ...

— אוי, מישענקאָ טייערער, שוין ווידער טעאַטער? לאָז מיך איצט אָפּ

מיטן טעאַטער. אַז דו וועסט געזונט ווערן, וועט מען צייט האָבן צו טראַכטן וועגן דעם...

עס האָט איר אַ פּרעסטל געטון. פון דעם ברייטן רוסישן אויוון האָט אַהערגעשלאָגן אַ וואַרעמקייט און זי האָט זיך שטאַרקער איינגעטוליעט אין טוך, וואָס איז געווען אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען. זי האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז זי זאָגט אַ ליגן: ער וועט שוין מער מיט טעאַטער נישט האָבן צו טון. אפילו ס׳זאָל געשען אַ נס און ער זאָל זיך אויפהייבן פון געלעגער. זי האָט זאָרגפעליק אויסבאַהאַלטן פאַר אים די ידיעות פון גאַנצן לאַנד: דער איז אַרעסטירט, יענער שוין פאַרשיקט. זי האָט זיך באַמיט ער זאָל בלייבן ביים איינדרוק, אַז דאָס אומגליק איז געשען נאָר ביי זיי, אין ביראָבידזשאַן. זיי אַנטלויפן אַזוי און באַהאַלטן זיך אויס, כּדי די שונאים פון דאָרט זאָלן זיי נישט געפינען. אָבער אַרום איז אַלץ ווייטער נאָרמאַל: מע לעבט, מע שפּילט. זאָלן זיי זיך נאָר דערקלייבן אַהיים, קיין ווילנע, וועט מען ווידער נאָרמאַל אָנהייבן צו לעבן, צו אַרבעטן, פירן אַ יידיש טעאַטער, שפּילן... אַזוי האָט זי זיך באַמיט אים איינצורעדן, כּדי צו פאַרשטאַרקן זיין חשק געזונט צו ווערן, זיין ווילן צו לעבן.

צי האָט ער איר געגלייבט? צי האָט ער געגלייבט אין דעם? — דאָס האָט זי נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן. ס׳האָט זיך איר דערמאָנט דאָס ווערטל פון איר מאַמען, דער אַלטער יידישער אַקטריסע: „וואָס ווייניקער מע ווייסט, איז אַלץ געזינטער״. זיי, די יונגערע, האָבן זיך שטענדיק אַנטקעגנגעשטעלט דער פילאָזאָפיע. איצט דאַכט זיך איר אָבער, אַז די אַלטע זענען געווען גערעכט: „מיר האָבן צופיל געוווּסט... צופיל געוואָלט וויסן, פאַרויסזען. דאָס איז געווען אונדזער אומגליק״...

— זאָגסט עפּעס, פאַליאַ?

— גאָרנישט. כ׳האָב זיך בלויז פאַרטראַכט...

— וועגן יאַשען?

פאַרקערט, כ׳האָב גאָר געטראַכט וועגן מוליען, מיין זון, וואָס טוט ער איצט?

— יעדנפאַלס טראַכט ער זיכער נישט וועגן דיר. ער גיט זיך אַן עצה אין אינסטיטוט. זעסט דאָך, ער שרייבט אַפילו נישט.

— וואָס ווילסטו, ער זאָל שרייבן, היינטיקע צייטן... — זי האָט גיך

איבערגעריסן, געפילט אַז זי האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט. זי מוז אים דאָך האַלטן אויסער דער אַלגעמיינער שרעק. ער טאָר נישט וויסן וועגן דעם שווערן פּחד, וואָס הענגט איבער אַלעמען אין לאַנד.

— מיר געפינען זיך דאָך נישט אין אויסלאַנד, ער זאָל מורא האָבן צו שרייבן...

— יאָ, אַוודאי, — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אין זיינע רייד. ער האָט נישט באַמערקט... — ווייסט נישט? אַ יונגער בחור, אַ נייע סביבה, יוגנט...

— יאָ, יאָ... ער וועט אין גאַנצן פאַרפרעמדט ווערן... אַזוי איז שוין דער גורל.

— זאָל אים אויף אַזאַ אופן גוט זיין.

— צי וועט אים אָבער גוט זיין? וועט מען אים כאָטש לאָזן צורו? די אויגן האָבן זיך אים שווער צוגעשלאָסן.

שטיל. זי זיצט אומבאַוועגלעך. אפשר וועט ער אַנטשלאָפן ווערן? די היץ שלאָגט פון אים. וואָס איז טאַקע געשען מיטן דאָקטאָר? אַהאַ, אַ שליטל איז צוגעפאָרן. דאָס איז זיכער ער.

פּראַקטיקייט האָט געשלאָגן פון אַריינגעקומענעם דאָקטאָר. דאָס פוטער פון קאָלנער האָט געסטאַרטשעט מיט אייזיקער שפּיזיקייט. ער האָט אויסגע־טון דעם פעלץ, געוואַרעמט די הענט ביים אויוון און דורכגעווישט די פאַר־הויכטע ברילן.

— דער קראַנקער שלאָפט?

מישאַ האָט ברייט צעעפנט די אויגן. פאַליאַ האָט דערלאַנגט דעם דאָק־טאָר אַ שיסל מיט וואַסער אַרומצווואַשן די הענט.

— די היץ איז דאַכט זיך ווידער געשטיגן, דאָקטאָר, — האָט זי אים אַריינגעפּליסטערט בעתן וואַשן.

— הם... הם... גענומען די פּילן? נו, מיר וועלן באַלד זען.

די אונטערזוכונג פון קראַנקן איז געווען אַן אויבנאויפיקע. דערזעענ־דיק דעם טערמאָמעטער האָט שוין דער דאָקטאָר נישט געהאַט מער וואָס צו טון. דעם אמת האָט ער געוואָלט פאַרדעקן פאַר מישען מיט אַ הייטערן שמועס:

— אַזוי, אַזוי, דרוזשאָק, אַז איר וועט געזונט ווערן, אַוועקפאָרן פון דאַנען, וועט איר גיך פאַרגעסן דעם קליינשטעטלדיקן דאָקטאָר... און איך

בין גאָר היינט געוויר־געוואָרן, אַז מיר זענען לאַנדסלייט. יאָ, יאָ. איר זענט דאָך אַ ווילנער, ווי מ׳האָט מיר דערציילט. איך אויך.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען ווילנער גאַסן, געסלעך, מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן די יידישע געסלעך. מישאַ האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן הערנדיק זיינע ווערטער:

— דאָקטאָר... איר... איר זענט אויך אַ ייד?

אַ לענגערע רגע האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ געשפּאַנטע שטילקייט איבערן צימער. דער דאָקטאָר האָט געצופּט זיינע גראָע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן, אַרומגעקוקט זיך איבערן צימער און אַ פּליסטער־געטון:

— האָט איר עס באַלד נישט דערקענט? איך געדענק דאָך אייך נאָך פון יענע יאָרן. פון די ערשטע שריט פון דער „ווילנער טרופּע".

מישאַ האָט זיך אויפגעזעצט. ער האָט דערפילט אַ צופלוס פון נייע כוחות, פאַרגעסן וועגן די יסורים. פּאַליאַ האָט זיך שטיל דערנענטערט, נישט וועלנדיק פאַרלירן קיין איין וואָרט פון דאָקטאָרס פליסטערן. ערשט איצט איז איר פאַרשטענדלעך געוואָרן די אומגעוויינלעכע זאָרג, מיט וועלכער דער דאָקטאָר האָט זיי אַרומגערינגלט, זיי — פרעמדע, צופעליקע פאַרביי־פאָרער, אויף וועמען אַלע האָבן געקוקט מיט חשד און נישט פאַרבאָהאַל־טענער מורא.

דער דאָקטאָר האָט זיי דערציילט, אַז ער ווייסט שוין אַלץ וועגן זייער אַנטלויפן פון ביראָ־בידזשאַן.

— „איר האָט געהאַט מזל, ממש אין לעצטן מאָמענט האָט איר זיך באַוויזן צו ראַטעווען!"

דער דאָקטאָר האָט ווייטער געשעפּטשעט וועגן דעם קבלת־פּנים, וואָס מ׳האָט זיי געמאַכט אין מינסק:

— איר האָט גוט געטאָן וואָס איר זענט נישט פאַרבליבן דאָרט לענ־גער. דאָס זעלבע פייער, גלייבט מיר!

וועגן זייער וואַנדערן איבער פאַרשידענע שטעט האָט ער צוגעגעבן:

— דאָס איז נאָך דאָס בעסטע. איר קומט אין אַ שטאָט, וווּ מע קען אייך נישט. ביז מע הייבט זיך אָן צופיל אינטערעסירן מיט אייך, קאָנט איר דאָרט פאַרבלייבן. און איילט אייך נישט קיין ווילנע. וואַרט איבער די

שריפה. זי מוז אַריבערגיין. ס'קאָן דאָך נישט זײַן זי זאָל לאַנג אָנהאַלטן. ס'איז אַ שיגעון, וואָס מוז זיך ענדיקן. אַ פּוריע, אַ פּוריע!

פּאָליאַ האָט זיך דענערווירט: דער דאָקטאָר האָט אויפגעדעקט דאָס אַלץ, וואָס זי האָט זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן פאַר מישען. ער האָט גערעדט וועגן די אַרעסטן, וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ יידישן מאַסן־גירוש אויפן צפון, וועגן אַן אַנטי־יידישן מאָנסטער־פּראָצעס וואָס ווערט צוגעגרייט אין מאָסקווע.

— כ'בין אַליין אַ קרבן פון 37סטן יאָר. שוין פאַרזוכט דעם טעם. דאָ, אין דער העק, בין איך ערשט דאָס זעקסטע יאָר, אַ צוואַנגווינאָרט. אָבער כ'בין צופרידן דערפון. קיינער קען מיך דאָ נישט נענטער, קיינער האָט מיך נישט מיט וואָס מקנא צו זיין, בין איך דאָ זיכערער. דאָ וועט דער שטורעם לײַכטער אַריבער. און איר דאַרפט דאָ אויך פאַרבלײַבן, ביז עס וועט אַריי־בער. גלייבט מיר, ס'איז זיכערער.

— נייך, נייך, וואָס רעדט איר דאָקטאָר — מישעס אויגן האָבן זיך אָנ־געצונדן מיט אַן אומהיימלעך פײַערל — מײַן ברודער. יאַשאַ, איז אַזוי פאַרבליבן אויף אַ פאַרוואָרפענעם בית־עולם אויפן אוראַל. איך וויל אַהיים, קיין ווילנע, צווישן יידן... אויב איך וועל געזונט ווערן וועל איך נאָך שפּילן פאַר זיי טעאַטער. און איז מיר באַשערט צו שטאַרבן וויל איך כאָטש רוען אויפן ווילנער בית־עולם.

אַ שטיל כליפּען האָט זיך אַרויסגעריסן פון מישעס ברוסט.

— נו, מיין פריינד, דאָס האָט שוין בכלל נישט קיין זין. וויינען גאָר... איך געדענק אייך פון העלדישע ראָלן — דער דאָקטאָר האָט אָנגעשטרענגט דעם זיכרון צו דערמאָנען זיך איינע פון מישעס ראָלן און ס'איז אים נישט געלונגען.

— כ'האָב געהאַט אַ ברודער, יאַשאַ. ער האָט געלאַכט. פון אַלץ גע־לאַכט. אויפן טויטנבעט געלאַכט. ער האָט געקאָנט לאַכן לײַדנדיק, און איך לייד אַפילו לאַכנדיק. מיין גאַנץ לעבן אַזוי. אַ פּיעראָ. אַן אומגליקלעכער יידישער פּיעראָ.

ס'איז געוואָרן אַלץ טונקעלער אין צימער. די שאָטנס אויף די ווענט האָבן זיך אויסגעצויגן, אויסגעברייטערט, צוזאַמענגעגאָסן אין איין שוואַרצ־לעכן שלייער. פּאָליאַ האָט אַ דריי־געטון דאָס קליינע לעמפּל אויפן טישל

און אַ געלבלעכע שיין האָט נאָך מער אויסגעצויגן מישעס פּאַרמעט־פּנים. דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעצויגן דעם פּעלץ און זיך געזעגנט.

— כ׳וועל מאָרגן ווידער אַרײַנקומען אין דער צײַט. און איר האַלט זיך, טראַכט נישט וועגן קיין נאַרישקייטן.

זי האָט זיך אײַנגעהילט אין טוך און אַרויסבאַגלייט דעם דאָקטאָר. אין דרויסן האָט ער איר אַ דריק־געטון די האַנט און אויסגעברומט:

— האַלט זיך כאָטש איר, ס׳איז שלעכט, זייער שלעכט מיט אים. די אינפעקציע פאַרשפּרייט זיך און דאָס האַרץ איז קוים־קוים...

זי האָט זיך שטאַרקער אײַנגעקנוידערט אין טוך, שטיקנדיק דאָס כליפּען. אויפן בלאָלעך־ווײַסן שניי זענען געפאַלן צוויי אומגעלומפּערטע שוואַרצע שאָטנס.

וואנדערוועגן

אײזיקע צװאַנגען

I

פון דער געעפנטער טיר פון באַראַק האָט געשלאָגן אַ פּאַרע און שװערע ריחות. אינעװײניק האָט זיך געקנױלט אַ שװאַרצקײט אויף דער ערד און געדיכטע גראַקײט אין דער לופטן. חיים האָט זיך שױן געװאָלט צוריקציען — אַזױ האָט אים אַ שלאָג געטון דער קאָנטראַסט פון דער אַרומיקער װײס־קײט אין דרויסן און דער פאַרשיכורנדיקער זױבערקײט פון דער פראָסטי־קער לופט מיט דעם אַלעם װאָס ער האָט דערזען און דערפילט אין באַראַק. נאָר דאָ האָט ער דערהערט אױסרופן אַ נאָמען, װאָס האָט אים געצװוּנגען אַרײנצוטרעטן אין דער געדיכטער לופט פון באַראַק און פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר.

געקומען איז ער דאַך, װי געװײנטלעך ביי יעדן נײעם טראַנספּאָרט, כדי אפשר צו געפינען עפּעס אַ הײמישן ייִד. און דאָ האָט ער דערזען פאַר זיך אין מאַסע פון שװאַרצע טולופּן און פופײקעס, געהערט אײנטאָניק אױס־רופן די נעמען: אַליעװ, אַכונבאַבאַיעװ, באַכאַנדזשאַיעװ, מיט מאָדנע קלינ־גענדיקע פאַרנעמען, פון װעלכע ס׳האָט געשלאָגן אַן עקזאָטישע פרעמדקײט. ער האָט געװוּסט, אַז דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז פון טאַשקענט, נאָר װי שײך זאָלן זיך נישט געפינען אַ פּאָר פּוילישע ייִדן? און מיט אַמאָל:

— בער נאָפּאָ... װיטש גרינבערג! — רופט אױס דער דיזשורנע נישט קאָנענדיק זיך קײן עצה געבן מיטן מאָדנעם „אָטשעסטװאָ״*) פון מאָבי־ליזירטן.

דער נאָמען האָט חײמען אַ שטױס געטון ער זאָל זיך דורכשטופּן דורכן

---

*) פאָטערס נאָמען.

געדיכטן מענטשנקנויל אויף דער פּאָדלאָגע פון באַראַק צום אָרט פון וואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ שוואַכער ענטפער: — „דאָ״.

פון דיזשורנעס מויל זענען ווייטער געפאַלן די מאָדנע נעמען, ווען חיים איז שוין געשטאַנען נישט ווייט פון גרויסן, אייזערנעם אויוון, וווּ ס׳איז אויף דער ערד געלעגן דער בעל־דבר. לעולם איז ער געווען נישט צום אונ־טערשיידן פון דער אַרומיקער שוואַרצער מאַסע: אַן איינגעקנוידערטער קער־פּער, דאָס פּנים האַלב פאַרשטעלט מיט דער טוכענער שוואַרצער „אושאַנ־קע״ *), ווילד באַוואָקסן מיט אַ שוואַרץ־גראָלעך בערדל. פון דער געשוואָלנ־קייט פון פּנים האָט מען קוים אַרויסגעזען שמאָלע שפּאַרונעס פון אויגן. נאָר חיימס אויפמערקזאַמקייט האָבן צוגעצויגן די ברוינע לאַטשן אויף זיינע פיס און די טונקעלע גראָקייט פון דער ווינטבלוזע, וואָס האָט זיך אַ ביסל אויסגעטיילט פון די אַרומיקע שוואַרצע טולופּן.

— אַ ייִד? — האָט ער געפרעגט, זיך איינבייגנדיק איבערן קערפּער.

— יאָ... — אַ מאַטע שטים האָט אים גלייכגילטיק געענטפערט.

— פון פּוילן?

— יאָ.

— פון וועלכער שטאָט?

דער געפרעגטער האָט זיך לייכט אַ באַוועג געטון, באַמיט זיך אויפ־צורייסן די פאַרלאָפענע אויגן, ווי צום באַטראַכטן דעם אומבאַקאַנטן פאַר־שוין, וואָס שטעלט אים דאָ, הינטער די אוראַלער הרי־חושך, פראַגן אין ייִדיש, און לסוף געענטפערט:

— פון וואַרשע...

— גרינבערג? גרינבערג? פון וועלכע גרינבערגס?

ער האָט נישט געענטפערט.

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט?

— אַ לערער.

— אוי, בער גרינבערג? אַ לערער?... פון די ייִדישע שולן אפשר?

— יאָ.

— אוי, ווייַ איז מיר!

---

*) אַ היטל מיט אויערן־שיצערס.

וואַנדערוועגן

חיים האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און אָנגעהויבן צו שפּרינגען איבערן קנויל גופים צום אַרויסגאַנג.

גרינבערג האָט זיך צוריק איינגעקנוילט און אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב־דרעמל. אַ רגע האָט אים נאָר אַ בליץ געטון אַ געדאַנק: „מיינע גליקן... נאָך אַ משוגענער״, און ער האָט ווידער אויפגעהערט צו טראַכטן, ווי די לעצטע צוויי וואָכן אין דער טיעפּלושקע*) וואָס האָט אים געפירט פון דער טאַש־קענטער היץ צום אוראַלער פראָסט. אַ נעפּל האָט אים פאַרוועבט די געהירן ביז ער האָט דערפילט, אַז מע הייבט אים אויף.

ער האָט זיך ווידער באַמיט אויפצורייסן די אויגן. אַ געמיש פון פנימער, פּלייצעס און הענט האָט זיך געכוואַליעט איבער אים. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַז ער שווימט אויף די כוואַליעס. אָט הוידעט ער זיך אויף אַ הוידלקע, ווי אין די קינדעריאָרן ביים „וואָינע־פּלאַץ״ הינטער דער שטאָט. ער האָט דערפילט ווי ער דערווייטערט זיך פון דער שטיקנדיקער וואַרעמקייט פון אויוון און אַ קעלט שפּיזט דורך זיין גאַנצן גוף. אַ גליוועריקייט האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם...

II

— אַזוי האָט די מלחמה באַוויזן: די אינטעליגענץ איז נישט ווידער־שטאַנד־פעיִק. זי ברעכט זיך איין און פאַלט אַלץ נידעריקער. באַליידיקט זיך נישט, חבר גרינבערג, איר זענט נישט דער ערשטער, וועלכן מיר שלעפּן אַרויס אין אַזאַ מעמד פון אָנקום־באַראַק. דער „טרוד־פראָנט״ איז אַ פּרוּווּשטיין פון ווידערשטאַנד־פעיִקייט. מיר, עמך, האָבן אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו, מיר זענען דאָ פון אויבן.

דער הויכער לייבל האָט אַ טרייסל געטון מיט זיין בלאָנדער טשופּ־רינע און געשמייכלט אַ צופרידענער פון דער לאַנגער רעדע וואָס ער האָט נאָר וואָס געענדיקט. די צופרידנקייט איז געווען אַ פילפּאַכע: אָט האָט ער ווידער אַ גלאַנץ געטון פאַר די חברים פון וואַרשטאַט מיט אַ שיינער רעדע;

*) לאַסטוואַגאָן מיט אַן אייוועלע.

פֿאַרגעשטעלט זיך פֿאַרן גאַסט, ווי איינער, וואָס האָט אַ קאָפּ אויפֿן קאַרק; באַגרינדעט זיין טעאָריע, מיט וועלכער ער טראָגט זיך אַרום זינט ער איז אַריבער די גרענעץ, אַנטלויפֿנדיק פֿונעם ברענענדיקן וואַרשע; און טאַקע זיך אַליין געמאַכט קאָמפּלימענטן, וואָס ער האָט באַצייטנס, נאָך אינדערהיים „פֿאַרוואָרפֿן דעם געדאַנק וועגן שטודירן און זיך אויסגעלערנט שניידעריי״.

אין שניידער־וואַרשטאַט איז געווען אויפֿגערוימט, ליכטיק און וואַרעם. די טישן זענען געווען אָנגעשטעלט מיט פֿלעשער ביר און בראָנפֿן, שטיקער ברויט מיט וווּרשט. די בלעכענע קאָנסערוון־פּושקעס, פֿון וועלכע מ׳האָט געטרונקען, האָבן אַרויסגעלויכטן פֿון די הענט, ווי יום־טובדיקע בעכערס. דער קליינער, פֿלינקער אַברהמל האָט זיך געדרייט צווישן די טישן און כּסדר אָנגעגאָסן די בעכערס.

גרינבערגס מוח איז נאָך מער געוואָרן פֿאַרנעפּלט פֿונעם אויסגעטרונקענעם ביסל משקה אויפֿן לאַנג־ניכטערנעם מאָגן. עפּעס האָט אים געדריקט אונטערן האַרצן און געדרייט אין די געדערעם: — „מסתּמא זיך נישט געטאָרט אַזוי צוכאַפּן צום עסן, נאָך אַזאַ לאַנגן תּענית״ — האָט ער געטראַכט. נאָר ער איז געווען צופֿרידן, אַז ס׳טוט אים עפּעס וויי, אַז ער פֿילט ווידער אַ ווייטיק: „הייסט עס, אַז איך לעב נאָך״.

אין פֿאַרנעפּלטן מוח האָט זיך אויסגעשיילט אַ באַוווּנדערונג: „בראָנפֿן, ביר, וווּרשט, ברויט — ס׳מוז דאָך באַטרעפֿן אַ פֿאַרמעגן מיט געלט!״ ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ערשט מיט אַ צייט צוריק („ווי לאַנג איז עס געווען? אַ וואָך? און אפֿשר שוין אַ יאָר? פֿאַרלוירן די מאָס פֿאַר צייט״) האָט ער אַראָפּגענומען פֿון זיך דאָס לעצטע העמדל און אַוועקגעגעבן זיין אוזבעקישן שכן אין דער טיעפּלושקע פֿאַר אַ קליין שטיקל ברויט מיט אַ פּאָר ראָזשינקעס...

ער האָט איצט באַוווּנדערט די זאַטע פּנימער אַרום די טישן, און זיי קוים געקאָנט אונטערשיידן — אַלץ איז געשען אַזוי פּלוצלונג און אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך. ער ווייס נאָר, ווער ס׳איז חיים, וואָס האָט אים אויסגעפֿונען אין באַראַק; לייבל, וואָס רעדט אַ סך, זעלבסטזיכער, אָבער צו דער זאַך... נישט אַלע ווערטער דערגייען שוין צו אים. פֿון די ווערטער איז אים שווער צונויפֿצושטעלן געדאַנקען... און אַברהמל, וואָס טראָגט כּסדר צו אַ טרונק און אַ גיס, צושמייכלענדיק מיט קינדיש־ליכטיקע אויגן. אָבער אַלע

פנימער זענען עפּעס אַזוי ליב, אַזוי פריינדלעך צעשמייכלט צו אים. אַזוי ווי די פּנימער פון די קינדער אין דער וואַרשעווער פּאַלקסשול, ווען זיי זענען געוועז צופרידן פון זיינס אַ דערציילונג, בעת אַ לעקציע.

אונטערן האַרצן האָט אים פאַרקלעמט. נישט די ווייטיקדיקע פאַרקלעמונג פון הונגער. אַ מילדקייט האָט לייכט געדריקט, ווי אַ מאַמעס האַנט, וואָס קוועטשט איין ביים קינד אַ בייל... אַ פייכטקייט האָט זיך געריסן צו די פאַרלאָפענע אויגן. אַ וואַרעמע פייכטקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו קייקלען אין טראָפּנס איבער די פריש אַרומראַזירטע, געשוואָלענע באַקן. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש עפּעס צו זאָגן, מיט עפּעס צו ענטפערן, אָפּצודאַנקען. ווערטער האָבן זיך געריסן פון האַלדז, אויף דער צונג. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳ווייס נישט... אַ דאַנק... חברים... מענטשן...

אַברהמל האָט אים הייטער איבערגעריסן:

— ער איז דאָכט זיך באַשניאָשקעט. לייגט זיך שלאָפן, חבר. אונטערן אויוון זענען אויסגעבעט פּופּיקעס. איר וועט שוין מאָרגן רעדן.

— שטילער, חברה! — לייבלס שטים האָט איצטער געקלונגען ווי אַ באַפעל — די לעצטע נייעס.

פון ראַדיאָ־הילכער האָבן זיך געטראָגן די ווערטער פון אַ קאָמוניקאַט:

— אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט האָט אונדזער אַרמיי אַדורכגעבראָכן דעם שונאס אַרומרינגלונג אין דער ריכטונג פון ג. און איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט דער אַרמיי וואָס גייט צו הילף...

געשפּאַנטע פּנימער האָבן געקוקט צום הילכער, ווי זיי וואָלטן געזען פאַר זיך דעם ווייטן פראָנט. אין גרינבערגס אויערן האָבן זיך געמישט די ווערטער פון קאָמוניקאַט און פאַר די אויגן זענען געשפּרונגען, ווי ליכטווערעמלעך, עלעקטרישע לעמפּלעך, פּנימער, פלעשער און שטיקער ווורשט...

III

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ ברוגזער, פאַרוואָלקנטער. אַ ווינט האָט זיך געבייזערט מיט שנייפליטערלעך און געריסן אייזאָפּליעס פון די פאַרגלעזערטעביימער. ער האָט זיך אַריינגעריסן דורך די שויבן, באַדעקטע מיט

אייזבלומען, דורך די ציגלנע ווענט פון שניידער־וואַרשטאַט און געשטאָכן מיט גראָבע נאָדלען גרינבבערגס אָפּגעפּרווירענע שפּיצן פינגער און די באַקן. די וואַרעמקייט היינטערן אויוון האָט נישט געמילדערט די יסורים, נאָר פאַרקערט, — נאָך מער געמאַכט פלאַמען די אָנגעווייטיקטע ערטער.

אין וואַרשטאַט קרייזט אַרום אַ טומל, כאָטש דער אַרבעטטאָג האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. עמך רעדט צווישן זיך מיט געאַמפּער. גרינבבערג האָט געפילט, אַז דאָס איז וועגן אים. נאָר ס'האָט אים נישט אינטערעסירט. וואָס ס'דאַרף זיין זאָל זיין — דערווייל האָט ער זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט און אָנגעגעסן צו דער זעט.

די דריי טעג היינטערן אויוון, טראָץ דעם טומל און דער באַוועגונג, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געהערשט אין וואַרשטאַט, האָבן אים באַרויִקט און געקרעפטיקט. ער האָט אין די נעכט געחלומט צו פאַרבלייבן דאָ היינטערן אויוון כאָטש ביז צום פרילינג. אפשר וועט זיך אין דער צייט פאַרענדיקן דער געראַנגל אַרום סטאַלינגראַד און ס'וועט קלאָר ווערן, אַהין אָדער אַהער. ער האָט איצטער מער נישט געטראַכט, ווי בעת מ'האָט אים מאָביליזירט: „אַוועקגיין אויפן פראָנט, שיסן, אויסשיסן דעם גאַנצן פיין פון דער פאַרלוירענער היים, מישפחה, שול, לעבן". ער האָט געוואָלט אַ ביסל מנוחה און צוריק דערפילן קראַפט אין די הענט, אין די פיס. צוריק אָנצוהייבן טראַכטן, צו טראַכטן בכלל, נישט וועגן אָפּעסן צו דער זעט, אָדער זיך אויסשלאָפן.

— איר פאַרשטייט... מיר זוכן אַן עצה... — האָט אַברהמל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער חברה אויפצוקלערן אים די לאַגע, געשטאַמלט פאַרשעמט — היינט דאַרף צו אונדז אַריינקומען דער נאַטשאַלניק פון די וואַרשטאַטן... טאָקע אַ ייִד, נאָר אַן אָרטיקער... קיין פרעמדע טאָרן זיך דאָ נישט געפינען... איז אפשר... כ'מיין אַזוי זיך... וועט איר נעמען אַ נאָדל אין האַנט.. מאַכן זיך נייען... וועט מען אפשר אויספועלן איר זאָלט בלייבן דאָ... כ'מיין מיט אונדז... ס'וואָלט אייך חלילה גאָרנישט געפעלט... אייער נאָרמע וואָלטן מיר געמאַכט... איר פאַרשטייט... אַ פאַרטל אַזאַ...

זיינע אויגן האָבן דערביי געלויכטן, ווי ער וואָלט פאַרטראַכט אַ פריי־לעכן קינדערשפּיל.

גרינבערג האָט געוואָלט ענטפערן מיט אַ שמייכל, ער האָט בלויז אַ ביסל פאַרקרומט די ליפּן:

— אדרבא... הלוואי... ווייזט מיר נאָר וואָס צו טון...

— נישט איצט נאָך... ווען מיר וועלן וויסן, אַז ער קומט... האַלט גרייט אַ נאָדל־פּאָרעם און אַ שמאַטע... מאַכט זיך נייען, ווען ער וועט קומען... דאָס איבעריקע לאָזט איבער פאַר אונדז...

עס האָט נישט געדויערט לאַנג ווי מ׳האָט דערהערט:

— גאַפּמאַן גייט!

די מאַשינען האָבן זיך אָנגעהויבן פלינקער צו דרייען, שערן האָבן געקרעכצט און נאָדלען האָבן אַרויסגעבליצט און אַריינגעבליצט אין שטאָף. גרינבערג האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ ברעג פון טיש און מיט דער לינקער האַנט אומבאַהאָלפן פאַרסטריגעוועט אַ פאָלע פון אַן אַלטן שינעל.

אין אַ פוטערן היטל, פוטערנע שטיוול און אין אַ פעלץ מיטן פוטער פון דרויסן האָט זיך ווי אַ בער שווער אַריינגעקאָלערט דער נאַטשאַלניק. די איינזיקע שטעכלקעס פון זיינע וואָנסן און פון פוטער זענען כהרף־עין צע־טייעט געוואָרן. ס׳האָט געשלאָגן פון אים אַ פאַרע. ער האָט אַדורכשפּאַצירט צווישן די מאַשינען און טישן, וואַרפנדיק קורצע ווערטער:

— זדראַוואָ רעביאַטאַ, קאַק דיעלאָ? *).

חברה האָט אים געענטפערט האַפערדיק אין אַ צעבראָכענעם רוסיש: ס׳איז גוט, און וויל און פיין.

פלוצלינג האָט זיך גאַפּמאַן אָפּגעשטעלט לעבן גרינבערגן און גע־וואָרפן שטרענגע בליקן צו לייבלען, וואָס איז געווען דער מייסטער פון דער בריגאַדע.

— אונדזערער אַ חבר... אַ שניידער פון וואַרשע... איצט מאָביליזירט געוואָרן... אַ גוטער פאַכמאַן... מיר ווילן אים דאָ פאַרהאַלטן... מיר בעטן אייער דערלויבעניש... הילף... — לייבל האָט זיך געמאַטערט מיטן צונויפ־שטעלן די רוסישע ווערטער, זיי זאָלן קלינגען לייטיש, ראַפּאָרטמעסיק און בעטנדיק.

---

*) געזונט חברה (אַ באַגריסונג), ווי גייט עס?

גאָפּמאַן האָט אַרויסגעצויגן זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען. אַ טרייסל געטון מיטן פּוטער און זייטיק צוגעוואָרפן אויף יידיש:

— לערנט אים פּריִער אויס צו האַלטן אַ נאָדל אין האַנט. דערווייל זאָל ער זיך שטעלן צום קאָמענדאַנט. אין אַ שעה אַרום וועל איך צוריק־קומען, זאָל ער שוין דאָ מער נישט זיין. ס׳איז מיליטער, פאַרגעסט נישט.

ער האָט זיך בייז אַרויסגערוקט מיט שנעלע טריט, שלעפנדיק די שווע־רע משא פון זיין גוף און פוטערס.

די מאַשינען און נאָדלען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטילקייט האָט זיך טרויעריק אויסגעשפּרייט. אַברהמל איז צוגעלאָפן צו אַ באַרג שמאַטעס, אַרויסגעשלעפּט אַ פופייקע, אָנוטשעס און הענטשקעס.

— מיר וועלן גיין צום קאָמענדאַנט... בעטן... אפשר אַ לייכטערע אַר־בעט... אַ בעסערן באַראַק... מיר האָבן אומעטום געענג. מיר באַנייען גאַנץ נאַטשאַלסטווע מיט די ווייבער. זאָרגט נישט... צווישן עמך וועט איר נישט פאַרפאַלן ווערן... נאָר נישט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, נישט פאַרלירן דעם מוט... מיר וועלן שוין עפּעס זען... זייט רויק...

עמעצער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ זעקל, אויפגעניצט פון אַ שטיקל שי־נעל. כהרף־עין איז דאָס זעקל אָנגעפילט געוואָרן. מ׳האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן שמאַטעס, אָנטון און איינוויקלען גרינבערגן.

דער גרויסער וואַרשטאַט־זייגער האָט דראָענדיק געמאָלדן מיט זיין טיק־טאַק, אַז די מינוטן לויפן. גרינבערג איז געשטאַנען פאַרגליווערט און געגלאָצט אויף די ווייזערס פון זייגער.

IV

אין דער קאָמענדאַנטור איז געווען אַן אָנגעלויף און אַ טומל. מיליטע־רישע שינעלן און טונקעלע פופייקעס האָבן פאַרבייגעשוועבט פאַר דער סעקרעטאַרשע, אַריין און אַרויס פון קאָמענדאַנטס קאַבינעט. די סעקרע־טאַרשע האָט יעדע רגע געכאַפּט דאָס טעלעפאָן־טרייבל. דער טעלעפאָן־אַפּאַראַט האָט געגרעגערט אָן אויפהער. זי האָט אַריינגערעדט אין טרייבל קורצע ענטפערס: יאָ, ניין, מאָרגן, אוממעגלעך.

איניקע פאַרביילויפער האָבן איר צוגעוואָרפן אַ חניפה־בליק. געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן זי באַגריסט, כאָטש בדרך־כלל האָט מען אין דעם אָרט נישט געהערט קיין „גוטמאָרגן", „אַ גוטן טאָג". מ'האָט אָבער גע־ווּסט, אַז די סעקרעטאַרשע, — אַ פעסטלייביקע, יונגע, פּויערישע טאָכטער פון סמאָלענסקער געגנט, וואָס איז אַהער פאַרשיקט געוואָרן נאָכן באַפרייען איר דאָרף פון די דייטשן, ווייל זי זאָל האָבן געווען זיין נישט גלייכגילטיק צו אַ פעלדפעבל — איז איצט דער נאָענטסטער מענטש פון קאָמענדאַנט אין אַלע פּרטים. זי איז שוין געוואָרן אַן איינגייערין אין שניידער־וואַרשטאַט, וווּ מע נייט פאַר איר אַ ווינטער־מאַנטל — דאָס איז אַ סימן פון עולה־לגדולה זיין.

חיים, וואָס האָט אַהער באַגלייט גרינבערגן, האָט זיך טאַקע געוואָנדן צו איר, ווי אַ היימישער מענטש און דערליידיקט, אַז ער זאָל אויפגענומען ווערן דורכן קאָמענדאַנט אויסער דער ריי מענטשן וואָס האָבן שטייען לאַנג געוואַרט אין לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר.

דער קאָמענדאַנט, דער עלטערער לייטענאַנט ראַזלקאָ, איז געזעסן הינ־טער אַ שלעכט־געהובלעוועטן שרייבטיש, האָבנדיק איבער זיך אַ גרויסן, קאָלירטן פּאָרטרעט פון סטאַלינען, וואָס האַלט אַ צעשמייכלטער אַ קינד אויף די הענט. אַ שאַנק, צוויי בענקלעך ביים שרייבטיש און אַ באַנק ביי דער וואַנט, האָבן דעם קאַבינעט צוגעגעבן די אומהיימלעכקייט פון אַ וואַרט־צימער אויף אַ פאַרוואָרפענעם וואָקזאַל.

ראַזלקאָ האָט איבערגעבויגן זיין אויסגעצויגענעם, דאַרן קערפּער איבער אַ הויפן פּאַפּיר. ס'האָט זיך נאָר אַרויסגעזען די געדיכטקייט פון זיינע שוואַרצע האָר. נאָך די ערשטע פּאָר פראַגן האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און פון זיין לאַנגן פּנים האָבן דורכגעבויערט גרינבערגן שאַרפע, שוואַרצע, שמאָלע אויגן. די פראַגן זיינע זענען לכתחילה געווען פּונקטן פון דער אָפיציעלער אַנקעטע — נאָמען, צונאָמען, ווו און ווען גע־בוירן — ערשט שפּעטער זענען זיי געוואָרן אויסגעברייטערט און דער פרע־גער איז געוואָרן באַרעדעוודיקער.

— איר קענט שפּראַכן, זע איך... העכערע בילדונג... דאָס קומט צונוץ... אַלץ, אַלץ פאַרן ניצחון. מיר דאָ טוען נישט ווייניקער פאַרן ניצחון, ווי די

אויף די פּראָנטליניעס. אויך דאָ איז אַ פראָנט. טאָג־טעגלעך אַ קאַמף. און יעדער פון אונדז איז דער קעמפער. יאָ, אַזוי איז עס...

ס'איז שווער געווען גרינבערגן צו באַנעמען, צי דער קאָמענדאַנט וויצלט זיך, אָדער ער מיינט עס ערנסט. דער טאָן איז געווען אַ מיליטערי־שער. נאָר צייטנווייז האָט אין אים געקלונגען אַ פייערלעכקייט, ווי ביי אַ פּאָפּ אין צערקווע. די אויגן האָבן דערביי געפינקלט מיט אַ לצנישער פריי־לעכקייט, באַזונדערס, ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פּאָרטרעט אויף דער וואַנט, נעמענדיק אים פאַר אַן עדות. גרינבערג האָט זיך באַמיט צו ענטפערן קורץ און זאַכלעך, צוגעגרייט דערצו, אַז דער קאָמענדאַנט האָט נישט ליב מע זאָל אים צופיל ענטפערן. „אויף רעדן בין איך דאָ, און דער פּאָליטנאַטשאַלניק" *) — איז געווען באַקאַנט דעם קאָמענדאַנטס דעוויז.

— מען האָט מיר שוין געקלונגען פון די וואַרשטאַטן וועגן אייך. איר זעט? אייער גאָפּמאַן האָט אייך פאַרטריבן. דערנאָך זאָגט מען: ראַיִלקאָ האָט פיינט ייִדן. אָט וואָס פאַרע פאָדליעצעס, פראָוואָקאַטאָרן! איך ריזיקיר מיט מיין פּאַרטיי־בילעט און שלעפּ אַרויס אין די וואַרשטאַטן יעדן גוטן בעל־מלאכה, יעדן פיפיקן געשעפטמאַן. יאָ, איך האָב ליב צו האַנדלען מיט אייערע. אַ גוטער קאָפּ און גוטע הענט וועלן ביי מיר נישט פאַרפאַלן ווערן. וואָס קענט איר ?

דער ענטפער וועגן פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס האָט אים נישט שטאַרק באַפרידיקט. ראַיִלקאָ האָט זיך אומגעדולדיק אָנגעהויבן צו דרייען אויפן בענקל. אַ פּאָר מאָל געוואָרפן זייטיקע בליקן פון אונטער די ברעמען.

— יאָ, אינטעליגענץ איז ביי אונדז זייער חשוב. מיר שאַצן אָפּ, פאַר־שטייט זיך. אָבער דאָ, ליבינקער, מוז מען אַרבעטן. לערנען וועט איר נאָך דער מילחמה. פאַרגעסט, אַז איר זענט אַן אינטעליהענט. איצט איז עס נישט קיין גוטע סחורה. מיר האַלטן זי נישט אויפן לאַגער...

מיט אַ שפּיציק געלעכטערל האָט ער אַרויסגעוויזן די הנאה, וואָס ער האָט געהאַט פון עם אייגענעם וויץ און געוואַרט אויף גרינבערגס אָנערקע־נונג. אָבער יענער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און נישט געלאָזט דער־קענען אויף זיך וואָס ער טראַכט. אייגנטלעך, האָט ער טאַקע גאָרנישט גע־

*) פּאָליטישער קאָמיסאַר.

טראַכט. ס'איז אים ווידער באַפאַלן די שלאַבעריקייט פון פאַר אַ פאַר טעג. אַ פאַרשלאָפנקייט פון מוח. ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן דעם קאָמענדאַנט און וועגן זיין גליטשיקייט, אַז ער האָט סיי ווי נישט געהאָפט אויף קיין גוטן אויסגאַנג פון דעם שמועס. איין באַגער האָט ער נאָר געהאַט: זאָל זיך עס וואָס גיכער ענדיקן. זאָל געשען וואָס עס דאַרף, אַבי זיך צו באַפרייען פונעם שטעכיקן שמייכעלע פון קאָמענדאַנט און פון מילדן שמייכל אויפן פאַרטרעט.

אָט אַ פּנים, אַז זיין אויסדרוקלאָזיקייט האָט אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן דעם קאָמענדאַנט, ווייל ער האָט מיט אַמאָל איבערגעריסן די רייד, גע־פּייקלט האַרט מיט די פינגער איבערן בלאַט פון טיש און אַנטשלאָסן אַ נעם געטון די פעדער אין האַנט אַריין:

— איז אָט וואָס. איר וועט מיט דעם צעטל אַוועק צו דער אַרבעט־פאַרטיילונג, זיי וועלן שוין עפּעס געפינען. אפשר וועט אייך שווערלעך זיין די ערשטע צייט... וואָס זאָל מען טון, ס'איז מלחמה. דאָ האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז אינטעליהענטן זענען גוטע מענטשן צו דער לאָפּאַטע, צו שלעפּן זעק. איר וועט נאָך ווערן ביי אונדז אַ סטאַכאַנאָוויעץ! — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שפּיציק געלעכטערל.

דאָס דערלאַנגטע צעטל האָט גרינבערגן אויסגעניכטערט פון דער פאַרגליווערטקייט. ער האָט זיך מיליטעריש אויסגעדרייט און געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג.

V

די נאַכט האָט זיך אומבאַמערקט געענדיקט מיטן טאָג און זיך צוריק אַריינגעשלייכט אין טאָג. ווען די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן האָט די לאַנגע צפונדיקע ווינטערנאַכט זיך נאָך געשפּרייט איבער די שנייִיקע שטחים און פאַראייזיקטע וועלדער; ווען די אַרבעט האָט זיך געענדיקט איז שוין ווידער געווען אַ טיפע פינצטערניש.

אומבאַמערקט האָט זיך אויך אַריינגעקייקלט איין וואָך אין אַ צווייטער. „מע מוז ביז ניי־יאָר פאַרענדיקן דעם יאָרפּלאַן, זענען פאַרלויפיק אָפּגע־שאַפט די רוטעג" — האָבן געמאָלדן די בריגאַדירן. דער זונטיק איז נאָר

געוואָרן אָפּגעמערקט מיט אַ שטיקל הייסן ווורשט מיט קאַשע צום טאָג־טעגלעכן מיטיק פון זויערקרויט מיט קראָפּעווע, באַשמאַלצן מיט טונקל מעל. גרינבערג האָט באַוווּנדערט די באַרעכנטע שכנים ביים טיש, וואָס פלעגן זיך אָפּמעסטן דעם טעגלעכן „פּאַיאָק״ *) פון שוואַרצן ברויט און איבערלאָזן אין דער פרי אַ גלייכן חלק צום אָוונטברויט.

ער האָט אין דער פרי מיט אַ פּאָר גרויסע ביסן איינגעשלונגען דעם גאַנצן „פּאַיאָק״, פאַרטרינקענדיק מיט אַ ביטערלעכן, שוואַרצן געטראַנק, וואָס האָט געהייסן קאַווע. אין אָוונט האָט ער זיך געלייגט אויף דער פּריטשע אַ הונגעריקער. ביז עס זענען וועגן דעם געוויער געוואָרן זיינע באַשיצער פון די וואַרשטאַטן און יעדן טאָג אים צוגעשיקט אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ פּאָר סוכאַרעס.

ער איז איצט געווען אָפּגעטיילט פון די וואַרשטאַטן מיט אַ מהלך פון אַ פינף קילאָמעטער. זיין אַרבעטפּלאַץ אין וואַלד און דער באַראַק האָבן געהאַט אַ שוואַכע פאַרבינדונג מיט דער קאָמענדאַנטור, ווו ס'האָבן זיך אויך געפינען די ביוראָען, וואַרשטאַטן, מאַגאַזינען, אַמבולאַטאָריע און די צענט־ראַלע קיך. נאָר „עמך״ האָט אים שוין אויפגעזוכט דורך אַ פאַרבייפאָרנדיקן שאָפער, אַ בריגאַדיר און אַמאָל אויך דורך זיין שכן, טביה קאַגאַן.

ער איז געלעגן אין שכנות מיט קאַגאַנען אויף די אונטערשטע פּרי־טשעס, איבער וועלכע ס'האָבן זיך געהויפט נאָך צוויי שטאָקן מיט פּריטשעס. די סאַמע אויבערשטע זענען געווען פאַר די פּריווילעגירטע — דאָרט האָט אַרויפגעשלאָגן די גאַנצע וואַרעמקייט און אויף זיי איז נישט געפאַלן דער שמוץ פון די שטרויזעק און פון די שלאָפנדיקע גופים.

קאַגאַן אַליין איז געווען אַ געוועזענער וואַרשטאַט־מענטש. דאָס האָט זיך נאָך אָנגעזען אין זיין הולך. אַ בלאָנדער, פאַרחלומטער און צעטראָגע־נער איז ער איצט אין דעם באַראַק געוואָרן באַשטימט פאַרן טאָג־אָרדענער: פאַרקערן די פּאָדלאָגעס, ברענגען האָלץ, וואַסער, איינהייצן און אויפהאַלטן דאָס פייער. לעולם האָט ער געהאַט געוויסע רעכט לגבי די וואַרשטאַטן:

אין לאָדזש איז ער געווען אַמאָל אַ פונקציאָנאַר אין לינקן נאָדל־פאַראיין און פריער נאָך געווען אַ שטיקל צייט אויף דער לער ביי אַ שניי־

---

*) צוטיילונג.

דער. אַהערגעשיקט האָט מען אים גלייך פון שפּיטאָל, ווו ער האָט געהיילט זיינע ווונדן פון לעניִנגראַדער פראָנט — געבליבן אַן אינוואַליד אויף דער לינקער האַנט, ביי וועלכער עס האָבן אים געפעלט דריי פינגער. חברה פון די וואָרשטאַטן האָבן אויסגעפונען פאַר אים אַלערליי לייכטע אַרבעטן און געלאָזט זיך אָנוואַרעמען אויף ביי זייערע „באָקעס"*), ביים פּריוואַטן נייען, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט אין די וואַרשטאַטן. האָט ער אָבער געהאַט אַן אָרגאַנישן פעלער, — „נישט קיין פּאָליטיש־רייפע צונג", ווי חברה האָבן זיך געוויצלט — און איינגעריסן מיטן קאָמענדאַנט ראַילקאָ. „אַלס קאָמוניסט פאָדער איך פון אייך" — האָט ער זיך אַמאָל געוואָנדן צום קאָמענדאַנט. דאָס איז שוין געווען גענוג ער זאָל פאַרטריבן ווערן פון וואַרשטאַט־גן־עדן.

איצט פלעגט ער זיך אָפּט אַריבערכאַפּן אין פאַרלוירענעם גן־עדן ווען ער איז אַוועק אין אַמבולאַטאָריע זיך „דאָקטערעווען", ער איז געווען אַ חוץ זיין פיזישן מום, אויך גייסטיק אין גאַנצן צעטרייסלט. כסדר געחלומט וועגן ווייב און טעכטערל, וואָס האָבן זיך געפינען אין אַ קאָלכאָז, ערגעץ אין מיטלאַזיע. „אפילו מיך נישט געלאָזן פון שפּיטאָל אַהינפאָרן צו זיי", — האָט ער פאַר יעדן אַרויסגעשלעפּט די גרויסע עוולה, וואָס ס'איז אים געטון געוואָרן. די עוולה איז אין זיינע אויגן גרעסער געווען ווי אַלע איבעריקע וואָס ער האָט באַמערקט אויף טריט און שריט און נישט פאַרשוויגן. האָט ראַילקאָ אָפּגעשטעמפּלט: „אַ פאַרביסענער בונטאָווטשיק" און באַפוילן אים צו האָבן אויפן אויג. דאָס האָט דווקא געהויבן זיין אָנזען ביי דער מערהייט מאָביליזירטע — אוקראַינער, סיביריאַקעס, מאָלדאַוואַנער — וואָס האָבן געהאַט עפּעס אַ חטא אויף זייער געוויסן און דערפאַר נישט גענומען געוואָרן אין דער רעגולערער אַרמיי, נאָר געשיקט געוואָרן אויף די מיליטערישע בויונגען. אָבער קאַגאַן איז צווישן זיי אַרומגעגאַנגען אַ שוויַגנדיקער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר זיי. אין גרינבערגן — ענדלעך געפונען אַ מענטש, פאַר וועמען ער האָט זיך אויף דער פריטשע געקאָנט אָפּרעדן דאָס האַרץ.

---

*) זייטיקע פאַרדינסטן.

שטיל האָט ער אַרויסגעפּליסטערט פאַר זיין שכן די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען: „יאָרן לאַנג געווען געטאָרט און אַנדערע געטאָרט", „די ווירקלעכקייט איז אַ חוזק פון אונדזערע אידעען", „דאָס לעבן האָט נישט קיין זין", שאָפּענהויער האָט פולשטענדיק באַזייטיקט פון זיינע געדאַנקען מאַרקסן און ענגעלסן. טיילוויז האָט אים באַקונין געגעבן אַן ענטפער אויף געוויסע פראַגן. ער איז זיך נאָר באַגאַנגען פאַרזיכטיק מיט לענינען: „מ'האָט אים פאַרקריפּלט", — די גאַנצע פאַרביטערונג האָט ער איבערגעוואָרפן אויף סטאַלינען.

צו גרינבערגן איז עס כמעט ווי נישט דערגאַנגען — עס האָט פאַרלאַנגט אַ ביסל זיך צו פאַרטראַכטן און ער איז געווען פעסט ביי זיך: „נאָר נישט טראַכטן, איבערקומען ווי חיה. דער גוף זאָל איבערהאַלטן, דער מוח זאָל שלאָפן. אַז נישט קאָן מען משוגע ווערן".

אַזוי נישט טראַכטנדיק זענען אומבאַמערקט געלאָפן די טעג, נעכט און וואָכן. ער האָט געכאַפּט אַ ריי קונצעלעך ביי דער טרעגערישער אַרבעט און געוואָרן אַ „סטאַכאַנאָוויעץ". גראַד ווי אין די ערשטע טעג האָט ער זיך אויסגעשלאָגן פון די כוחות און נישט געקאָנט דערגרייכן מער, ווי אַ העלפט פון דער נאָרמע, האָט ער איצט מיט ווייניקער אָנשטרענגונג געמאַכט טאָגטעגלעך 160 פּראָצענט. ביי האָלץ, ביי שלאַג, ביי צעמענט, ביים אויסלאָדן די ריזיקע, דרייטאָניקע באַלן פון עלעקטרישן קאַבעל. צו פאַרדאַנקען האָט ער עס געהאַט דעם בריגאַדיר, דעם געוועזענעם דאָנבאַסער קוילן־גרעבער, לוגאָוואָי.

VI

אַ נידעריקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַן אָפן פּנים און ווילד־גלאַנצנדיקע אויגן, האָט לוגאָוואָי זיך געדרייט צווישן זיין בריגאַדע, געגעבן אָנווייזונגען, געוויזן וואָס צו טון און פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף גאַנצע טעג. געהייסן האָט עס, אַז ער גייט דערליידיקן ענינים אין דער קאָמענדאַנטור. אָבער לצים האָבן זיך געוויצלט, אַז ער לאָדט זיך אויס צווישן די מאָבילייזירטע מיידן אין וואַלד...

„עמך" פון די וואַרשטאַטן האָט אַ פּאָר מאָל דורך לוגאָוואָי איבערגע־

וואַנדערוועגן

שיקט פאַר גרינבערגן עפּעס אַ קיי צו טון און דערביי מחבד געווען דעם בריגאַדיר מיט אַ פעסטער כּוסה:

— ווייסט ווער דיין גרינבערג איז? — אַ פּראָפעסאָר. אַ קאָפּ אָנגע־שטאָפּט מיט וויסן. זיי צו אים אַן אייגענער — האָבן זיי אין אים אַריינ־געטענהט.

לוגאָוואָי האָט זיך איינִיקע מאָל צוגעקוקט ווי גרינבערג אַרבעט. ער איז צוגעגאַנגען און צוגעוויזן אים:

— פאַרשטייסטו, גרינבאָוו, ווייניקער כוח, מער סמיקאַלקע.

ער האָט אויסגעזידלט אַ פּאָר דעמבענע סיביריאַקעס, וואָס האָבן גע־חוזקט פון גרינבערגן, אַז ער מאַכט נישט די נאָרמע, באַשמעלצנדיק יעדע פּאָר ווערטער מיט „ברכות“ פאַר דער מאַמען און טאַטן ביזן עלטערזיידן.

לוגאָוואָי האָט זיי דערפאַר מכבד געווען מיט אַ גאַב:

— זשלאָבעס, ווי קומט איר צו אים? אַ פּראָפעסאָר! אָט וואָס! און דרך־ארץ! פאַרשטאַנען!

אַמאָל האָט ער פאַרטשעפּעט גרינבערגן אין סטאָלאָווע:

— דו, גרינבאָוו! האָסט אַ גוטע האַנטשריפט? וועסט ווערן ביי מיר דער רעכנמייסטער. יעדן אָוונט האָט ער אים געבערענגט די פאָרמולאַרן אין באַראַק, אויסצופילן און באַרעכענען דעם טאָג אַרבעט.

— זע, לוגאָוואָי, עס שטימט נישט. היינט ווייניקער שפּאַלעס געלייגט, — האָט זיך גרינבערג אַמאָל געאַמפּערט.

— טשודאַק, גיב די איבעריקע דיין קאַגאַנאָווו צום פאַרברענען אין באַראַק, דער פּלאַן זאָל זיין געמאַכט.

ער האָט מעכאַניש אויסגעפירט, וואָס לוגאָוואָי האָט אים געהייסן און ווידער זיך פאַרטשעפּעט ביי זיין אייגענער אַרבעט:

— אין וואַגאָן זענען נאָך געבליבן צוואַנציק זעקלעך צעמענט. נישט באַוויזן אויסצולאָדן.

— טאָ צעשיט אין שניי און פאַרשרייב פאַר אויסגעלאָדן.

— ס׳איז דאָך אַ פאַרברעכן, לוגאָוואָי!

דער בריגאַדיר האָט אים אַ ברי געטון מיט זיינע ווילדע אויגן:

— עך, גרינבאָוו, טשודאַק! מיר זענען אַלע פאַרברעכער. און די איי־בער אונדז זענען פאַרברעכער. וואָס קווענקלסטו זיך, ווי אַ באַרישניע?

ווילסט אויסציִען דאָ די קאַפּיטעס? אַ סמיקאַלקע דאַרף מען האָבן, ברודער, אַז נישט וועסטו ווערן אַ געפּגרטער הונט. בין איך געדעכט, קאַגאַנאָוו? — האָט ער געגומען פאַר אַן עדות דעם פאַרחלומטן אָרדענער צוגעבנדיק אים, ווי צו יעדן פאַמיליע־נאָמען, דעם רוסישן „אָוו". אַפילו ביי זיין אייגענעם נאָמען פלעגט ער פאַרשלינגען דעם „אוי" און זאָגן לוגאָוו, אַזאַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט צו דעם „אָוו".

נאָך עטלעכע טעג האָט זיך שוין גרינבערג אויפגעהערט איבערצו־נעמען מיט די פעלשונגען. אַ „סטאַכאַנאָוויעץ" האָט ער געקריגן אַ דאָפּלטע פּאָרציע קאַשע צום מיטיק. איז עס אים געפעלן. ער האָט זיך אויך נישט פאַרטראַכט פון וואַנען עס נעמט זיך לוגאָוואָיס לייטזעליקייט צו אים און ווו ס'שטעקט דער כוח פון דעם ווילדן קוילנגרעבער. איין מאָל האָט ער זיך נאָר פאַרחידושט: ווען זיי זענען געווען אין צווייען פאַרן באַראַק, האָט לוגאָוואָי אָנגעהויבן פלוצלינג צו רעדן מיט פערזן. גרינבערג האָט זיך איינגעהערט אויפמערקזאַם:

— דאָס איז דאָך פּושקין, „יעווגעני אָנעגין".

— אַהאַ! — האָט לוגאָוואָי אַ צופרידענער געשמייכלט און ווייטער געשאָטן פערזן.

— בלאָך?

— אַהאַ! — און ווידער פערזן.

— יעסענין? פון וואַנען קענסטו עס?

ער האָט געוווסט, אַז לוגאָוואָי קען נישט לייענען — ער האָט קוים אַרויסגעקוועטשט אַן אונטערשריפט אויף די באַריכטן און חשבונות. דער בריגאַדיר האָט כיטרע אַ שמייכל געטון און פאַר זיך, נישט קוקנדיק אויף גרינבערגן, דערציילט וועגן די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן.

אַ קוילנגרעבער־שטעטל אין דאָנבאַס. אַ סיכסוך מיט אַ חבר, וועגן אַ פרוי.

— דערלאַנגט מיט אַ בענקל איבערן קאָפּ, טויט.

תפיסה, פאַרשיקונג.

— און ווער האָט געבויט דעם „ביעלאָמאָרקאַנאַל"? דעם ריבינסקער? אַלץ לוגאָוו! און מיט וועמען? עד, ברודערל!

עס האָבן זיך אַ שאָט געטון נעמען, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. פּראָ־פעסאָרן, פּאָליטיקער, וויסנשאַפט־לייט.

— לאַנגע, ווייסע נעכט. מע ליגט אויף די נאַרעס און מע לייענט. לוגאָוו הערט איין מאָל, אַ צווייט מאָל. און עס בלייבט שוין אין קאָפּ. אָט וואָס! עך, נשמה! וויפל נשמה אין דעם! דערפאַר פאַרבליבן אין קאָפּ. אָט וואָס.

עפּעס האָט זיך אַ רודער געטון אין גרינבערגס מוח. געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן צו קנוילן. ער האָט אָנגעכאַפּט לוגאָוואָי פאַר דער האַנט:

— הער, דו ביסט דאָך אַ מענטש מיט געפילן...

יענער האָט שאַרף אָפּגעשטויסן די האַנט.

— זיי פאָרזיכטיק, גרינבאָוו. קריך נישט אין מיין נשמה. און זעסטו, אַז דאָס בלוט ווערט אין מיר אויפגעקאָכט — אַנטלויף פון מיר. דריי זיך מיר נישט אונטערן האַנט. כ'קאָן דערהרגענען. יעי באָהו*), דערהרגענען. נישט אַ פּינטל־טועניק מיטן אויג. און איצט צי אָפּ פון מיר. אָדער בלייב! איך וועל גיין. אין וואַלד אַריין. אַ טרייסל טון מיט דיביימער. עך, פּראָפּעסאָר, האָסט מיך צעטרייסלט... אין דער מאַמען אַריין!

ווי אַ שיכורער האָט ער זיך וואַקלענדיק אַ לאָז געטון פאָרויס, אי־בערלאָזנדיק נאָך זיך אַ סקריפּ פון צעטראָטענעם שניי.

אַ פאַרגליווערער איז גרינבערג געבליבן אויפן אָרט. ער האָט נישט באַמערקט, ווי ס'איז לעבן אים אויסגעוואַקסן קאַגאַן, וואָס האָט נאָכגעיאָגט מיט די בליקן דעם פאַרשווינדנדיקן לוגאָוואָי.

— דאָסטאָיעווסקי, נאָר ער האָט זיי געקענט. אַזוי זעגען זיי. און מיר? מיר מוזן אומקומען צווישן זיי. שטילערהייט אויסגיין. אָדער... מיט אַ סקריפּ. ווי שניי, צעטרעטן פון ווילאָקעס.

VII

אַ נעפּל האָט איינגעהילט דעם וואַלד. דער גראָער הימל איז נידעריק אַראָפּגעהאָנגען. די גאַנצע שנייִקע רחבות האָט אויסגעזען ווי אַ בעטאָ־

---

*) ביי גאָט!

נענע קאַמער, אין וועלכער ס׳איז איינגעשלאָסן יעדער מענטש באַזונדער. אַ פּאָר טריט פון זיך האָט מען גאָרנישט געזען און די טרעגער האָבן זיך אָפּט אָנגעשטויסן איינער אָן אַנדערן. די שטענדיקע זידלערייען און פּעטש ברכות זענען דאָס מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט מער היץ, ווי מע וואָלט זיך געוואָלט אָנוואַרעמען ביי זיי.

לוגאָוואָי האָט פאַראָרדנט פּריִער צו ענדיקן די אַרבעט און פאַרשרייבן אַלעמען 150 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

— אַ פּאָר טעג צום סוף יאָר. סיי ווי מוז זיין עפּעס אַ נס. גענוג אויף היינט.

פון דער סטאָלאָווע האָט ער מיטגעשלעפּט גרינבערגן.

— די וועלף וואָיען אין וואַלד. ס׳איז אָנגעדאָסט אויף דער נשמה. קום צו דיינע, אין די וואַרשטאַטן, וועט מען זיך אָנוואַרעמען מיט אַ קאַלטן טרונק.

— כ׳בין מיד, כ׳וועל זיך אַריינכאַפּן אין שוויץ און לייגן.

— עך, קאַקיעטאָטשקאָ! — האָט לוגאָוואָי צוגעוואָרפן און אַוועק.

„קאַקיעטאָטשקע״ איז געווען גרינבערגס צונאָמען אין באַראַק. געווי־מען האָט זיך עס צוליב זיין אָפּטן גיין אין שוויץ אַריין, אין דער אַזוי גע־רופענער „וואָשאָבאָיקע״ *, וואָס איז לעצטנס אויסגעבויט געוואָרן פאַר די אַרומיקע וואַלדבאַראַקן.

לויט די פאַרשריפטן האָט יעדער מאָביליזירטער באַדאַרפט באַזוכן דעם אַנשטאַלט אַלע פינף טאָג און דורכגיין אַן אַנטלויזונג. די מערהייט האָט אָבער נישט אויסגענוצט די טאַלאָנען, וואָס פלעגן צוגעטיילט ווערן צוזאַמען מיט די שפּייזקאַרטן. ס׳איז זיי לייכטער געווען אַראָפּצושאַרן די לייז פון די פּריטשעס ביינאַכט. האָט גרינבערג געזאַמלט פאַרבליבענע טאַ־לאָנען און ביי יעדער געלעגנהייט געגאַנגען אין שוויץ אַריין. ער האָט ליב געהאַט דאָס וואַשן זיך, די היץ, וואָס האָט אויסגעפּאַרעט די מידקייט פון טאָג אַרבעט.

— אַ צערטלעכע באַרישניע, קאַקיעטאָטשקע! — האָבן אָפּגעפּסקנט די מאָלדאַוואַנער.

---

*) לייז טויטונג.

דער נאָמען איז געפעלן געוואָרן די סיביריאַקעס און ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו גרינבערגן.

אין שוויץ איז ער אָבער דאָס מאָל נישט דערגאַנגען. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן פאַרביילויפנדיקע מיט עלעקטרישע לאָמטערנס:

— דניעוואַלני! דניעוואַלני!

קיין מאָל האָט מען נאָך אַזוי נישט געזוכט דעם טאָגוועכטער. קיין מאָל האָט קאַגאַן נישט אויסגעפעלט אין באַראַק ביים סוף פון אַרבעטטאָג.

— עפּעס געשען?

— אַן אומגליק מיטן דניעוואַלני!

גרינבערג האָט צוגעאיילט די טריט. אין באַראַק האָט ער געטראָפן דעם פּאָליט־קאָמיסאַר, קאַפּיטאַן בליזינסקי, מיט אַ באַאַמטן, וואָס האָט זיך געמאַכט שרייבן אויף אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר. דער קאַפּיטאַן האָט געדרייט אין דער האַנט עפּעס אַ באַשריבן פּאַפּירל.

— יאָ, ער האָט אונדז אָפּגעטון, דער חבר, שיין, שיין! און איר, מיין ליבער, דאַרפט אונדז אויפקלערן. — ער האָט אָנגעוויזן גרינבערגן קאַגאַנס געזעגענונג־בריוו, אין וועלכן ער הייסט זיך ווענדן צו אים.

אַ רגע האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. דאַן האָט ער זיך אַ לאָז־געטון צו דער פּריטשע און אונטערן שטרויענעם קישעלע געפונען קאַגאַנס ברויטזאַק. ער האָט אים פיבערדיק דורכגעוואָרפן: אַ שער, אַ בריטווע, אַ פּאָר ביכלעך און לסוף אַ קאָנווערט, אַדרעסירט צו אים. אַ בריוו אין יידיש. דער זעלבער אָנהייב, וואָס אין פריערדיקן בריוו: „ווען איר וועט עס לייענען, וועל איך שוין נישט זיין צווישן די לעבעדיקע"... מאָטיוון: אָנטוישונג, פאַרצווייפלונג, אויסזיכטלאָזיקייט, נישט כדאַי צו לעבן. צום סוף: „אויב איר וועט איבערלעבן דאָס גיהנום, פאַראינטערעסירט זיך מיטן גורל פון מיין ווייב און טעכטערל. איך קאָן זיי שוין מיט גאָרנישט העלפן. אפשר וועט איר אַמאָל יאָ קאָנען. די זאַכן — אַ מתנה פאַר אייך. און דער־מאָנט זיך אַ מאָל וועגן אַ מענטש, וואָס האָט געגלויבט און פאַרלוירן זיין גלויבן"...

ער האָט מעכאַניש איבערגעזעצט דעם בריוו. דער באַאַמטער האָט מיט גרויס מי אַלץ פאַרשריבן.

— מער גאָרנישט ? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט. גרינבערג האָט

צענומען די הענט. — הייסט עס, געדעכט איז דער קאָמענדאַנט: אַ שונא, אַט וואָס.

צו גרינבערגן זענען די ווערטער נישט דערגאַנגען. ער האָט געאײַלט מיט אַ גרופּע, וואָס האָט זיך מיט לאַמטערנס געלאָזט זוכן אין וואַלד אַרײַן, נישט געפינענדיק קיין שפּור פון פאַרשווּונדענעם אין די אַרומיקע באַראַקן.

אַלע באַראַקן האָבן זיך אויסגעליידיקט. פאַרבליבן זענען נאָר זיצן ביי די אויוונס קליינע גרופּקעס אוזבעקן, וואָס זענען געזעסן מיט די פיס פאַר־לייגט אויף דער ערד. אַזוי זענען זיי שוין וואָכן געזעסן אַרום די אויוונס אין זייערע לאַנגע כאַלאַטן, קאָלירטע קאַפּעלעך אויף די קעפּ און לייכטע שטעקשיך.

—„דו מיך שיסן, איך נישט גיין אַרבעטן"... זיי האָבן זיך שותפותדיק געקאָכט דעם רייז, וואָס זיי האָבן מיטגעברענגט פון דער היים, באַשמאַלצן מיט געטרוקנטע פּרוכטן און פאַרטרונקען מיט קיפּיאַטאָק*). אייניקע פון זיי זענען שוין דורך דער צייט געשטאָרבן — נאָר כדי זיי אַרויסצובאַגלייטן האָבן זיי זיך אַלע געריהרט פון די אויוונס. וואָס מיט די איבעריקע צוטון איז נאָך אַלץ נישט געוועזן קיין אָנווייזונג פון צענטער. האָט מען זיי נאָר געשאָלטן, געזידלט און געלאָזן אַזוי זיצן.

... וואָס טיפער אין וואַלד, אַלץ מער האָט מען געהערט קולות זיך איבעררופן: איין גרופּע האָט צוגעגעבן מוט דער צווייטער און איינוועגס פאַרטריבן פון זיך די שרעק. די פאַראייזיקטע ביימער האָבן אין שיין פון די לעמפּלעך זיך משונהדיק אויסגעצויגן ווי ריזיקע קראַטן, וואָס פאַרמאַכן דעם דורכגאַנג. דער וואַלד איז געוואָרן אַ קאָסמישע תפיסה. די גרופּעס, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויפן שניי, האָבן אויסגעזען ווי חיהלעך אין אַ ריזיקער שטייג.

— אַהו! אַהו! אַהער! — האָט זיך דערהערט פון איין גרופּע. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון אין דער ריכטונג. גרינבערג האָט זיך געפינען צווישן די ערשטע וואָס זענען צוגעקומען אַהין.

פון אַ הויכן צווייג האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ לאַנגער, טונקעלער שאָטן. אומבאַוועגלעך, ווי ס'וואָלט געווען אַן אָפּגעבראָכענע צווייג וואָס האַלט זיך אויף סאָפּליעס אייז.

*) זודיק וואַסער.

קיינער האָט זיך נישט גערירט כּדי אַרויפצוקלעטערן אויפן בוים. מ׳איז געשטאַנען פּאַרגליווערט ווי די ביימער גופא. איינִיקע סיביריאַקעס האָבן אַראָפּגעצויגן די פוטערנע היטלען און זיך איבערגעצלמט. ווי לאַנג ס׳האָט אַזוי געדויערט האָט גרינבערג אַפילו נישט געפילט. ערשט דער אָנגעקומענער לוגאָוואָי, וואָס האָט — אַן אויפגעהייטערטער און דערוואַרעמטער — אַהערגעאײלט מיט אַ פּאָר חברה פון די וואַרשטאַטן — האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— ווי דעמבעס אַריינגעוואָקסן אין דר׳ערד! אַנו, פלינקער! — ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט ווי אַ וועווערקע אויפן בוים, אויסגעצויגן זיך אויפן צווייג, און אַ פּאָר מאָל מיט אַ שפּרונגמעסער אַ האַק־געטון פון אויבן.

אין שניי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַ טונקעלע מאַסע. אַ צענדליק לעמפּלעך האָבן זי באַלויכטן.

— ס׳איז נישט ער... ס׳איז וואַליאַ... וואַליאַ פון צווייטן פּרויענבאַראַק...

נייגעריקע קעפּ האָבן זיך אָנגעבויגן. אין די וואַטענע הויזן און היטל איז שווער געווען צו דערקענען אַ פרוי. דאָס פאַרגליווערטע, בלאָגעוואָרענע פּנים האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער טונקלקייט פון די מלבושים.

— אין דער מאַמען אַריין... זי גאַר! אַ געדעטעניש!

— נעמט זי און מיט מיר אין באַראַק אַריין. די איבעריקע זאָלן ווייטער זוכן, — האָט באַפוילן זאַכלעך דער פאַליטקאָמיסאַר.

לעמפּלעך האָבן זיך ווידער אַ ריר־געטון. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך דערווייטערט שווייגנדיק. ווער ס׳האָט שטילערהייט אַ ברום־געטון אַ קללה, ווער ס׳האָט אַ קלאַפּ געטון זיך מיט ביידע הענט צו די אייגענע אַקסלען אויף צו דערוואַרעמען זיך און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. גרינבערג האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי אין דער געדיכטעניש פון וואַלד.

VIII

דער אָפּרוטאָג איז געווען אַן אומגעריכטער. אַלע האָבן זיך געגרייט נישט־אויסגעשלאָפענע — נאָך אַ האַלבער נאַכט זוכעניש, גלייך פון דער סטאָלאָווע, נאָכן אויסטרינקען דאָס טעפּל הייסע שוואַרצקייט — צו גיין אויף

זייערע אַרבעטפּלעצער. מיט אַמאָל צעטראָגט זיך אַ געשריי פון די ברי־גאַדירן:

— אָפּרוטאָג! נאָכמיטיק אַ פאַרזאַמלונג אין קאָמענדאַנטור. דיזשור־נעס פון יעדער בריגאַדע, וואָס וועלן היינט זיין פאַרנומען, קריגן מאָרגן דעם אָפּרוטאָג.

די אויסגערופענע דיזשורנעס זענען געבליבן וואַרטן. גרינבערג האָט זיך געדרייט אַ ביסל אין באַראַק, געזוכט עפּעס אַ שפור פון נישט אָפּגעפּור־בענעם קאַגאַן און שפּעטער זיך געלאָזט אויף שפּאַציר צו די וואַרשטאַטן.

אַרויסקומענדיק פון קרייז צעוואָרפענע באַראַקן אין דעם וועלדל, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, האָט ער אָנגעהויבן צו טאַפּטשען דורך דער פלאַך פון אייזיקן שניי. פאַסן, אויסגעקריצטע דורך לאַסט־אויטאָס און שליטנס, האָבן געוויזן דעם וועג. אַ טריט און אַ גליטש, אַ טריט און אַ גליטש — אַזוי האָבן זיך די געציילטע קילאָמעטערס צו דער קאָמענדאַנ־טור געצויגן אין אומענדלעכקייט. ווי לאַנג דער שפּאַציר האָט געדויערט איז אים געווען גלייכגילטיק — דעם זייגער האָט ער שוין מיט וואָכן צו־ריק געהאַט אויסגעביטן אויף צען פּייקעס ברויט און אַ שטיק חזיר־פעטס, וואָס זענען דורך אים און קאַגאַנען פאַרצוקט געוואָרן אין משך פון איין מעת־לעת. און בכלל, — וואָס פאַר אַ באַטייט האָט צייט? די צייט — פון שעהען, טעג? צי קאָן זי עפּעס ענדערן? ווירקן אויף דער אַרומיקער שניי־איקייט, אויף דער איינטאָניקייט פון פייזאַזש? ער האָט זיך שוין צוגע־וווינט צו מעסטן די צייט מיטן וואַקסנדיקן געפיל פון הונגער. האָט דער הונגער שטאַרקער אָנגעהויבן צו נאָגן, איז אַ סימן אַז ס'איז שפּעט. זיין מוח האָט געאַרבעט נאָר אין דעם קרייז: ווי לאַנג איז נאָך צום עסן, אָדער צום אויסצי:ען זיך אויף דער פּריטשע. אַפילו איצט, אונטער דער לאַסט פון קאַגאַנס פאַרשווינדן, איז ער נישט געווען בכוח אויסצוטרייבן אַ פּאָר גאַנצע געדאַנקען. זיי האָבן זיך געצויגן ווי אַ שוואַכער, פאַרפּלאָנטערטער פאָדעם און כסדר זיך געריסן.

אַ ווינט האָט געבלאָזן פון צפון און דורכגעדרונגען דורך די וואַטענע מלבושים און הענטשקעס. ער האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט, וואָס ער פילט דעם ווינט שטאַרקער הינטער די מלבושים ווי אינעם אויפגעדעקטן פּנים. אַ שאָפער פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער לאַסטמאַשין, וואָס האָט זיך קרעכ־

צנדיק געשלעפּט צום וואַלד, אַרויסוואַרפנדיק קנוילן שוואַרצן רויך הינ־טער זיך, האָט גרינבערגן אַרויסגעשטויסן פון דער פאַרגליווערונג:

— העי, דו, הינטישער זון, רייב אויס גיכער דאָס פּנים מיט שניי. די נאָז וועט דיר באַלד אָפּפאַלן, אין דיין מאַמען אַריין!

ס׳איז צו אים קוים דערגאַנגען די סכנה פון אָפּפרירן די נאָז. אָבער ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו רייבן דאָס פּנים מיט שניי, ביז ער האָט דער־פילט אַ שטעכיקן גלי אין גאַנצן פּנים.

ווען ער איז אָנגעקומען אין די וואַרשטאַטן, איז געווען באַלד האַל־בער טאָג. דערפילט האָט ער עס לויטן הונגער. חברה האָט נישט פרעגנדיק אים גלייך מכבד געווען מיט ברויט און וורשט, אָנגעוואַרעמט מיט אַ גלאָז בראָנפן און אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט פעטס.

— נאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ, חבר גרינבערג. ס׳גייט דאָך צו פרילינג! — האָבן זיי זיך געפּרווט צו ווויצלען.

ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן: — קאַגאַן! עס אַרט זיי גאָרנישט?

אַברהמל האָט אונטערגעוווּנקען צו לייבלען, חיים האָט געקנייטשט דעם שטערן, געוואָרן ענלעך צו לעניגען אויפן פּאָרטרעט (ער האָט שטילערהייט שטאָלצירט מיט דער ענלעכקייט), ווי שטענדיק, ווען ער האָט זיך געגרייט צו זאָגן עפּעס ערנסטס. און אויף לייבלען איז ווידער געפאַלן דער גורל אויפצוקלערן:

— וועגן אים וועלן מיר נישט רעדן, איר פאַרשטייט? געזונטער פאַר אונדז און פאַר אים.

גרינבערג האָט עס נישט פאַרשטאַנען. ווידער האָבן זיך פעדעם גע־פּלאָנטערט און געריסן אין מוח. לייבל האָט אָנגעהויבן שטיל און סודותדיק:

— געפינען האָט מען אים נישט. אַ פּאָר טעג וועט מען אים נאָך זוכן. דערנאָך, אויסמעקן פון די רשימות, פאַרגעסן. איר פאַרשטייט?

ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

מיט רמזים האָט לייבל ווייטער געצויגן דעם שמועס, אַברהמל האָט פריילעך אונטערגעוווּנקען און חיים האָט געקנייטשט דעם שטערן.

— פאַרגעסן, איר פאַרשטייט? באַנען לויפן פון דאַנען אויף דרום. טויזנטער מענטשן אַהין און צוריק. אַ מענטש איז דאָס פּאַפּירל, וואָס ער

האָט מיט זיך. איז דען וויכטיק, צי דאָס פּאַפּירל הייסט גרינבערג, קאַץ, אָדער ראַכימאָוו? ס׳דאַרף נאָר זיין דאָס פּאַפּירל!

עפּעס אַ חשד האָט אָנגעהויבן זיך אַרויסצופּיקן פון דער פאַרגליווערט־קייט. ער האָט דאָס נישט געוואָגט אַרויסצוזאָגן, נאָר אָנגעכאַפּט לייבלען פאַר דער האַנט.

— נאָר שטיל. לאָזן עס איינזינקען ווי אַ שטיין אין וואַסער. געווען אַ מענטש און נישטאָ. ווי וואַליאַ, ווי די אוזבעקן, ווי אַנדערע. און שאַ, שטיל. פאַרשטאַנען? — האָט לייבל סודותדיק געפּליסטערט — די מילחמה וועט צוליב דעם נישט ענדערן איר לויף. די רעוואָלוציע וועט נישט ליידן, פאַר־שטאַנען? אַ פּאָזיציע אין באַריכט, נישט מער. אַ שפּענדעלע אין וואַלד, אמת? ראַזילקאָ וועט געפינען געגנוג אַנדערע קרבנות.

אַברהמל האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו דערציילן אַ פריילעכע מעשה וועגן אַ יונגער אַלמנה אין אַ קאָלכאָז, אין מיטלאַזיע, ווו ס׳איז אין אַ געוויסן טאָג אָנגעקומען אַ דעמאָביליזירטער אינוואַליד, וואָס איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך געווען צו איר פאַרלוירענעם מאַן און ס׳איז געוואָרן אַ ליבע צווישן זיי, די אַלמנה איז געוואָרן אויס אַלמנה און איר טעכטערל האָט געפינען אַ פאָטער.

דער סיגנאַל אויף מיטיק־איבעררייס האָט אַלעמען אויפגעהויבן פון די ערטער. גרינבערג איז אַוועק מיט דער חברה טיילן מיט זיי דעם מיטיק און הינטערן שאַרבן האָט ביי אים געקנוילט אַ הויפן פאַרפּלאָנטערטע, צע־ריסענע פעדעם.

IX

גראָד ערב ניי־יאָר, נאָכן אָפּעסן דעם יום־טובדיקן אָונטברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרעסערער פּאַרציע קאַשע און אַ שטיקל וורשט, ווען יעדער האָט זיך געגרייט אויף זיין שטייגער צו פאַרברענגען דעם אָונט און גרינבערג האָט זיך געקליבן אין שוויצבאָד, — האָט זיך דערהערט דער אַלאַרעם־סיגנאַל. פאַרצווייפלטע קרעכצן פון דער סירענע האָבן געשניטן די אייזיקע לופט און געטריפט מיט געוויין אין דער נאַכטיקער פינצטער־ניש. פון דער סטאָלאָווע און פון די באַראַקן איז מען אַרויסגעלאָפן אַרויפ־

כאַפּנדיק אויף זיך די בגדים און דערזען פון דער ווייטנס צונגען פייער אויפן שוואַרצן האָריזאָנט.

— די עלעקטראָווניע ברענט!

פון אַלע זייטן האָבן שוין אַהינגעאיילט אויטאָס, וואָס האָבן מיט היי־זעריקע טרומייטערן זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די לויפנדיקע מענטשן.

ביי דער עלעקטראָווניע האָט שוין אַרומגעפּלאַטערט דער קאָמענדאַנט ראַזילקאָ מיט אַלע זיינע געהילפן. עס זענען געפאַלן באַפעלן:

— זעקלעך צעמענט! פאַרטאַראַסירן דעם לינקן פליגל!

אויף די רושטאָוואַניעס פונעם נייעם פליגל פון דער עלעקטראָווניע זענען געלאָפן הין און צוריק מאָביליזירטע. אין לויף זענען זעקלעך צע־מענט אויפגעריסן געוואָרן און ביי דער זייט פון דער רושטאָוואַניע איז שנעל געוואָקסן אַ גראָער באַרג. וואַסער האָט געשטראָמט פון די גומענע שלאַנגען אין דער ריכטונג פון דער שריפה און פאַרוואַנדלט דעם צעמענט אין אַ פליסיקער מאַסע, וואָס האָט אויסגעפילט אַלע טיפענישן פון נישט־אויסגעענדיקטן בנין. גרינבערג האָט זיך געפונען ביי דער זייט פון לוגאָוואָי און, אומבאַמערקט פאַר זיך, אין יענעמס טעמפּאָ געשלעפּט אויף די פליי־צעס די זעקלעך צעמענט.

— סטאַכאַנאָוויעץ, גרינבאָוו! — האָט אים לוגאָוואָי פריילעך צוגע־וואָרפן אין לויף. ער האָט אַרומגעטאַנצט אויף די רושטאָוואַניעס, אין דער נאָענט פון די פייערצונגען, ווי אויף אַ לוסטיקער חתונה, געבענטשט דאָס פייער מיט די זאַפטיקע ברכות און אונטערגעיאָגט די פאַרשלאָפענע, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. גרינבערגן האָט ער נישט באַדאַרפט אונטעריאָגן.

די מענטשנמאַסע ביי דער שריפה האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. אין ליכט פון די פלאַמען האָט גרינבערג אָפּט געזען פאַרביישוועבן אַ פנים פון די וואַרשטאַטן, מענטשן פון דער בוכהאַלטעריע און ביוראָען. אַלע פאָר טריט האָט זיך געפינען עפּעס אַ נאַטשאַלניק, וואָס האָט איבערגעחזרט די באַפעלן פון ראַזילקאָ, און צוגעאיילט מיטן אויסרופן דעם טאַטן, די מאַמען, אַלע קערפּערטיילן און אַלע רוחות. מאָמענטווייז האָט זיך גרינבערגן אויס־געוויזן, אַז דאָס לעשט מען נישט קיין שריפה, נאָר דאָ קומט־פאָר אַן אַל־

געמיינער ספּאָרטפאַרמעסט, ווו יעדער דאַרף אַרויסווייזן זיין רירעוודיקייט און פלייסיקייט.

גרינבערג האָט נישט געקאָנט באַגרייפן פון וואַנען ס׳נעמט זיך די הייטערקייט ביי אַ סך פון די אַרומלויפנדיקע: אָט גייט אַוועק מיטן רויך די אַרבעט פון הונדערטער מענטשן, גאַנצע עשאַלאָנען מיט קאָסטבאַרן מאַ־טעריאַל, וואָס זענען אַהער געבראַנגט געוואָרן פון ווי ווייט, כדי אויסצו־פּאַרטיקן דעם נייעם פליגל פון דער עלעקטראָוניע; אַ בנין פון אומגעהייע־רער וויכטיקייט פאַר דער גאַנצער געווער־אינדוסטריע פון ראַיאָן. — „דער חבר סטאַלין פּערזענלעך פאַראינטערעסירט זיך מיט אונדזער בויונג״ — האָט ביי יעדער געלעגנהייט איבערגעחזרט ראַזילקאָ און זיינע געהילפן נאָך אים. און דאָ וויצלט מען זיך, מע חכמהט זיך גאָר! וואָס פאַר אַ טייוול שטעקט אין די מענטשן און וואָסער כוח שטעקט אין דעם לאַנד, אַז ס׳קאָן דאָס אַלץ איבערהאַלטן? — און ס׳האָט פאַר אים אַ בליץ געטון קאַגאַנס אַ ווערטל: דאָסטאָיעווסקי! פאַרברעכן אויף פאַרברעכן!...

ער האָט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, ווי אַ זלידנע פליג. און דער געדאַנק האָט געזשומעט אָן אויפהער, אונטערטרייבנדיק גרינבערגן צום ווייטערדיקן שלעפּן און וואַרפן די זעקלעך צעמענט.

ס׳איז שוין געוועזן טיפע נאַכט, ווען ס׳האָט זיך דערהערט דער סיג־נאַל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די שריפה איז באַהערשט. פונעם ברענענדיקן פליגל האָבן זיך נאָך צייטנווייז אַרויסגעריסן פייערצונגען, וואָס זענען גלייך פאַרפלייצט געוואָרן מיט וואַסער און פליסיקן צעמענט. ראַזילקאָ האָט גע־טיילט שבחים די בריגאַדירן, פאַראָרדנט אַ פּאָר גרופּן צו בלייבן און פאַר־ענדיקן די אַרבעט און די איבעריקע באַפרייט.

— מאָלאָדצי, רעביאַטאַ! מיר האָבן באַזיגט דאָס פייער, אין זיין מאַמען אַריין! די עלעקטראָוניע איז געראַטעוועט. מאָרגן בייטאָג אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין דער גרויסער האַליע פון דער קאָמענדאַנטור! — האָט ער געשטראַלט ווי אַ זיגרייכער קאָמאַנדיר נאָך אַ שלאַכט.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין מיט שווערע טריט. אַברהמל האָט גרינבערגן באַוויזן פריילעך צוצוואַרפן:

— ביז מאָרגן, חבר גרינבערג! — און פאַרשוווּנדן אין המון.

פֿאַרן באַראַק האָט זיך גרינבערג אָנגעשטויסן אויף לוגאָוואָיען. יענער האָט אים אַ פֿעסטן זעץ געטון אין דער פּלייצע:

— ביסט געוואָרן אַ לייט, גרינבאָוו!

אין באַראַק האָט גרינבערגן אַ שלאָג געטון אין דער נאָז דער רויך פֿון אויוון, וואָס האָט — נאָך דער פֿרישקייט פֿון דער דרויסנדיקער פֿראָסטיקער לופֿט — נאָך מער געביסן אין האַלדז. ער האָט זיך פֿאַרהוסט.

— קאָנסט נישט אַראָפּשלינגען די שריפֿה? האָט זיך לוגאָוואָי געוויצלט.

ניין, ער האָט נישט געקאָנט. דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען אַזוי מאָדנע, אַזוי אומבאַגרײַפֿלעך, ווי אַ ווילסטער חלום אין אַן אומרויִקער נאַכט. די פֿלאַמען האָבן, ווייזט אויס, צעעפֿנט שלאָפֿנדיקע קעמערלעך אין זײַן מוח און פֿראַגעס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצוהויפֿן איינע אויף דער אַנדערער, געשפּאַרט פֿון זײַנע אויגן, זיך געריסן אויף דער צונג.

פֿאַר לוגאָוואָיען איז דאָס אַלץ אָבער געווען נאַטירלעך און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך.

— דאָס יאָר האָט זיך געענדיקט. ס׳קאָן אָנקומען אַ קאָנטראָל פֿון אויבן: אַנו, ברידערלעך, וואָס האָט איר דאָ אויפֿגעטון פֿאַרן פֿראָנט? ווו איז די אַרבעט פֿון אײַערע סטאַכאַנאָווצעס? ווו זענען אַהינגעקומען די גוטע מאַטעריאַלן... — „אַן אומגליק, חבר נאַטשאַלניק, אַוועק מיטן רויך! אַן אומגליק! אָדער סאַבאָטאַזש. מיר זוכן די שולדיקע, חבר נאַטשאַלניק”. אָט וואָס, אין דער מאַמען אַרײַן!

דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָט אין גרינבערגן עפּעס אויפֿגעברויזט איגעווייניק. ס׳האָט אָנגעהויבן צו צאַפּלען אונטערן שאַרבן. ביז אין דער פֿרי האָט ער קיין אויג נישט צוגעטון. פֿייערצונגען זענען פֿאַר אים געשפּרונגען, אויסגעבויגן זיך אין רויטע רעדער, צעשוומען געוואָרן און ווידער אויפֿגעטויכט.

X

יום־טובדיקייט האָט אַראָפּגעשריגן מיט גרויסע אותיות פֿון די ווענט פֿונעם קאָמענדאַנטור־באַראַק: „מיר באַגריסן דאָס נײַע יאָר מיט פֿאַרגרעסערטע דערגרייכונגען”! „דעם פּלאַן וועלן מיר אויספֿירן פֿאַרן טערמין!”

„אַלץ פאַרן פראָנט!" קאַלירטע פאָרטרעטן פון די פירער האָבן אַראָפּגע־שמייכלט פון די ווענט און איבער אַלעמען — אַ גרויסער פאָרטרעט פון סטאַלינען וואָס רעדט צום פאָלק.

אויף די פּנימער האָט מען שוין נישט אָנגעזען די מידקייט פון דער שריפה־נאַכט. יעדער האָט זיך געפילט אַ מיטבאַטייליקטער אין יום־טוב פון ניצחון. אַפילו די פאָר אוזבעקן, וואָס זענען געווען פאַרנומען ביי פאַר־שידענע אַרבעטן אין דער קאָמענדאַנטור, האָבן היינט אויסגעזען אויפגע־הייטערט. איין גרינבערג האָט זיך אַרומגעדרייט מרה־שחורהדיק, זיין פּנים איז געווען פאַרוואָלקנט, ווי פון שריפה־רויך.

חברה האָט דאָס באַמערקט און געפּרוּווט אים אויסצולייטערן: אַ וויץ, אַ קיבעץ, אַ יום־טובדיקער פּאַפּיראָס. לייבל האָט לסוף ערנסט צוגעגעבן:

— זאָל עס אייך אָנרירן נאָר ביז צום קנעפּל. איר וועט גאָרנישט ענדערן. איר קאָנט נאָר זיך פאַרערגערן.

גרינבערג האָט געשוויגן. ער האָט חושכדיק געבליקט פאַר זיך און געשוויגן.

אַברהמלען האָט עס אָנגעהויבן צו באַאומרויקן: — „ער זאָל נאָר בלייבן ביים שוויגן" — האָט ער אויסגעמורמלט צו זיינע חברים. — „סיידן, — ער איז משוגע געוואָרן". — האָט חיים ערנסט געענטפערט. „מע דאַרף אים האַלטן אויפן אויג" — האָבן זיי צווישן זיך באַשלאָסן.

דער קאָמענדאַנט איז אַריינגעקומען מיט זיין סוויטע אָנגעטון ווי צו אַ פּאַראַד. אויף זיין ברוסט האָט זיך געבאָמבלט אַ מעדאַל „פאַר פאַרדינסטן" און זיין גאַנצער אויסזען האָט עדות געזאָגט, אַז דער מעדאַל איז ווייניקער ווי ער פאַרדינט אין דער אמתן.

„מיר האָבן אַרויסגעוויזן אַ העלדישקייט, ענלעך צו אונדזערע חברים אויפן פראָנט. מיר האָבן געראַטעוועט די שוין אַרבעטנדיקע עלעקטראָווניע, וואָס איז לעבנס־וויכטיק פאַרן לאַנד. די אויספאָרשונג וועט פעסטשטעלן, צי מיר האָבן צו טון מיט אַן אומגליקפאַל, אָדער ס׳איז אַ סאַבאָטאַזש־אַקט פון שונא. דאָס וואַכזאַמע אויג פון דער זיכערקייט וועט די שולדיקע אויסגע־פינען. און מיר וועלן ווייטער אַלע כוחות אַוועקגעבן פאַרן צוריקבויען דאָס פאַרברענטע, פאַרענדיקן די עלעקטראָווניע אין איר פולער קראַפט. אַלץ פאַרן פראָנט"!

וואַנדערוועגן

ביי גרינבערגן האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן אַ באַוווּנדערונג פאַר דעם מענטש, ווי פאַר אַ זשאָנגלער, וואָס שפּאַנט אויף אַ דינעם דראָט איבער אַן אָפּגרונט. ער האָט עס אַפילו געזאָגט דער אַרומיקער חברה. חיים האָט ערנסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַברהמל האָט צוגעשמייכלט און לייבל האָט עס באַשטעטיקט: ער פאַרדינט טאַקע באַוווּנדערונג, זיין פעיִקייט אַרויסצודרייען זיך פון אַלע אומגליקן איז אומבאַשרייבלעך. אין ערגסטן פאַל וועט מען אים אַוועקשיקן אין אַ נאָך מער פאַרוואָרפענעם פּלאַץ. די שניי־שטחים זענען אומענדלעך. און מענטשן דאַרף מען אַ סך.

די שטים פון ראַיִלקאָ איז געוואָרן אַלץ פייערלעכער. עס האָבן זיך אין איר אָפּגערופן קלאַנגען פון זיין טאַטן און זיידן, די דאָרפישע פּאָפּן. ער האָט כסדר געהויבן די פינגער, ווי צום שווערן און געדאַוונט צום פּאָרטרעט איבער אים. זיין רעדע איז אַ סך מאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ היל־כיקער פּאַטשערײַ. שטיל האָט מען זיך איבערגערופן אין די ווייטערע רייען:

— אַ כוח!... אין זיין מאַמען אַריין!

— גרושע ווייס עס גוט — האָבן זיך געשטיקט געלעכטערס אויסבאַהאַלטן אין די הינטערשטע רייען.

— נו, נו, זשלאָבעס, דערצו איז ער אַ קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל האָבן אַ סעקרעטאַרשע!

זיעמקין, דער פאַרזאָרגונג־נאַטשאַלניק, האָט זיך אין זיינע פוטערנע שטיוול צוגעשאַרט צו די הינטערשטע רייען:

— איר האָט פאַרגעסן, יינגלעך, אַז וויצלערס האָבן אויפגעבויט דעם ביעלאָמאָרקאַנאַל?

לוגאָוואָי האָט אים אַ ברי געטון:

— מיר זענען נישט פון די שרעקעדיקע — האָט ער זיך צוריקגעצויגן און דערנענטערט צו דער וואָרשטאָטן־גרופּע.

— אָט, רעביאַטאַ, שווער מיט אונדזער חברה כוליגאַנעס... — זיעמקין האָט דעם וואָרשטאָט־עולם באַטראַכט כמעט פאַר אייגענע. פאַרט צו ביסלעך שותּפים צו די עסקים.

אויף גרינבערגן האָט ער געווירקט ווי אַ רויטע פלאַכטע. די אויגן זענען אים אָנגעגאָסן געוואָרן און די צונג האָט ממש געגומען בריִען...

דער קאָמענדאַנט האָט פאַרענדיקט מיט אַ ווענדונג: — „צי האָט עמעצער עפּעס צוצוגעבן?“.

אַ פּאָר באַאַמטע און בריגאַדירן האָבן שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט קורצע פּאַטריאָטישע פּאַרפּליכטונגען און פאַרענדיקט מיט „זאָל לעבן“!

גרינבערג האָט געבעטן דאָס וואָרט.

די שכנים זיינע האָבן זיך דערשראָקן און באַמיט אים צוריקצוהאַלטן, נאָר ס'איז געווען צו שפּעט: מיט שווערע טריט האָט ער זיך גערוקט צו דער טריבונע און אָנגעהויבן אַ לאַנגע רעדע.

ער האָט זיך באַמיט צו רעדן לכתחילה פאַרזיכטיק, קיינעם אָפן נישט צו פאַרטשעפּען. דערמאָנט וועגן דער שריפה, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון אַזוי פיל אָנשטרענגונגען; וועגן אַרבעטער, וואָס פאַלן ביי די מאַשינען דערשעפּטע פון הונגער; וועגן זעלבסטמאָרדן און אויסשטאַרבנדיקע אונזבעקן. „צי זענען נייטיק די אַלע אומזיניקע קרבנות“? האָט ער געשטעלט די פראַגע, ווי ער וואָלט זיך אַליין געפרעגט.

געענטפערט אויף דער פראַגע האָט ראַזלקאַ נישט גרינבערגן, נאָר דער סוויטע:

— קאַליע געמאַכט די יום־טובדיקע שטימונג, דער... אינטעליהענט.

גרינבערג האָט נישט געהערט ראַזלקאָס ווערטער. ער האָט אָבער באַמערקט די באַוועגונג אין פּרעזידיום. האָט עס אים אונטערגעהעצט און ער האָט אָנגעהויבן צו שטעלן פראַגעס דירעקט די זיצנדיקע ביים טיש: — פאַרוואָס פאַרטיילט מען נישט די ווינטערדיקע מלבושים די מאָביליזירטע? פאַרוואָס באַקומען זיי נישט די אָפּיציעלע שפּייזנאָרמע? ווו ווערט פאַרפאַלן דער צוקער? דאָס פעטס? ווו קומען אַהין טייערע מאַטעריאַלן פון דער בוידונג?

— איר פרעגט, חבר, ווי אַ שונא! — בייזע פייערלעך האָבן זיך צעפלאַמט אין ראַזלקאָס אויגן.

— און איר האַנדלט, ווי אַ קאָמענדאַנט פון אַ היטלעריסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער...

גרינבערג האָט שוין נישט געהערשט איבער זיין צונג און אַראָפּגעוואָרפן דאָס, וואָס האָט אים געבריט.

ווי אַ ווילדער שטורעם האָט זיך עס אַדורכגעטראָגן דורכן זאַל. פראַ־

טעסט־געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט פּאַטשערייען, מיט הילכיקע אויסרופן פון די לעצטע רייען. לוגאָוואָי האָט געראָנעט אויף די העכסטע טענער: — מאַלאַדיעץ!

ראַילקאָ האָט געקלאַפּט אין טיש און געשריגן:

מישפּטן! קריגגעריכט!

גרינבערג האָט שוין מער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט רעדן. ער האָט בלויז געקוקט אויף די הונדערטער קעפּ וואָס האָבן זיך באַוועגט אין זאַל ווי כוואַליעס. ער האָט געפילט עפּעס אַן אויפלייזונג אונטערן האַרצן, ווי די אייזיקע צוואַנגען, וואָס האָבן דאָרט געדריקט, וואָלטן צע־שוומען, זיך אויסגעפּאַרעט, דאָ, אין דער האַליע.

XI

צוויי שורות מענטשן זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ פאַר דער קאָמענדאַנטור. ס'איז שווער געווען צו דערקענען אַ פּנים פון די אַראָפּ־געצויגענע אושאַנקעס. אייניקע האָבן געהאַלטן קעסטלעך אין די הענט, אַנדערע — רוקזעק אויף די פּלייצעס, אָדער טוכזעק, פאַרהאַנגענע איבערן אָרעם. ביים אָנהייב פון דער צווייטער שורה איז געשטאַנען גרינבערג.

אַרויסגעקומען צו זיי איז דער פּאָליטקאָמיסאַר בליזינסקי. ער האָט טרוקן איבערגעלייענט דעם טאָגבאַפעל:

— אַרויסהעלפנדיק אַ וויכטיקע מיליטערישע פּלאַצוווקע, האָט די קאָ־מענדאַנטור באַשלאָסן איבערצושיקן פּופציק גוטע קוואַליפיצירטע אַרבע־טער אין די גרובנס פון אַזבעסט. די קאָמענדאַנטור דאַנקט דער גרופּע פאַר זייער פלייסיקער אַרבעט אויף דער בויונג און האָפט אַז זיי וועלן אויפן נייעם פּלאַץ ווײַטער ברענגען נוצן פאַרן פראָנט, פאַרן פאָטערלאַנד.

ער האָט צוריק סאַלוטירט און אַרײַן אין בנין פון דער קאָמענדאַנטור.

עולם האָט זיך אַ לאָז־געטון פון אַלע זייטן געזעגענען מיט דער גרופּע. לוגאָוואָי, וואָס איז געווען ביים סוף פון דער ערשטער שורה, איז אַרומגע־רינגלט געוואָרן דורך מאָביליזירטע פרויען, וואָס האָבן אים געררוקט קליינע

פּעקעלעך אין זעקל אַריין. ער האָט זיך הויך געוויצלט, געטשעפּעט זיך מיט זיי און געטיילט פּעפּערדיקע ברכות.

אַרום גרינבערגן זענען געשטאַנען די חברה פון די וואַרשטאַטן. זיי האָבן אָוועקגעשטעלט לעבן אים אַן אָנגעשטאָפּטן זאַק. אַבֿרהמל האָט אים געטרייסט:

— נישט קשה, חבר גרינבערג, אויך דאָרט זענען דאָ וואַרשטאַטן, היימישע יינגלעך. זוכט זיי אויף. צווישן עמך וועט איר נישט פאַרפאַלן ווערן.

אַ מאַטקייט און אויסגעלייזדיקטקייט האָט ווידער באַהערשט גרינבערגן. ער האָט באַר איינס נישט פאַרשטאַנען: וואָס איז מיטן קריגגעריכט?

לייבל האָט געגעבן צו פאַרשטיין:

— מיטן געריכט וועט זיך ראַזלקאָ נישט אָנהייבן. ס'קאָן זיך פאַר אים שלעכט ענדיקן. ער מאַכט שטענדיק אַזוי: קלייבט אויס די אומבאַקוועמע און שיקט זיי אָוועק פון זיינע אויגן.

די גרובנס — ווייט אָוועק אויפן צפון, ביים סאַמע עק פון דער באַן־ליניע — זענען געווען אַ שרעקנאָמען פאַר די מאָביליזירטע. גרינבערג אָבער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט. אים האָט געפרייט, וואָס ער פאָרט צוזאַמען מיט לוגאָוואָי. ער איז טאַקע צוגעגאַנגען צו לוגאָוואָיען, און אים אַ נעם־געטון ביי דער האַנט. יענער האָט אים שאַרף אָוועקגעשטויסן, אַז גרינבערג האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן אַ פּאָר טריט ווייטער. אַבֿרהמל איז פלינק צוגעלאָפן און געהאָלפן אים זיך אויפהייבן.

— נעמט אייך נישט איבער, ס'איז אים באַפאַלן ס'משוגעת...

ער איז ווידער אַריין אין פּריזערדיקן קרייזל און גלייכגילטיק זיך צוגעהערט צו די פּריזערדיקע שמועסן. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי ס'האָט זיך צו זיי צוגעשלייכט לוגאָוואָי, געשטאַנען אַ רגע, ווי אַ קינד, וואָס האָט עפּעס אָנגעבראָיעט:

— זיי נישט בייז, גרינבאָוו... דאָס שלעכטע בלוט... ס'איז שווער, ברודער, אויפן האַרצן... אַ שאָד די וועלדער... דאָרט, ברודער, אַ פוסטקייט... איך וועל גיין אין די גרובן, ס'וועט נישט זיין מיט וואָס צו אָטעמען... און דו וועסט דייניקע געפינען. זיי וועלן אונטערשטעלן אַ פּלייצע. אָט וואָס.

וואַנדערוועגן

— אַכטונג! — האָט זיך דערהערט אַ באַפעל פון אונטעראָפיציר — אויסשטעלן זיך אין רייען! רעכטס מאַרש!

ביידע שורות האָבן מיט אַ גלייכן שריט זיך גערוקט פאָרויס, אָרויס אויפן אייזיקן שניי: „איינס, צוויי, איינס, צוויי" און מאַרשירט אין דער ריכטונג פון וואָקזאַל.

דער שניי האָט געקרעכצט אונטער די קלעפּ פון טריט, פאַרהילכט די געזעגענונג־רופן פון דער וויטנס. גרינבערג האָט געפילט, ווי אייזיקע צוואַנגען קלעמען אים ווידער איין אינערלעך. ער האָט אָנגעהויבן צו ציילן די טריט, די קרעכצן פון שניי אונטער די פיס.

דער שוואַרצער זונטיק

I

אַלע סימנים אויפֿן הימל און אויף דער ערד האָבן עדות געזאָגט אַז דער סוכּות וועט זיך שטעלן אַ שיינער, אָן רעגנס. אַפֿילו דער שכן, שנוררע, וואָס פֿלעגט נישט דורכלאָזן קיין געלעגנהייט כּדי אַרויסצוווייזן דעם „ווערטן הערר גרילבאַום זיין האָכאַכטונג", ווי ער וואָלט דערמיט וועלן אָפּוואַשן עפּעס אַ חטא פֿון זיין געוויסן — האָט מיט געמאַכטער הנאה באַמערקט:

— איר האָט גרויס גליק ביי דעם הער גאָט, צו אייער געצעלטן־פֿייערטאָג מאַכט ער אַ שיין וועטער. אין אייער זכות וועלן מיר דעם זונטיק אויך קאָנען גוט פֿאַרברענגען אין וואַלד...

רב הענעך גרילבוים האָט אים אויפֿן „גוטמאָרגן" געענטפֿערט מיט אַ שמייכל און שטיל צוגעוואָרפֿן:

— ווער דערשטיקט און דערוואָרגן! — ווי שטענדיק, ווען ער איז אין אַ גוטער שטימונג.

שעלטן אַלע יעקעס — דאָס טוט ער כּסדר. סיי די פֿון מיזרח, סיי די פֿון מערבֿ. שוין אַכט יאָר ווי ער וווינט צווישן זיי, האַנדלט מיט זיי — מיט די פֿון בײדע זייטן. ער האָט אָפּגענומען גרויסע געלטער פֿאַר אַנטשעדיקונג — „ווידערגוטמאַכונג", ווי זיי רופֿן עס — נאָר ער קאָן זיי אַלץ נישט מוחל זיין. קאָן מען דען מיט געלט ווידער גוטמאַכן דאָס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון די ייִדן? ער באַמיט זיך גאָרנישט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער פֿילט זיך דאָ ביי זיך אין דער היים — זאָלן זיי טאַקע וויסן, אַז ער איז אַ פֿרעמדער ביי זיי. רעדן רעדט ער ייִדיש, קוים פֿאַרבראָקט מיט אַ דייטשן אַקצענט און מיט אַ פּאָר פּתחס — ער וויל זיך גאָרנישט די מי געבן, זיי זאָלן מיינען, אַז ער רעדט דייטש. זאָלן זיי וויסן, די יעקעס: ער האָט מיט זיי צו טון בלויז צוליב פּרנסה און אויך דערפֿאַר, ווייל דער דאָקטאָר האָט אים שטרענג פֿאַרווערט — דאָס קראַנקע האַרץ נעבעך! — צו פֿאָרן קיין

ישראל. ווען נישט דאָס, וואָלט ער די טריפהנע פּנימער נישט געוואָלט אָנקוקן. עס איבלט אים פון זייערע ליבע־שמייכלען, פון זייער זיסקייט, ווי פון צו־געברענטן לאַקריץ. איז ער אין אַ גוטער שטימונג, קאָן ער נאָך שעלטן מיט אַ שמייכל, אלא נישט — ברויזט ער מיט רוגזה.

היינט שמייכלט ער, ווייל די זון גלעט. איצט גייט ער אין דער סינאַ־גאָגע, אויף דער יאַאַכימסטאַלער, ווו מע דאַוונט לייטיש אָפּ — מע קאָן טאַקע כאַפּן אַ היימישן קיבעץ אויך — אַלץ פּוילישע יידן, היימישע מענטשן. ס'זענען טאַקע דאָ אַ ביסל לאַבוזעס צווישן זיי — אָבער, פּאַרט היימישע. וואָס דאַרף מען מער: די מאַדזשאַרישע און רומענישע יידן, וואָס דאַווענען אין דער שול, זענען אויך היימיש. זיי רעדן מאַמע־לשון און פּראַווען חסידי־שע שטיק נישט ערגער ווי אַ גערער חסיד. נישט אַזוי ווי ביי די שטייפע יעקישע יידן, אויף פּעסטאַלאַצצי שטראַססע, וואָס האַלטן זיך ביים דאַווע־נען, ווי — להבדיל — אויף אַן אַפּעל אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

פון דער שול שפּאַצירט ער זיך געמיטלעך צו אין כשרן רעסטאָראַן אויף לייבניצער, ווו ס'איז אויפגעשטעלט אַ סוכה און מע קאָן כשר פּראַ־ווען דעם יום־טוב. אין דער היים וועט ער גאַנץ סוכות נישט טועם זיין — ער וויל מיט אַ רויק געוויסן זאָגן די ברכות. אינעם גרויסן באַראַק, וואָס איז אויפגעשטעלט אין הויף פון דער געמיינדע, אויף יאַאַכימסטאַלער — אַ קהלישע שותפות־סוכה — קאָן ער נישט עסן, ווייל ער וויל נישט מטריח זיין דאָס קראַנקע ווייב, זי זאָל אַהין אַזש שלעפּן דאָס געקעכץ. איז גע־בליבן — אין רעסטאָראַן. ס'וועט טאַקע זיין פּאַר מייטלען וויניקער אַר־בעט און זי וועט אין דער צייט קאָנען צוהעלפן דעם זון, יאָסלען, אין זייער קאָנפעקציע־געשעפט ביים „געזונט־ברונען".

ערשט אַ פּאָר חדשים ווי ער האָט געעפנט דאָס געשעפט. קיין פּרנסה איז עס נאָך דערווייל נישט. טאַקע אַ מלכותדיקער פּונקט — כמעט ביי דער גרענעץ פון דער „אָסט־זאָנע", פון וואַנען די דאָרטיקע יעקעס קומען איינקויפן, אויב זיי ווילן עפּעס אַ שיינעם מלבוש. ס'איז אָבער נישט קיין לייכטע זאַך אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ פון די ברידער דאָרנבערג, אַ שטיי־גער, וואָס האָבן זיך צעלייגט מיט זייערע דריי גרויסע וואַרנהייזער, אויף די בעסטע פּונקטן פון „געזונט־ברונען". און זיי זענען דאָך פּאַכלייט, אַלטע לאָדזשער קאָנפעקציאָנערן. די געשעפטן האָבן זיי שוין פון לאַנג, איינגע־

פונדעוועטע, מיט אַ שטענדיקער קונדשאַפט. די דאָרנבערגס זענען זייער ווילע יידן, האָבן אין שכינות מיט אים די שטענדערס אין שול, דינען גערן מיט אַן עצה, פאַר זייער גראָשן קאָן מען נישט שטאַרבן, אָבער — געשעפט איז געשעפט. זיי וועלן דאָך נישט טרייבן די קונים פון זיך, און זאָגן: — גייט צו גרילבוימען...

דער גאַנצער איינפאַל מיטן קאָנפעקציע־געשעפט איז אייגנטלעך מיטלס. זייט יוזשעק, זיין בן־יחיד יאָסל, איז געקומען מיט צוויי יאָר צוריק פון פוילן, האָט זי ר׳ הענעכן נישט געלאָזט רוען:

— הענעך, מע דאַרף עפּעס אַ תכלית פאַר יוזשעקן. וואָס וועט ער טון, מישטיינס געזאָגט, מיט זיינע פיר יאָר קראָקאָווער אוניווערסיטעט־שטודיען? זאָל ער עפּעס האָבן אַ באַשעפטיקונג, אַ תכלית. איך וועל אים אויך צוהעלפן. זאָל ער נישט זיין אַנגעוויזן אויפן טאַשנגעלט פון טאַטן...

דער פּלאַן איז באמת געווען אַ גוטער: ווי די זאַך מאַכט זיך, די שעה זאָל נישט באַשערן — זאָל זיין ערגעץ אָפּגעלייגט אַ גראָשן. און טאַקע נישט אויף זיין נאָמען, נאָר אויף יאָסלס. וואָס קאָן מען וויסן? נישט איינס האָט שוין ר׳ הענעך מיטגעמאַכט דורך די ניין יאָר, זינט ער איז אויף אַ לאַסטשיף מיט קוילן אַנטלאָפן פון פוילן. קוים מיט גאַנצע ביינער אַנטלאָפן. אַזאַ איז שוין זיין מזל: דאָס גרויסע געשעפט פון עלעקטרישע מכשירים, וואָס ער האָט געהאַט פאַר דער מלחמה אין לאָדזש, איז באַלד אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איינגעשלונגען געוואָרן דורך די דייטשן; דאָס לאָדזשער הויז האָט ער פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש, כדי מיט ווייב און קינד אויסצובאַהאַלטן זיך אין דאָרף; דאָס וואַרשעווער ירושה־הויז פון זיין ווייב איז אַוועק מיטן רויך — שווער אַפילו צו דערקענען דאָס אָרט, וווּ ס׳האָט זיך געפינען. האָט אים שוין גאָט געהאָלפן און זיי האָבן אַלע דריי איבערגעלעבט די אָקופּאַציע — גאַנץ און געזונט זיך באַזעצט אין קאַטאָוויץ; ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן גאָלדענע געשעפטן, געוואָרן אַ צור־שטעלער פאַר דער מלוכה און ביידע צדדים זענען דערפון גוט אַרויס...
דאַרף זיך פאַרגלוסטן דעם יידל מינץ: ס׳איז נישט סאָציאַליסטיש און — ווילד! אין איין טאָג האָט מען אים אַרויפגעהאַקט אַזעלכע שטייערן, אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן וואָלט נישט געקלעקט. באשר — צווייי־קע ביכער, נישט קיין ריינע חשבונות. ווי דען אַנדערש האָט מען געקאָנט האַנדלען, אַז דאָס

גאַנצע געשעפט איז געווען פון פאַרויס אויסגערעכנט אָפּצונאַרן איינער דעם צווייטן; די מלוכה אַליין איז דאָך געווען אַ שותף צום שווינדל... נאָר גיי טענה אַז די „בעספיעקע"*) נעמט זיך צו דיר...

ויבוא בערלין... האָט ער שוין דורכגעמאַכט אַלע שבעה־מדורי־גיהנום פון פליכטלינגען־לאַגער, פון אויסגעפאַרשט ווערן דורך די אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פראַנצויזן. מיט מזל באַקומען אַזיל־רעכט און דעם פרעמדן פּאַס, די ערשטע ראַטע פון אַנטשעדיקונג — ווייל מען דאַרף לעבן פון עפּעס. מייטל האָט געשריבן פון קאַטאָוויץ, אַז זי גרייט זיך צו פאָרן קיין ישראל — אַהין האָט מען דאַן פריי אַרויסגעלאָזט פון פוילן. יאָסל וויל נישט, ער וויל שטודירן אין קראָקע. אַ פּאַטריאָט, גיי טו אים עפּעס! מילא, וועט ער זיך מיט דער צייט אויסטשוכען. ס'זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט... יעדנפאַלס, אַז די עלטערן וועלן זיין אין ארץ־ישראל, וועט לייכטער זיין אַריבערצו־שלעפּן דעם זון, ווען עס וועט קומען דערצו.

אָבער אויף אַלץ דאַרף מען געלט. און געלט וואַלגערט זיך ממש אין די גאַסן פון בערלין. מע זשאַבט! אַ שפּאַציר פון אָסט־בערלין ביז וועסט־בערלין, איז נישט מער ווי אַ שפּאַציר. אָבער אין „אָסט" איז קאַווע און טאַבאַק — צוויי גאָלדענע אַרטיקלען — בחצי־חינם. אייניקע מאָל אין טאָג זיך דורכשפּאַצירן אַהין און צוריק מיט אָנגעשטאָפּטע קעשענעס — אפילו די תחתונים — ברענגט עס דאָלאַרן! עס שיטן זיך דאָלאַרן, ווי אַ האָגל! אין אַ פּאָר חדשים — אַ גביר! ס'איז אפילו געווען שווערלעך, מיט זיין נידעריקער, קיילעכדיקער פיגור, — אַז גאָט וויל שטראָפן: אין די ערגסטע צייטן האָט אים אָנגעהויבן וואַקסן אַ בייכל...

געבענטשט זענען געווען אין די הייסע בערלינער טעג די הויכע און דאַרע. זייערער אַ שפּאַציר האָט געהאַט טאָפּלט, דרייפאַכיק די ווערט. נאָר — נישט צו פאַרזינדיקן: אויף זיין פעסלדיקן גוף האָט ער, צו ביסלעך, גאַנצע זעק אַריבערגעפירט. איז דער שטן מקטרג — מוז ער זיך אויס־גליטשן. קאָנפיסקאַציע, תפיסה. דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז ווידער צערונען. דאָ האָט שוין דאָס האַרץ נישט אויסגעהאַלטן. אַ יאָר צייט אין שפּיטאָל.

*) זיכערקייט־מאַכט.

אָנשטאָט ער זאָל פאָרן צו מייטלען קיין ישראל, האָט זי שוין געמוזט קומען צו אים. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרווערט צו פאָרן.

באָר ווידער — נישט צו פאַרזינדיקן, גאָט צו דאַנקען. ס'האָט זיך אונטערגערוקט דאָס געשעפט מיט די מאַרקן. פאַר איין „וועסט" קריגט מען מער ווי פיר „אָסט". די קאָניונקטור איז אַ גוטע, מע רייסט די סחורה פון די הענט. די וועקסל־קאַנטאָרן קאָנען נישט נאָכקומען, דאַרפן זיי אַגענטן. עס לוינט זיך זיי צו צאָלן אַ פאָר פונקטן מער, אַבי זיי זאָלן האָבן סחורה בריווח. איז ער איצט מיטן אייבערשטנס הילף איינער פון די הויפּט־צושטעלער ביי די טוישקאַנטאָרן.

ער אַליין האָט צענדליקער אַגענטן, וואָס שטעלן אים צו סחורה. טיילט מען זיך מיט די פונקטן, וואָס קאָן מען טון? דאַכט זיך גאָרנישט, האַ? צוויידריי פּעניק פון אַ מאַרק... אָבער אַז גאָט העלפט, ווערן עס דאָלאַרן, טויזנטער דאָלאַרן. פּרנסה בריווח, טאַקע מער ווי פּרנסה. איין צרה: ס'איז נישט קיין זיכערע זאַך. מע קאָן זיך דען פאַרלאָזן אויף די לאָבוזעס פון „אָסט"? אָט האָבן זיי ערשט מיט אַ פאָר וואָכן צוריק, אָן אַ פאַרוואָס — אים פאַרהאַלטן מיט זיין נייעם „אָפּעלען־קאַפּיטאַן", צוגענומען דעם וואָגן און אַ שיינע פאָר טויזנט מאַרק.

באשר — ער ספּעקולירט. ער האָט מיט די הייליקסטע שבועות געשווירן, אַז ער האַנדלט נישט ביי זיי, די „אָסט"־מאַרקן האָט ער פון זיין זונס קאָנפעקציע־געשעפט. ס'האָט נישט געהאָלפן. זיי ווייסן דאָך, די לאָבוזעס, אַז אַלע „וועסט"־געשעפטן נעמען אָן אָסטמאַרקן לויטן אָפיציעלן קורס... ווילן זיי דווקא מע זאָל נעמען אַ מאַרק פאַר אַ מאַרק! אָבער וואָס איז ער שולדיק? זאָלן זיי האָבן טענות צו אַדענאַוערן, — ס'העלפט דען עפּעס? ווי גערעדט צו דער וואַנט. ווען נישט דער דאָקטאָר, וואָס מ'האָט געמוזט אַרויסרופן צוליב זיין האַרץ, וואָלטן זיי אים נאָך געהאַלטן און געהאַלטן. אַז מע שמועסט — געסטאַפּאָ, ענקאַוועדע. די אַלע יוונים האָבן דאָך איין פּנים...

מילא, אַ כפּרה די פאָר טויזנט מאַרק. נאָר דער וואָגן — אַ נייער „קאַפּיטאַן"! אַ מחיה געווען צו פאָרן מיטן אויטאָ אין געשעפט אַריין, אַרומפאָרן איבערן שטאָט — פאַר זיין קראַנק האַרץ איז עס פּשוט געווען אַ רפואה. נאָר זיי, האָב צו טון מיט לאָבוזעס, באַנדיטן. אַ נס נאָך — ס'חיות

גערײַטעוועט. דאָס געלט וועט שוין ווערן צוריק... נישט חלילה פֿון יאָסלס קאָנפֿעקציע. זאָל נאָר גאָט העלפֿן די געשעפֿטן זאָלן ווײַטער גײן, ווי די לעצטע פּאָר חדשים. יעדער טאָג איז געלט. אמת, יום־טוב האַנדלט ער נישט. אָבער זײַנע צושטעלער ווײסן — יעדע סומע פֿון די יום־טוב־טעג וועט ער לויטן טאַגקורס אָפּנעמען בײַ זײ זונטיק. די וועקסל־קאָנטאָרן האָט ער דערווײַל צוגעשטעלט געבונג סחורה. ער האָט קײן עין־הרע, אַ גאַנצע וואַליזע אין שטוב. עס וואַקסט, עס וואַקסט אַ פּאַרמעגן. די יעקעס פֿון די „וועקסל־שטובן" קרימען זיך אַפֿילו, הלמאי ער לאָזט דורך אַ פּאָר טעג דאָס געשעפֿט. זאָלן זײ זיך קרימען. זאָל זײ דרײען די קישקעס. זאָלן זײ װיסן, אַז זײ האָבן צו טון מיט אַ ייִד. מיט אַ פֿרומען ייִד. שבת און יום־טוב איז בײַ אים הייליק. בעזרת־השם זעכציק יאָר אַזוי אָפּגעלעבט. וועט ער שוין אַזוי פֿאַרבלײַבן ביזן סוף. אויף דער עלטער וויל ער מיט גאָט נישט אײַנרײַסן.

איז גוט אויפֿן האַרצן אין אַ יום־טוב־טאָג, אַ שבת־טאָג, אַלע האָוועך אַרום אים, נאָר אים גײט עס נישט אָן... ער שפּאַצירט זיך לאַנגזאַם, דעם הוט אַ ביסל אַרויפֿגערוקט אויפֿן שפּיץ־קאָפּ. פֿון אונטער די ברילן באַטראַכט ער מיט ביטול די אַלע, וואָס לויפֿן היינט אַרום האַנדלען, הענדום־פּעבדום; ער שמייכלט צו זײַן יום־טוב. אַלע געשעפֿטן, אַלץ אָפּגעלייגט אויף שבת־צו־נאַכטס. וועט מען זונטיק צײַט האָבן ווידער אַרומצולויפֿן צו שלעפּן די פּאַפּירלעך, וואָס יעדעס פּאַפּירל איז געלט, דאָלאַרן, פּאַרמעגן. זונטיק — חול־המועד, מערצעשעם, נאָכן דאַווענען און נאָכן אָפּפֿרישטיקן אין סוכה — וועט זיך ווידער שטעלן פֿאַר אים אַ טאָג פֿון פֿאַרדינסטן.

II

פֿרישטיקן איז שוין אָבער ר' הענעכן נישט באַשערט געווען דעם זונטיק. ווי נאָר ער האָט זיך נאָכן דאַווענען געלאָזט באַלעבאַטיש שפּאַצירן דורכן ברײטן קורפֿירסטנדאַם, וואָס האָט פֿאַרדעקט זײַנע מילחמה־וווּנדן מיט פּלאַסטערס פֿון ריזיקע שילדן, ליכט־רעקלאַמעס, און זיך שוין געביסן אין שטח מיט ווײַסע צײַנדלעך פֿון פֿריש־אויפֿגעשטעלטע בנינים — האָט ר' הענעכן עפּעס אַ זעץ געטון אין האַרצן. צום באַנהאָף „צאָאָ" זענען גע־

לאָפּן עטלעכע פון זיינע קאָנקורענטן — סוחרים פון דער זעלבער פּאַפּיר־לעך־סחורה — צעיאָכמעטע און צעטראָגענע.

— מן־הסתם איז אַ גאַר גרויסער נאָכפרעג אויף סחורה. אַ פּאָר פונקטן אַרויף. כ׳זאָל נאָר נישט פאַרשפּעטיקן... מייטל איז נאָך זיכער פון בעט נישט אַרויס. אוי, נישטאָ זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן! — האָט ער זיך געטראַכט און אויסגעזיפצט אַ רחמנות צו זיך אַליין.

ער האָט צוגעאײַלט די טריט און אָנגעהויבן אַ ביסל סאָפּען. ווייטער אין „קור־דאַם״, ווי ער האָט מיט חוזק גערופן די צענטראַלע גאַס פון בער־לין — האָט ער שוין געטראָפן שטיין געזעמלעך יונגעלייט, וואָס האָבן לעב־האַפט וועגן עפּעס גערעדט, געמאַכט מיט די הענט. איינער איז פון געזעמל אַוועק און געלאָפן צום באַנהאָף... אָפּשטעלן זיך מיט זיי האָט ר׳ הענעך נישט געוואָלט — סמאַרקעס, שאַלטיקעס, נישט זיינס גלייכן. ביי איין גרופּע איז אָבער געשטאַנען פּערלמוטער — אויך אַ שוויצער, נאָר פּאָרט אַ באַלע־באָס פון אַ שטענדער אויף יאָאַכימסטאַלער .

— וואָס איז, מאַקס, וואָס קאָכט מען זיך אַזוי? — האָט ר׳ הענעך גע־פרעגט מיט אַ געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט, ווי אים וואָלט דער גאַנצער ענין נישט אָנגעגאַנגען.

— איר ווייסט גאָרנישט, ר׳ הענעך? דער ראַדיאָ פון „אָסט״... די לעצטע ידיעה צען אַזייגער...

ערשט אַז ר׳ הענעך האָט דערהערט די ידיעה, האָט זיך גאַנץ קור־פירסטנדאַם אַ דריי געטון, ווי אַ קאַרוזעלע, פאַר זיינע אויגן. פּערלמוטער האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן ער זאָל נישט פאַלן. גיך האָט ר׳ הענעך אַרויסגעשלעפּט דאָס קליינע פלעשעלע און געכאַפּט אין מויל אַריין אַ קליין ווייס שרעטעלע ניטראָגליצערין. ער האָט געפילט, ווי דאָס האַרץ רייסט אים אויף דעם ברוסטקאַסטן — אָט גיט זיך עס אַ צעגיס איבער די שטיי־נער פון דער גאַס. זיין מוח האָט עס גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן: ווי איז עס מעגלעך? ס׳קאָן דאָך אין דער וועלט נישט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך, אַזעל־כעס האָט דאָך נאָך נישט געטראָפן...

לויט ווי פּערלמוטער האָט אים דערציילט, איז דער אָפיציעלער קאָ־מוניקאָט געווען אַ לאַקאָנישער: אין משך פון היינטיקן טאָג ווערן אַרויס־געצויגן פון אומלויף אַלע „אָסט״־מאַרקן. פון צוועלף בייטאָג ביז צען אָוונט

וועלן די מאַרקן ווערן אויסגעטוישט אויף נייע פּאַפּירלעך — צו דרייהונ־דערט מאַרק אויף אַ פּערזאָן, וואָס וועט קאָנען באַווייזן „אָסט"־דאָקומענטן, אָדער די פון „וועסט", וואָס וועלן מיט דאָקומענטן באַווייזן, אַז זיי אַרבעטן אין „אָסט". ווער עס וועט האָבן מער ווי די סומע, וועט אים דאָס געלט פאַרשריבן ווערן אויף אַ באַזונדערער קאָנטאָ און אויב ער וועט קאָנען דער־ווייזן, אַז דאָס געלט קומט צו אים פון אַ כשרן מקור — נישט פון האַנדל, ספּעקולאַציע, אָדער גניבה — וועט עס אים מיט דער צייט, צו ביסלעך אויסגעצאָלט ווערן. צו דער אַקציע זענען מאָביליזירט געוואָרן אַלע באַנק־און פינאַנץ־באַאַמטע, אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער און אַקטיוויסטן פון נאַציאָ־נאַלן פראָנט.

— אין משך פון צען שעה? מיליאַרדן געלט? און קיינער זאָל אַפילו פרובירן נישט האָבן קיין אַנונג דערפון? — די געדאַנקען האָבן געקנוילט און געזעצט אין מוח, ווי געדיכטע פּאַרע פון אונטערן צודעק אַפּער פון אַ קאָ־כעדיקן קעסל מיט וואַסער. — ניין, דאָס קאָן נישט זיין! כ'וועל לויפן געו־ווייר ווערן...

ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו מאַכן קיין טריט. ס'איז געקומען צו לויפן, קוים אָטעמענדיק, משה דער בוכאַרער — אַ קליין מעקלערל, ביי די קלענסטע געשעפטן. מ'האָט אים גערופן „בוכאַרער", ווייל ביי יעדער גע־לעגנהייט פלעגט ער דערציילן די נסים פון זיינע מילחמה־יאָרן אין בו־כאַרע. משה האָט כמעט נישט געקאָנט רעדן — ער האָט אויסגעהירזשעט איינצלנע ווערטער:

— פּאַרמאַכט... לאָזט נישט דורך... שטאַטבאַן, אונטערגרונט... מאַשי־נען, דורכגייער... לאָזט נישט דורך...

מ'האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן ווי צו דערשטיקן:

— רעד קלאָרע דיבורים! וואָס לאָזט נישט דורך? ווועמען? ווו?

משה האָט צו ביסלעך געכאַפּט דעם אָטעם און מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן איבערגעגעבן: אַלע קאָמוניקאַציע־מיטלען צווישן „אָסט" און „וועסט" זענען אָפּגעשטעלט. די זעקס הונדערט גרענעץ־דורכגענג צווישן מיזרח און מערב בערלין — וואָס געפינען זיך אָפט מאָל אין דער מיט פון אַ הויז — זענען געדיכט באַזעצט דורך דער פּאָלקסמיליץ. פון „וועסט" לאָזט מען אַריין קיין „אָסט" נאָר אַזעלכע, וואָס קאָנען דערווייזן צו וואָס זיי גייען, און דאָס זעל־

ביקע פּאַרקערט. מע רעווידירט אַלעמען. טאָמער געפינט מען עפּעס — איז גלייך אַרעסטירט מען. אַלע דורכפּאַרפונקטן פּאַר אויטאָס זענען גע־שלאָסן. קיין שום אויטאָ קאָן נישט אַרויס און נישט אַריין — מערב מערלין איז אָפּגעשניטן דורך די וואַכפּאָסטנס פון „אָסט" וואָס רינגלען אַרום דעם גאַנצן געביט.

עס האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל: אַ קלייניקייט, הונדערטער טויזנטער מענטשן דאַרף מען דאָך האַבן, כדי אַזוי געדיכט צו באַוואַכן אַ קרייז פון דרייסיק קילאָמעטער. ווי האָט מען עס געקאָנט צוגרייטן, אַז קיינער זאָל פריִער נישט געוווּיר ווערן... נייך, מע מוז לויפן, זוכן עפּעס אַ פּאַרטקעלע!...

דאָס געזעמל איז זיך גלייך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן — יעדער אויף זיין אייגענער האַנט צו זוכן דאָס פּאַרטקעלע וואָס נאָר ער קאָן וויסן וועגן דעם.

איצט איז שוין ר׳ הענעך אויך געלאָפן. נישט אין סוכה — ער איז געלאָפן אַ היים. זען, אפשר קאָן מען נאָך עפּעס ראַטעווען. מיט די לעצטע כוחות, שפּרינגענדיק דורך צוויי טרעפּלעך, איז ער אַרויפגעלאָפן אויפן צווייטן שטאָק פון „גאַרטנהויז" אינעם שאַרלאָטנבורגער היטערגעסל ווו ער האָט געוווינט. ביי דער טיר האָט אים נאָך מקבל־פּנים געווען אַ שאַרפער קלונג פון טעלעפאָן. ער איז גלייך פון דער טיר — כמעט מיט אַ שפּרונג — אַוועקגע־פאַלן אויפן פאָטעל ביים טעלעפאָן־טישל. אפשר די ישועה. אַ קלונג וואָס וועט פאַר אים עפענען עפּעס אַ פּאַרטקעלע...

— יאַ, איך, היינריך, יאַ, וואָס? וואָס לאָז? — ער האָט הייזעריק געסאָ־פּעט אין טרייבל אַריין — יאַ, דאָס ווייס איך... וואָס קאָן איך אינען העלפן? זי האָבן? איך האָב מער... כ׳בין געשאָכטן, געקוילעט, פאַרשטייען זי דאָס? לאָזט מיך! לאָסען זי מיך צורו... איך קאָן ניכט שפּרעכן... כ׳בין קראַנק... חרוב קראַנק... טוען זי וואָס זי ווילן... ס׳איז מיר אַלץ איינס... ווי גאָט וועט וועלן...

דאָס טרייבל איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט. ער איז געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן.

פון שלאָפצימער האָט זיך דערהערט מייטלס מידע שטים:

— ווער האָט געקלונגען הענעך? וואָס ענטפערסטו נישט?

— וואָסער... — ער האָט קוים אַרויסגעכאָרכלט.

כהרף־עין איז שוין דאָס ווייב געווען לעבן אים, געשפּריצט אויף אים וואַסער און אים פונאַנדערגעקנעפּלט דעם שטייפלעכן קראַגן. זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין ברייטן שלאָפראָק, יעדע רגע געמוזט אָוועקטרייבן די צעפּאָטלטע האָר פון די אויגן. זי האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום אים — טראָץ איר עלטער און שוואַכקייט — מיט אַ יוגנטלעכער באַוועגלעכקייט.

— נו, שוין, הענעך, נעם זיך אין די הענט אַריין, מיר האָבן ערגערס איבערגעלעבט.

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ בראָך!... — האָט ער געהעשעט.

— באַרויק זיך, אום גאָטעס ווילן. יוזשעק איז געלאָפן צום „געזונט־ברונען“, אפשר וועט זיך דאָרט לאָזן אָוועקפּטרן עטלעכע טויזנט מאַרק... נײַנהונדערט מאַרק האָב איך אָפּגעשטעקט דורך ווילן פּאָר צווייהונדערט־פּופציק. דער שגץ וועט נאָך שפּעטער ווידער קומען.

— מענטש! פאַרשטייסט וואָס דו רעדסט? —די רוגזה האָט ר' הענעכן צוגעגעבן כוחות — דרייהונדערט, אַ פּאָר טויזנט... אַ פערטל מיליאָן סחורה ליגט ביי מיר! סחורה פון אַלע יום־טוב־טעג... אפשר צען טויזנט דאָלאַר!... כ'וועל עס נישט אויסהאַלטן...

די סומעס האָבן מייטלען אַ קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ. זי האָט זיך משאדיק אַראָפּגעזעצט אין שכינותדיקן פּאָטעל. וועגן מאַנס געשעפטן האָט זי געוווסט אַזוי פּיל, אויף וויפל ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ שליחות, טעלעפאָנען אָפּצונעמען, צו ענטפערן. אַזאַ סומע! וועגן דעם האָט זי אפילו נישט געטראַכט. זי האָט זיך שטיל צעכליפּעט און אָנגעהויבן צו ווישן די אויגן.

דער טעלעפאָן האָט ווידער געגעבן אַ קלונג. שאַרף. עקשנותדיק. איין מאָל נאָכן אַנדערן. ר' הענעך האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: ער וועט נישט אָפּנעמען, ער קאָן נישט. זי האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל און זיך באַמיט צו מאַכן אַ זיסע מינע:

— יאָ, פראַו מאַטילדאַ, פראַו גרילבאַום. מיין מאַן איסט קראַנק. אומ־מעגלעך, מיין הער. יאָ, איך וועררע אים זאַגען... אויף ווידערהערען... — זי האָט זיך באַמיט גראַציעז אָוועקצולייגן דאָס טרייבל. — שפּאַנער האָט

געקלונגען. זאָלסט אים אומבאַדינגט אָנקלינגען ביז אין אַ שעה אַרום. לעבנס־וויכטיק...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס. צוועלף טויזנט „וועסט״, ערב יום־טוב ביי אים געגומען. די וועקסל־שטובן זענען פאַרחתמעט. ס׳דאַרף זיין אַ קאָנטראָל. דאָס געלט איז פון דער קאַסע. קיין דעקונג אין סחורה קאָן מען שוין נישט צולייגן. ס׳וועט נישט זיין דאָס געלט צו דער קאָנטראָל, וועט מען אים איינזעצן. און ער מיך...

מייטל האָט זיך אויפגעריסן. העניעקס אַרעסט קאָן ברענגען אין קראַפט דעם אורטייל פון פאַר אַ פּאָר יאָר, וואָס איז פאַרהאָנגען געוואָרן „בעדינגלעך״. דאָס וואָלט שוין געווען דאָס ערגסטע, ממש — טויט. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצודרייען איבער די שטובן, זוכן אין פאַרשידענע באַהעלטעניש, שופלאָדן, בייטלען, צוזאַמענגעשלעפּט אַ זשמעניע קאָלירטע פּאַפּירלעך און אָוועקגעלייגט פאַר העניעכן מיט אַ זשעסט פון אַן אויפטועדין:

— נאַ, ראַטעווע זיך, גיב אַוועק.

— וויפל?

— כ׳ווייס נישט, אַ דריי טויזנט.

— מענטש, צוועלף טויזנט דאַרף איך; פאַרשטייסט?

— זוך אין די אייגענע קעשענעס.

— צונויפקראַצן אַ צוויי טויזנט, און ווייטער ?

זי האָט זיך אַנטשלאָסן. שנעל אויפגעהויבן דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, אָנגעדרייט די ציפערן און אָנגעטון אויף איר פּנים דאָס זיסטע שמייכעלע וואָס זי האָט פאַרמאָגט:

— פרוי לאָרבער? אַ גוט מאָרגן איך, ליבע פרוי לאָרבער. מאַטילדאַ רעדט, פרוי גרילבוים... יאָ, יאָ, ווי פילט איר זיך? אַ שיין וועטער היינט... יאָ, פרוי לאָרבער, איר געדענקט, אַז איר זענט פאַרבעטן צו מיר היינט אויף קרעפּלעך? מיטן מאַן, מיט דער טאָכטער, מיטן איידעם, אַוודאי. ס׳וועלן זיין נאָך געסט. וואָס, די טאָכטער פילט זיך אומוואָל? שאַדע, שאַדע... אָבער איר וועט זיכער קומען? יאָ... קאָן איך נאָך בעטן אייער מאַן אויף אַ מאָמענט? אַ געשעפט־זאַך... זי זענען דאָך נישט אייפערזיכטיק, ליבע פראַו לאָרבער? אויסגעצייכנט.

ר׳ העניעך האָט געמאַכט פאַרצווייפלטע באַוועגונגען: וואָס דער פרוי

פאַלט איין! קרעפּלעך! — אין אַ טאָג ווען פון אים איז געוואָרן איין שטיק קרעפּלפלייש... זי האָט אים באַרויִקט מיט דער האַנט.

— הער לאָרבער? גוט מאָרגן אייך, הער לאָרבער. ווי גייטס? יאָ, וואָס זאָגט איר נישט צו דעם אומגליק? מיין מאַן איז אויס מענטש... יאָ, שטאַרק, זייער שטאַרק... איך דאַנק אייך הער לאָרבער, איך וועל אים זאָגן... יאָ, הער לאָרבער, פאַרצייען זי מיר פיל מאַלס. צי וואָלט איך נישט געקאָנט כאַפּן ביי אייך אַ גמילת־חסד אויף אַ פּאָר טעג? נו, אַ זיבן טויזנט. ס׳איז ממש פּיקוח־נפש. צוליבן אומגליק מוז מיין מאַן היינט צאָלן אַ גרויסע סומע... ס׳פעלט אויס די פּאָר טויזנט. אויף אַ פּאָר טעג...

לאָרבער האָט, ווייזט אויס, איבערגעריסן דעם שמועס, זיך מישב געווען. זי האָט געדולדיק געוואַרט, נאָר נאָכגעלאָזן אַ ביסל פונעם זיסן שמייכעלע.

— יאָ, איך הער. באמת? זייער ליב פון אייער זייט. איך האָב געוווסט, אַז אויף אייך קאָן מען זיך שטיצן. אַן אמתער פריינד. איך דאַנק אייך זייער. אין אַ שעה אַרום וועט מיין זון זיין ביי אייך... און פאַרגעסט נישט, היינט אין אָוונט די קרעפּלעך!

זי האָט טריִומפירנדיק אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ר׳ הענעך האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט. דורכגעווישט די ברילן. גענומען שלעפּן באַנקנאָטן פון אַלע קעשענעס, און צונויפלייגן זיי צוזאַמען מיטן געלט פון זיין ווייב. ס׳איז אַריינגעקומען אָן אַ קלונג דער זון. מיטן ווייסן טיכעלע פונעם רעקל־קע־שענע האָט ער אָפּגעווישט דעם שטערן און אַ געלאַנגווייליקטער אַוועק־געלייגט אויפן טיש אַ פּעקל מאַרקן.

— וויפל, יוזשעק? — די מאַמע איז געווען צופרידן, וואָס דער בן־יחיד, וועלכן דער מאַן האַלט פאַר אַ לא־יצלח, האָט דאָך עפּעס אויפגעטון.

— צוויי הונדערט פאַר צוועלף הונדערט. מער איז נישט געגאַנגען. דאָס האָט זיך שוין אויך געענדיקט.

— גרויסע גליקן. מע קאָן זיך ראַטעווען...

ר׳ הענעכס שפּאַט האָט אויפגערעגט דעם זון. וואָס אייגנטלעך מיינט ער זיך, דער טאַטע זיינער? מאַכט די געפּערלעכסטע ספּעקולאַציעס און האָט נאָך טענות צו דער וועלט. אך, ווי נמאס איז אים שוין דאָס גאַנצע קליינבירגערלעכע געמויזעכץ. דאָס גאַנצע בערלין, מיט די צוגעזאָגטע

גליקן. ווי ער גייט און שטייט וואָלט ער צוריקגעלאָפן קיין קראָקע, צו דער פריילעכער חברה אַקאַדעמיקער, צו דער זאַרגלאָזער אָרעמקייט, אין וועלכער ער האָט זיך געפילט אַזוי היימיש. ס'קריכן אים שוין פון האַלדז די היגע געשעפטן. זיין געשעפט!

דאָס נערוועזע צופּן דאָס דינע וואָנסעלע האָט אָנגעזאָגט, אַז יוזשעק גרייט זיך אַ שאַרפן ענטפער צו געבן דעם טאַטן. די מאַמע האָט עס באַ־צייטנס פאַרכאַפּט:

— גיי יוזשעק טייערער, גיי צום הער לאָרבער. ער האָט צוגעזאָגט אַ גמילת־חסד זיבן טויזנט. דער פּאַפּאַ מוז נאָך היינט איינצאָלן.

דאָס טירגלעקל האָט זיך צעהילכט. יוזשעק איז מיט אַ זיפץ געגאַנגען עפענען די טיר, און זי גלייכצייטיק פאַרמאַכט הינטער זיך.

דאָס מאָל איז ווידער געקומען ווילי — אַ יונגער, שלאַנקער דייטש. געוווינט האָט ער אין „אָסט“ און דאָ אין שכינות געהאַט אַ כלה. נישט איין מאָל האָט פרוי גרילבאָום געמאַכט מיט אים קליינע געשעפטן. אַ ביסל פּראָדוקטן, עפּעס שטובזאַכן, דאָרט זענען זיי בחצי־חינם, אין פאַרגלייך צו די „וועסט“־פּרייזן. ווילי ווידער, איז שטענדיק גרייט צו כאַפּן אַ פּאָר זיי־טיקע מאַרק כדי צו פאַרברענגען מיט דער כלה.

— אַלץ אין אָרדענונג, הער ווילי? — האָט אים פרוי גרילבאָום ליב־לעך געפרעגט — פּילייכט נאָך?

— יאָ, אָבער...

ווילי האָט זיך געקווענקלט. ער קאָן עס נאָך אַמאָל מאַכן, אָבער דער פּרייז איז איצט אַן אַנדערער. פאַר דריי הונדערט קאָן ער נאָר באַצאָלן פופציק. זיי מעגן דאָס אויך רעכענען ווי געפינען.

ר' הענעך האָט אפילו נישט געוואָלט הערן זייער שמועס. ביי אַזאַ קאַטאַסטראָפע — נאָך אַ קאַזע געפגרט! אָבער מייטל איז נישט אָפּגעטראָטן. זיך געדונגען, געדונגען און לסוף נאָכגעגעבן דעם פּרייז. ווילי האָט קאַלט־בלוטיק אַוועקגעלייגט די פופציק „וועסט“־מאַרקן אויפן טיש, אויסגעטון דעם שוך און פאַררוקט די קנאַקעדיקע „אָסט“־פופציקער אונטער דער שקאַרפּעטקע.

III

אַ גאַנצן טאָג האָט אָן אויפהער געקלונגען — דאָ דער טעלעפאָן, דאָ דאָס טירגלעקל. צו דער טיר איז ר׳ הענעך קיין איין מאָל נישט צוגעגאַנגען, דאָס האָט געטון זײַן פרוי קרעכצנדיק און זיפצנדיק. זי האָט, ווי אַ קאַליע־געמאַכטע גראַמאָפאָן־פּליטע, כסדר איבערגעחזרט:

— כ׳האָב שוין נישט קיין כוח. איך פאַל פון די פיס.

ר׳ הענעך האָט עס אַפילו נישט געהערט. ער האָט זיך אויטאָמאַטיש געקייקלט איבער דער שטוב. געבראָכן די הענט אויפן קיילעכדיקן בויך, זיך געכאַפּט ביים קאָפּ. ווען ער איז שוין גוט מיד געוואָרן — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ און אַוועקגעזעצט אויפן פאָטעל. פון אויפגעשפּילעטן קראַגן האָט אַפּערגעפּאָכעט אַ שטיקל צעקנייטשטער קראוואַט, דער קאַ־פּעלוש איז געווען אַרויפגערוקט אויפן שפּיץ שטערן. די ברילן זענען געלעגן אַוועקגעוואָרפן אויפן טעלעפאָן־טישל. ס׳האָט זיך בולט אָנגעזען די רויט־קייט פון זיינע העלוואַסערדיקע אויגן, די געשוואָלנקייט פון די אויגנדעק־לעך. ער האָט לאַנג געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. נאָר פון צײַט צו צײַט האָט ער זיי אויפגעריסן און פאַרגליווערט געשטאַרט פאַר זיך. צום טעלעפאָן איז ער אייניקע מאָל צוגעגאַנגען — מערסטנס ווען מייטל איז געלאָפן עפענען די טיר — אָבער גערעדט האָט ער כמעט גאָרנישט, בלויז אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— יאָ, היינריך, קאָן נישט העלפן. קראַנק. טוען זי וואָס זי וואָלן.

אָדער מיט אַ רחמנות־טאָן:

— יאָ, איך, הענעך. אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק, וואָס זאָל איך טון? קראַנק... נו, יאָ, אַ יישר־כוח פאַר אַ גוט וואָרט. אפשר, אים־ירצה השם מאָרגן...

אַביסל איז אים איצט לייכטער געווען אויפן האַרצן. אויב ער האָט נאָר שפּאַנערן פאַרשטאָפּט דעם פּיסק, ס׳איז אַראָפּ דער פּחד פאַרן אַרעסט, קאָן ער רויקער באַטראַכטן די לאַגע. און באַטראַכטנדיק די לאַגע איז אים ווידער געוואָרן שווער. שוין, פּטור געוואָרן אַ פאַרמעגן. אָבער וואָס ווייטער? וואָס וועט זיין מיט פרנסה? — דער געדאַנק האָט אים איצט אָנגעהויבן

בויערן דעם מוח. מיט די נייע מאַרקן וועט מען זיכער נישט אָנהייבן צו האַנדלען אַזוי שנעל. ביז דער קורס וועט זיך שטעלן. ביז דער עולם וועט זיך באַרויקן... הײַנט די צושטעלער? די מערהייט האָט ווילדע טענות צו אים. ווילן אים אונטעררוקן אַ געפּגרטע קאַץ, באַשר, ער האָט יום־טוב נישט אָפּגענומען די סחורה, ווילן זיי איצט ברענגען גאַנצע זעק. ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין דער גאַנצער מהומה... זאָל ער ווידער אײַנרײַסן מיט זיי, וועלן זיי מער נישט צושטעלן קיין סחורה ווען ס'וועט זיך באַרויקן — און אויס פּרנסה.

— אוי! — האָט ער פון צײַט צו צײַט שווער אָפּגעזיפצט צו זײַנע מחשבות.

דער רוח האָט נאָך געדאַרפט אָנטראָגן האַמפּעלן. ער האָט געהאַלטן אַ פּעקל אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג — און אין איין טאָן איבערגעחזרט:

— דאָס איסט אירע וואַרע!

האַמפּעל איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע צושטעלער. ר' הענעך האָט זייער ליב געהאַט צו האַנדלען מיט אים, צוליב זײַן פּינקטלעכקייט און ערלעכקייט. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אוהב־ישראל — דער איינ־ציקער דײַטש, אפשר, וועלכן ער האָט נישט געשאָלטן. פאַרקערט, פון גרויס סימפּאַטיע צו אים, פלעגט ר' הענעך אים זאָגן „דו" און צײַטנווײַז אויך „זאָן מײַנער".

האַמפּעל איז געווען אַ יונגער, אפשר ביי די 25, עלעגאַנט און אַקוראַט אָנגעטון, מע קאָן זאָגן: אַ שיינער — ווען נישט די גרויסע ליפּן זײַנע. די אויבערשטע האָט דערגרייכט ממש ביז דער שפּיץ נאָז און די אונטערשטע איז אַראָפּגעהאָנגען פליישיק. אין משך פון אַ פּאָר יאָר האַנדלען מיט יידן האָט זיך האַמפּעל גאַנץ שיין אַרויפגעאַרבעט — אין וועשגעשעפט אין ניי־קעלן און איינס ביים „צאָאָ". ער איז אַרומגעפאָרן מיט אַ גלאַנציקן „קאַפּי־טאַן" פון איין געשעפט צום צווייטן און זײַן העלען — אין וועלכער ער איז געווען משוגע פאַרליבט — האָט געהאַט אַן אייגענעם ספּאָרטוואָגן. סחורה האָבן אים געליפערט ייִדישע הורטאָווניקעס און פאַבריקאַנטלעך. ער האָט געלייזט בעיקר פון „אָסט"־קונים, דאַרטיקע דײַטשן. איז טאַקע ביי אים געווען אַ גאַנצער טראַנספּאָרט „אָסט"־פּאַפּירלעך, וועלכע ער האָט יעדן טאָג

צוגעשטעלט ר׳ הענעכן. איצט האָט ער געשטופּט ר׳ הענעכן דאָס איינגע־וויקלטע פּעקל און איבערגעחזרט אין איין טאָן:

— דאָס איסט אירע וואַרע.

— וואָס ווילסטו זאָל איך טון דערמיט? די שטוב אויסטאַפּעטירן? — האָט זיך ר׳ הענעך ביי אים געבעטן.

— איך וייס ניכטס, זי האַבן געזאָגט: נאָך די פייער־טאַגע. האַבען זי צווייאונצוואַנציג טאַוזענד מאַרק, דאָס איסט אירע וואַרע.

ס׳איז שוין נישט געווען קיין זיך כוח מיט אים זיך אויסצוטענהן.

— זאָג מיינער, דאָס איסט דאָך איין אומגליק, איינע העכערע קראַפט. אַ גזר מן־השמים, פאַרשטייסט? פיק, אומבריכט, נישט איך.

— איך וייס ניכטס. זי האַבען געזאָגט, אָדער ניכט געזאָגט? דאָס איסט אירע וואַרע.

דאָס געדולד האָט ביי ר׳ הענעכן געפּלאַצט. ווי לאַנג דאַרף ער אַזוי אַרומצאַנקען מיט דעם יעקע־נאַר, וואָס וויל נישט פאַרשטיין אַזאַ פּשוטע זאַך, אַז ער איז באַנקראָט, רוינירט, געקוילעט? און וואָס וועט ער אים, אייגנטלעך, טון? גאָרנישט! ער איז אַליין אויך טריף!

האָט ער טאַקע לסוף האַמפּלען בייז אָפּגעשניטן. ער איז איבערגע־גאַנגען צום „אירצן":

— טאָ רופן זי מיך צו אַ דין־תורה.

— וואָס? וואָס ?

— רופן זי מיך צו אַ דין־תורה. נו, אַ שידעס־געריכט.

— אַך יאָ, איין מאָמענט. זי ווערדען געשטאַטען אַנצורופען?

קיין ענטפער איז נישט געווען און העמפּל האָט נישט געוואָרט אויפן ענטפער. ער האָט גיך אָנגעדרייט דעם נומער און גערעדט, ווי ער וואָלט ראַפּאָרטירט אַ קאָמאַנדיר:

— יאָ, הערלען, ניכטס דאַפאָן. שידעס־געריכט, זאָגט ער. גוט, איך ווערדע זאָגען. גוט, איך קאָם גלייך.

און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שטופּן דאָס פּעקל ר׳ הענעכן פאַר דער נאָז:

— דאָס איסט אירע וואַרע. זי האַבען געזאָגט, אָדער ניכט געזאָגט?

קיין איין וואָרט ענטפער האָט ער שוין מער נישט געהערט.

— גוט, וויר ווערדען שפּרעכען! — ער איז שנעל געלאָפן מיטן פּעקל צו דער טיר און דאָרט זיך אָנגעשטויסן אויף די לאָרבערס מיטן איידעם, די געסט וואָס זענען געקומען עסן קרעפּלעך.

די לאָרבערס זענען געווען אַמעריקאַנער. דאָס הייסט, געווען זענען זיי ליטווישע ייִדן. פון אַ העק לעבן אַשמענע. נאָר זיי האָבן געהאַט מישפּחה, שכל און מזל, האָבן זיי זיך אין 46סטן יאָר אַריבערגעקריגן פון בערלין קיין אַמעריקע. איצט זענען זיי געקומען פון ניו־יאָרק אַרויסקריגן די „גוט־מאַכונג״ און איינוועגס טאַקע פאַרברענגען אַ ביסל מיט דער איינציקער טאָכטער. זי איז געבליבן אַ בערלינערין — פאַרטשעפּעט זיך פאַר זייער אָוועקפאָרן מיט אַ שיינעם יונגנמאַן פון ראַווע־מאַזאָוויעצק, וואָס האָט דאַן געמאַכט גוטע געשעפטן אין בערלין. צוליב דעם — נישט געקאָנט אָוועק־פאָרן מיט די עלטערן. די געשעפטן פון איידעם ווידער זענען ווייטער אָוועק אַזוי גוט, אַז ס׳האָט זיך שפּעטער נישט געגלוסט אָוועקצופאָרן. דער איידעם, שעניצקי, — אַן אַטלעטיש־געבויטער, בלאָנדער יונגער שאַפער פון ראַווע — איז אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעשוואומען ווי אַ גרויסער זייגער־ און ביזשוטעריע־סוחר. האָט אַ הורטאָווניע און דעטאַל־געשעפט אין „געזונט־ברונען״, דער נאָמען „סציניצקי״, ווי די דייטשן רופן אים, איז אַ שם אין די סוחרישע קרייזן. צוויי עלעגאַנטע מאַשינען פון די לעצטע מאָדעלן באַ־דינען אים מיטן ווייב — און דווקא מיט שאָפערן. קאָנען ביי זיי די עלטערן דאָ אַ ביסל פאַרברענגען אין נחת.

מיט די גרילבוימס זענען די לאָרבערס באַפריינדט געוואָרן צוליב די אויסזיכטן אויף אַ שידוך: זיי האָבן דאָ אַ פּלימעניצע. אַ בוגרת. וויל מען זי פאַרשלייערן מיטן יונגן גרילבוים, וואָס האָט אַן אויסזען צום געפעלן און אַ פאַר יאָר אוניווערסיטעט. פאַר בילדונג האָבן די לאָרבערס גרויס דרך־ארץ. איז דער בחור ווערט פאַר זיי די פאַר טאָלערס.

מאַטילדען איז דער ענין שטאַרק צום האַרצן — אַ שטיקל תכלית פאַר יוזשיאָ. אפשר אויך מיט דער צייט, אַז גאָט וועט העלפן — אַמעריקע. ר׳ הענעך אָבער איז נישט אַנטציקט מיט דער געזעלשאַפט. זיי שמעקן טאַקע מיט געלט, — ר׳ הענעך האָט ליב אַזאַ מעלה אָפּצושאַצן, — נאָר פּראָסטע מענטשן. הייגט האָט ער גאָר קיין געדולד נישט צו זיי, כאָטש זיי

האָבן אים ממש געראַטעוועט דאָס לעבן. ער האָט זיי נישט ליב, די אַמע־ריקאַנער.

די אַמעריקאַנישקייט איז, וואָס אַן אמת, נאָר געווען קענטיק ביי דער „מיסיס לאַרבער" — ווי זי פלעגט זיך פאַרשטעלן ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט געהאַט אַ טבע צו קריטיקירן אַלץ אין „יוראָפּ". שפּאַטיש צו קוקן אויף יעדער זאַך פון אונטער אירע גרויסע אויגנגלעזער און אַריינוואַרפן שטעכווערטלעך אין אַ געמיש פון ענגליש־דייטש, וואָס האָט געקלונגען ווי ליטוויש. לאַרבער אַליין — נישט קיין נאַרישער ייִד, מיט אַ געזונטן שכל־הישר און פאַלקסטימלעכן הומאָר — איז געווען פּשוט און היימיש מיט יעדן, נישט געמאַכט קיין אַנשטעלן. ער האָט נאָר ליב געהאַט צו געבן עצות און צו באַווייזן, אַז ער וואָלט אַזאַ נאַרישקייט אויסגעמיטן. איצט האָט ער טאַקע אַזעלכע עצות געגעבן ר' הענעכן, שיטנדיק אים זאַלץ אויף די ווונדן. זיינע רייד האָבן שטאַרק נושא־חן געווען ביים איידעם, וואָס האָט געלאַכט מיט אַ מויל געזונטע ציין, ווי ס'וואָלט אין דער שטוב איצט געווען די גרעסטע שמחה. ער אַליין איז טאַקע אויך געבליבן שטעקן מיטן לעצטן טאָג לייזעכץ, אָבער וואָס פאַר אַ ראָל שפּילן די 20 טויזנט „אָסט"־פּאַפּירלעך? ער וועט נישט אָרעמער ווערן אַן די טויזנט דאָלאַר...

ווען נישט דאָס ווייב וואָלט ר' הענעך סוף־כל־סוף נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעשאָסן מיט אַ פּאָר ביטערע ווערטער, וואָס האָבן אים ממש גע־ביסן די צונג. ער האָט אַן אויפהער געווישט דעם שטערן, די אָנגעזאַמלטע גרויסע טראָפּנס שווייס. אָבער מאַטילדע האָט יעדע פּאָר מינוט איבערגע־ריסן דעם שמועס, אונטערטראָגנדיק ווייַן, פּרוכטן, אַ פרישן גלעזל טיי — אַ שמעקעדיקס, אויפן פאַרמילחמהדיקן, לאָדזשער שטייגער. סוף־כל־סוף האָט זיך ר' הענעך, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג נישט טועם געווען, געלאָזט אָנרעדן אויף אַ פרוכט מיט אַ גלעזל טיי, שטילנדיק אַ ביסל זיין כעס.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. ס'זענען געקומען די שלאָסקינס, — גריל־בוימס שכנים פון די ערשטע נאָך־מילחמה־יאָרן אין קאַטאָוויץ, וואָס זענען אויך אין 50סטן יאָר געקומען קיין בערלין און דאָ זיך נישט קשהדיק אַרויפ־געאַרבעט ביי אַ פאַרטרעטונג פון „אָסט"־מאַשינען. ס'איז צייט געווען צו פאַרזוכן די קרעפּלעך. די אָרעמע מאַטילדע איז געווען אומגליקלעך. זי האָט זיך כסדר פאַרענטפערט, אַז ס'איז איר נישט געראָטן דערפאַר, ווייל זי האָט

געמוזט לויפן אַהין און צוריק... קיינער נישט צו הילף. — און אַזאַ מורא־דיקער טאָג... אַפילו די קרעפּלעך צעפאַלן זיך.

די מיסיס לאַרבער האָט אַ קרום געטון מיט דער נאָז, אָבער איר מאַן האָט געראַטעוועט די סיטואַציע:

— ווייס איך וואָס, אויך מיר אַן עניין, קרעפּלעך, לאָמיר בעסער אָנשטעלן די טעלעוויזיע. די לעצטע נייעס דאַרף מען הערן.

באַלד האָט זיך באַוויזן אויפן עקראַן דאָס פּנים פון נייעם מערב־בערלינער שטאָט־פּרעזידענט, וואָס האָט באַרויקט די בירגער, אַז די רעגירונג וועט טון אַלץ, כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין פאַרלוסטן צוליבן אומדערהערטן געלט־אויסטויש אין דער „אָסט“־זאָנע, רב הענעך האָט אויפגעלויכטן:

— ווי דען? אַזאַ גאַזלעוואַניע! ווי קאָן עס אַ רעגירונג דערלאָזן? אַן אוהב־ישראל, דער בראַנדט, אַ ברכה אויף זיין קאָפּ.

די התלהבות האָט נישט געווירקט אויף לאַרבערן:

— גאַנץ בערלין איז איין זומפּ. איך גלייב נישט, נישט יענע, נישט די. אַ געמויזעכץ. עס סאַרפּעט. די פּאָר דאָלאַר וואָס מע קאָן מאַכן, זענען גוט. דאָס איבעריקע... זיי מיר מוחל...

שלאָסקין, אַ פאַרמילחמהדיקער וואַרשעווער אינטעליגענט, וואָס האָט אַפילו איצט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז ער איז אַ פּאַרפּוילישטער ייִד, אַריינוואַרפנדיק פון צייט־צו־צייט אַ פּויליש וואָרט — האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון בערלין, דער עיקר פון שטאָט־פּרעזידענט, וועלכן ער איז געווען פערזענלעך פאַרגעשטעלט אויף עפּעס אַ ראַוט. ער האָט דערציילט פּרטים פון בראַנדטס ביאָגראַפיע: געווען אין אַ היטלעריסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, געקעמפט פאַר אויסצאָלן מאַקסימאַלע „גוטמאַכונג“ פאַר די ייִדן. שלאָסקינס עלאָקווענץ, מיט וועלכער ער האָט זיך ליב געהאַט צו באַוויזן, איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ טעלעפאָן־קלונג:

— יאָ, הענעך רעדט, וואָס? אין ניו־קעלן? איינס פאַר צוואַנציק? אויך גוט! עפּעס ראַטעווען. איך לויף שוין.

פאַריונגערט מיט אַ צוואַנציק יאָר איז ער אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער און געכאַפּט אַ גרויסן, אָנגעשטאָפּטן אַקטנטאַש.

— וואָס איז געשען? וווהין?

— שוואַרץ האָט געקלונגען. אין ניו־קעלן קויפט מען. צוואַנציק... אויך גוט.

— וואַרטן זי, כ׳וועל אין אָוועקפירן מיט דער מאַשין. פאַר איינוועגס וועל איך אפשר אויך פטרן מיין בבל. די עלטערן וועלן צוואַרטן? — שיע־ניצקי האָט לאַכנדיק נאָכגעיאָגט ר׳ הענעכן, וואָס איז אָן אַ זיי־געזונט אַרויס־געלאָפן פון שטוב.

IV

געדויערט האָט עס בסך־הכל אַ שעה־אַנדערטהאַלבן. ביידע זענען זיי געקומען צוריק. פון דער גאַנצער נסיעה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. רב הענעך האָט קוים באַוויזן אָוועקצושטופּן אַ טויזנטער און דער מסחר האָט זיך געענדיקט. די שעה פון שליסן דעם אויסטויש אויף יענער זייט האָט זיך דערנענטערט און די קונים זענען גיך געלאָפן צוריק דורך דער גרענעץ. ווי אויף חוזק איז נאָך שיעניצקין געלונגען עפּעס מער אָוועקצו־פּטרן, ווי רב הענעכן. דאָס האָט נאָך מער געקרענקט.

לאַרבער האָט ווידער געפּרוווט צו באַווייזן, אַז מע שווימט אין דער בערלינער בלאָטע, דאַרף מען זיין גרייט דערטרונקען צו ווערן, אָבער קיי־נעם האָט זיך שוין נישט געגלוסט צו הערן. די געסט האָבן זיך אויף שנעל געזעגנט, אַנגעוווּנטשן, — ווער ס׳האָט מיט אַ האַלב מויל געפּרוווט טרייסטן — און אָפּגעטראָגן זיך.

די אַלטע גרילבוימס זענען געבליבן אַליין מיט זיך, מיט זייער צער.

— דאַרף מען זיך חלילה אָוועקברענגען, הענעך? די וועלט גייט דאָך נישט אונטער. שוין ערגערס איבערגעלעבט, — זי האָט געפּרוווט באַרויקן דעם מאַן, וואָס האָט ווידער געבראָכן די הענט און זיך געכאַפּט ביים קאָפּ. — האָט דאָך בראַנדט צוגעזאָגט...

— וואָס צוגעזאָגט, ווען צוגעזאָגט! — ר׳ הענעכן האָט זיך אַזש אַ שוים געזעצט אין די ווינקעלעך פון די ליפּן — מע לאַכט אין די פויסטן. ס׳איז לית־דין ולית־דיין. וואָס פאַראַ קראַפט האָט ער איבער זיי, די לאַ־בוזעס? יענע האָבן דעם „ספּוטניק״, לאַכן פון אַמעריקע מיט לאַרבערן צו־זאַמען. אַ ישועה, בראַנדט! אוי, ווי איז מיר. פאַרוואָס, פאַרוואָס?

— ס׳געשעפט איז דאָך געבליבן...

— אָבער פּרנסה? פון געשעפט? שיין וואָלטן מיר אויסגעזען... די פּרנסה איז אונטערגעגאַנגען. אויף וואָכן. חדשים... צען טויזנט דאָלאַר און פּרנסה, אַן אומגליק, אוי, אַן אומגליק!

זי האָט אים נישט געהאָט וואָס צו ענטפערן. ער איז פאַרט גערעכט. וועגן קיין דינסט קאָן שוין איצט קיין רייד נישט זיין. זי וועט מוזן ווידער אַליין האָרעווען אין שטוב, ווי די לעצטע פּאָר וואָכן, זייט זי האָט פאַר־טריבן דאָס שיקסל מאַרטאַ, די גנבטע, וואָס איין זאַך האָט זי גוט באַוויזן, — צו ווערן אַ שמעלקע מיט יוזשיאַן... דאָס געשעפט אויך אויף איר קאָפּ. דער מאַן מיטן זון קאָנען דאָך רויק נישט דורכרעדן אַ פּאָר ווערטער צווישן זיך... ער זאָל עס, חלילה, נישט איבערקרענקען מיט זיין האַרץ...

— ס׳איז נישט קיין לעבן, ס׳איז נישט... — רב הענעך האָט אויפן קול געמאַכט אַ סך־הכל פאַר זיך — זיצסט אין אַ בלאָטע און אַרום שפּייט מיט פייער... דאָס איז ער גערעכט, לאַרבער. יעדע רגע קאָן עס דיך פאַרברענען. צווישן שונאים וואָס האָבן דיך נאָך נעכטן געברענט לעבעדיקערהייט... נישט קיין לעבן...

אַ שווייגעניש האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער שטוב. הענעכן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווייט אַרום הערט מען נאָר דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

— וואָס דאַרף איך טעלעוויזיע, זילבער, קרישטאָל, מעבל, וואָס באַ־דאַרף איך דאָס גאַנצע מיסט? — האָט ער זיך מיט כעס געוואָנדן צום ווייב — דער שולדיקער אין איינזאַמלען די אַלע חפצים. — געקאָנט רויק זיצן אין תל־אביב, צי אין בני־ברק, אָן דעם ראַסקאָש און צרות... פאַרוואָס זיצן מיר דאָ, אין דער בלאָטע?

— הענעך, דאָס האַרץ דיינס... כ׳דאַרף דיר דערציילן, ווייסט נישט אַליין?

— און דאָ? אַ רפואה אויפן האַרץ? נישט קיין געלט און נישט קיין יידישקייט. נישט עולם־הזה, נישט עולם־הבא.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרגליווערט געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, נאָר פון צייט־צו־צייט האָט זיך אַ זיפץ אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז.

לאַנגע מינוטן זענען אַוועק. אפשר זענען עס גאָר געווען שעהען! אין אַזאַ צושטאַנד איז נישטאָ קיין מאָס פון צייט. רב הענעך האָט נאָר

אויפגעריסן די אויגן ווען די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. מ׳האָט געהערט ווי דער זון גייט אַריין גלייך אין זיין צימער. די מאַמע האָט מיט קליינע גיכע טריטעלעך אַריינגעדרעפּטשעט צו אים און אַ קורצע צייט זיך וועגן עפּעס געסודלט. צוריקגעקומען איז זי אַ צעשמייכלטע, דער מאַן זאָל נישט באַמערקן, אַז אין יענעם צימער האָט זי זיך נאָר וואָס געזוערטלט מיטן זון.

— נו, עפּעס נייעס? — די פראַגע האָט ר׳ הענעך געשטעלט גלאַט אין דער וועלט אַריין. פון יענעם צימער קאָן קיין נייעס נישט זיין...

— נייך, פון וואַנען? ער האָט געמוזט גיין מיט פרײַלין קלאַראַ אין קינאָ. נישט מער ווי רעכט... פאַרט אַ גוטער שידוך.

שטיל. דער וואַנטזייגער האָט צוויסן געטון, נאָך אַ קונציקן מענועט, אַז דער טאָג איז געענדיקט. זיינע צוועלף גלעקלעך האָבן אָפּגעהילכט, ווי אַ שפּאָטיש געלעכטער אין דער שטילקייט.

— העניאָ... העניאָ...

ער האָט נישט געענטפערט.

— הענעך... הענעכל. קום שלאָפן. שוין נאָך חצות. דער אומגליקלעכער זונטיק האָט זיך געענדיקט.

— אַ פינצטערער זונטיק. אַ שוואַרצער זונטיק — האָט ער קוים אַרויסגעכאָרכלט.

— מע דאַרף האָפן צו גאָט, אַז דער מאָנטיק וועט זיין אַ בעסערער.

זי האָט אים געהאָלפן זיך אויפהייבן. מיט דריבנע טריטעלעך געפירט, ווי אַ בלינדן, אין שלאָפצימער אַריין.

— ס׳איז נישט קיין לעבן. נישט קיין לעבן...

רב הענעך האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל.

„די וועלט איסט פערריקט“

(פאַרצייכענונג פון אַ רייזע איבער דייטשלאַנד)

וואָס עס הייסט אַ שפּעט־זומערדיקער זונטיק אין דער געגנט פון ריין — דאָס איז שווער צו באַשרייבן. דעם אמתן טעם דערפון קאָנען מן־הסתם פילן נאָר די דייטשן. אַז באַקאַנטע געזעגענען זיך אַ מיטוואָך אָדער דאָ־נערשטיק, ווינטשט מען זיך צו „אַן אָנגענעמען זונטיק“. ס׳מאַכט דעם איינ־דרוק, ווי מע וואָלט די גאַנצע וואָך געאַרבעט, געגעסן, געלעבט, נאָר כדי צו דערלעבן אַ שיינעם זונטיק.

צוגן פון דיסלדאָרף קיין קעלן און צוריק גייען כמעט יעדע צען מינוט. זונטיק זענען זיי פול געפּאַקט מיט מענטשן און מיט ליאַרעם פון יונגוואַרג, וואָס איז שוין פון אין דער פרי אָן מלא ביר און ווייַן. הונדערטער אויטאָ־בוסן גייען פון אַלע ריכטונגען צום ריין, טויזנטער פּריוואַט־מאַשינען און מאָטאָציקלען ציִען זיך אין איין אומאויפהערלעכער כוואַליע. דער ריין פליסט זיך רחבותדיק צווישן די בערגלעך באַדעקטע מיט וויינגערטנער, וועלדלעך, ציכטיק־באַאַרבעטע שטיקלעך פעלד אויף קליינע אָפּשניטן פון איין פעלדז צו אַ צווייטן. איבערן טייך פליסקען זיך שיפן און שיפלעך, וואָס צעבוואָ־ליען לייכט די וואַסערן. ס׳שמייכלט דער ריין מיט זיינע לייכט־פליוסקענ־דיקע כוואַליעס אַ צופרידענער פון זיין ברייטקייט, טיפקייט, יוסטקייט און פון די זונשטראַלן, וואָס גלעטן אים מילד פון אונטער די בערגלעך אַפּער.

די שפּיצן פון די בערגלעך זענען געדיכט באַדעקט מיט בראָדאַווקעס פון חורבות — רויבריטער־שלעסער האָבן דאָ איבערגעלאָזט זייערע שפּורן פון דורות. זעלטן ווען אַ שלאָס זעט אויס צו זיין אַ גאַנצער, קאָנסערווירטער, אָדער צוריק אויפגעבויטער. דאָן שלענגלט זיך איבערן באַרג אַ סער־פּענטינע פון אַ גלאַנציקן אַספאַלטוועג — אַן אויסגעבערשטלטער שרונט

אויפֿן שיטערבאַוואַקסענעם קאָפּ פֿון באַרג. עפּעס דאַכט זיך, אַז ערגעץ דאָרט אויף אַ באַרג באָדט זיך אין דער זון אַ נאַקעטע, מיט ברייטצעפּאַטלטע לאַנגע בלאָנדע האָר — היינעס אומשטערבלעכע לאָרעליי, וואָס היטלער האָט אַפֿילו נישט באַוויזן אַרויסצורייסן זי פֿון די דייטשע הערצער. דער ריין לאָקט צו זיך, ווי די יונגפֿרוי פֿון היינעס באַלאַדע.

דאַקעגן דער וועג פֿון קעלן קיין פֿראַנקפֿורט איז נאָר אויפֿן ערשטן אָפּשניט אַזוי באַלעבט. די נאָענטסטע פּאָר סטאַציעס איז נאָך דער צוג פֿולגעפּאַקט. מיט יעדער סטאַציע ווייטער ווערט שיטערער אין די קופּעען. אין מיין קופּע איז אויף דער צווייטער סטאַציע בלויז פֿאַרבליבן דריי מאַן אויסער מיר: אַ יונגער מיליטער־מאַן, וואָס האָט זיך נאָך אומבאַקוועם גע־פּילט אין אַמעריקאַניש־צוגעשניטענעם מונדיר פֿון נייעם דייטשישן „ווער־מאַכט״; אַ בלאָנד, באַשיידן־אָנגעטון פֿריילין, וואָס האָט כסדר געשמייכלט מיט דער פּערלדיקער ווייסקייט פֿון אירע ציין, און אַ הויכער, פֿעסטער מאַן, באַלעבאַטיש גוט געקליידט, מיט אַ גרויסן סיגנעט אויפֿן פֿינגער לעבן קידושין־רינגל. דער מאַן האָט גלייך פֿון אָנהייב פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן אין קופּע, ער איז געקומען דער ערשטער, פֿאַרנומען אַן אָרט ביים פֿענצ־טער און פֿונאַנדערגעלייגט אויפֿן טישל פּעקלעך מיט „בוטערבראָדן״ און אַ קעסטל ציגאַרן. ער איז געווען אַ ברונעט מיט קליינע וואָנסעלעך. די שיטער־ווערנדיקע האָר, פֿאַרקעמט אין אַ פּינקטלעך־אויסגעגלעטן זייטנ־שרונט, האָבן קוים אַרויסגעוויזן שפּורן פֿון גרויקייט. דאָס פּנים — גלאַטיק־אויסגעגאָליעט — האָט מילדער געמאַכט די שאַרפֿקייט פֿון זיין אָדלער־נאָז און פֿאַרגלעט די זעקעלעך אונטער די אויגן. ער איז געווען פֿון די מענער, וואָס קאָנען לייכט אָנגיין פֿאַר פֿערציקיאָריקע, כאָטש זיי זענען שוין ווייט אַריבער די שישים.

די ערשטע פּאָר סטאַציעס האָט ער נאָך געשוויגן. געגעסן אַ בוטער־בראָד, פֿאַרביסן מיט אַ ציגאַר און דערביי געוואָרפֿן זייטיקע בליקן צום יונגן פֿריילין. ערשט ווען דער מיליטער־מאַן האָט צוגעווינטשן די ווייטער־פֿאָרנדיקע אַן אָנגענעמען זונטיק פֿאַרלאָזנדיק דעם קופּע, האָט אים דער מאַן נאָכגעשיקט אַ ביטולדיקן בליק און געזאָגט האַלב אויפֿן קול:

— פּעררּיקט... די וועלט איסט פּעררּיקט.

די פֿריילין האָט געקוקט אַ בלישטש־געטון צו אים מיט דער ווייסקייט פֿון אירע ציין און פֿרעגנדיקן בליק. דאָס האָט אים ווידער מילדער געמאַכט:

— נו, זאָגט אַליין, איז עס נישט קיין משוגעת: פֿאַרציִען אַ מאַן אין דער טאַליע, ווי אַ באַלערינע? און דאָס זאָלן זיין מיליטער־לייט! משוגע...

ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער וויל פֿאַרבינדן אַ שמועס מיטן פֿריילין. ער האָט עס אָבער נישט באַוויזן. ביז ער האָט זיך צעוואָרעמט האָט זיך אונטערגערוקט אַ נייע סטאַציע און די פֿריילין — פֿון וועלכער ס׳האָט געשטראַלט מיט דערוואַרטונג פֿון אַ פֿאַרשטייענדיקער באַגעגעניש מיט אַ ליבן, צי געליבטן — האָט זיך גראַציעז געגרייט צום אויסשטייגן.

דער מאַן האָט זיך לייכט פֿאַרקרימט, אָבער נישט דורכגעלאָזט:

— איך ווינטש אייך אַן אָנגענעמען זונטיק.

— אָ, דאָס וועל איך זיכער האָבן — האָט די פֿריילין הילכיק אויפֿגעלאַכט און שנעל אַרויסגעטענצלט פֿון קופּע.

— משוגע... די וועלט איז משוגע, — האָט ער איבערגעחזרט זיינס.

איצט בין איך מיט אים געבליבן אַליין. איך — אין מיין ווינקל, בלעטערנדיק אַ צייטונג; ער — באַטראַכטנדיק מיך מיט חשד: „ווי קאָן מען אַזוי שווייגן אין אַ זוניקן זונטיק?״.

דער קעלנער פֿון רעסטאָראַן־וואַגאָן האָט געאיילט מיט אַ גלעקל, גערופֿן צו מיטיק. מיין קופּע־שכן קוקט, צי האָט מיך דאָס גלעקל אויפֿגעוועקט:

— משוגע. פּירפֿאַכע פּרייזן פֿאַר יעדן ביס. אַרויסגעוואָרפֿן געלט.

— יאָ, — האָב איך באַשטעטיקט און ווייטער געשוויגן.

מיין שכן האָט זיך, ווייזט אויס, אָנגעהויבן צו דענערווירן נישט אויף קאַטאָוועס. ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם פֿאַרביילויפֿנדיקן קעלנער:

— אַ שוואַרצע קאַווע.

— ערשט נאָכן מיטיק, מיין הער, און אין רעסטאָראַן־וואַגאָן.

— משוגע... אין גאַנצן משוגע. גיט מיר אַ קאָלאַ. וויפֿל? זיבעציק פּעניק? נו, נו...

ער האָט געטרונקען דעם קאָקאַ־קאָלאַ און זיך געקרימט:

— פֿאַר וואָס מע נעמט אַזויפֿיל געלט. שווינעריי! משוגע. די וועלט איז משוגע... גיט מיר אַ קליין ביר... פֿינף און ניינציק פֿעניק? — די גאַנצע טענה איז שוין איצט געווען געווענדט צו מיר. — איר פֿאַרשטייט, אַ גרויס

ביר קאָסט זיבעציק פעניק אומעטום און דאָ אַ קליינס... משוגע, אין גאַנצן משוגע...

איך האָב זיך באַמיט צו פאַרענטפערן: רעסטאָראַן־וואַגאָן, גרויסע הוצאות. דאָ האָט ער מיך געפּאַקט. ער האָט זיך, קענטיק, דערפרייט, אַז כ׳האָב געשוויגן נישט צוליב מיזאַנטראָפּיע.

— אַן אויסלענדער? וווהין פאָרט איר?

— קיין ישראל.

— אַה, געהערט. אַ שיין לאַנד. איר האָט דאָרט וווּנדער אויפגעטון, זאָגט מען. פיין, פיין. כ׳האָב ליב, אַז מע בויט. און מיט די עגיפּטער האָט איר זיך אַן עצה־געגעבן. גוט, זייער גוט. איצט הייבט איר אָן מיט די סי־ריער? ניין? נו, נו, מע ווייסט שוין... מע מוז דאָך לעבן, נישט אמת?

איך בין צופרידן געווען, וואָס אויף די פראַגן, מיט וועלכע ער האָט מיך באַשאָטן, פלעגט ער זיך כסדר אַליין ענטפערן. דער עיקר אָבער — וואָס אין אַזוי פיל זאַצן האָט ער קיין איין מאָל נישט געזאָגט „פערריקט״. דאָס וואָרט האָט מיר שוין אָנגעהויבן בויערן אין מוח. אָבער מיין שימחה האָט לאַנג נישט געדויערט:

— אייגנטלעך זענט נישט איר שולדיק, נישט די אַראַבער. ס׳איז בלויז אַ שפּיל צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד. זיי זענען ביידע גוט משוגע, די וועלט איז פערריקט...

עס האָבן מיר ווידער אַ בויער־געטון די „רישן״ און איך האָב זיך געוואָלט באַרויִקן מיט אַן אָראַנזש.

— אייער פּראָדוקציע?

— ניין, שפּאַנישע.

— פאַרוואָס? ווידער ברוגז מיט אונדז? משוגע, אין גאַנצן משוגע...

— אונדזערע אָראַנזשן ווערן שפּעטער צייטיק, דערפאַר...

ס׳האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל.

— איר האָט נישט פאַרוואָס ברוגז צו זיין מיט אונדז. ס׳טויג נישט פאַר ביידן. היטלער האָט אייך אַ סך שלעכטס געטון, געוואָלט פאַרניכטן, האָט ער דערפאַר מיטן קאָפּ באַצאָלט. און מיר צאָלן נאָך, נישט אמת? ווי־דערגוטמאַכונג... עס קומט אייך, זיכער. אָבער מיר צאָלן דאָך. יעדער פון

אונדז. פון אונדזערע שטייערן. זאָל אייך זיין צום געזונט. אָבער דאָס, אַ, איר זעט? פאַרוואָס צאָלן מיר זיי?

מיר זענען פאַרבייגעפאָרן נאָענט פון אַ ריזיקן קאָמבינאַט. לענגאויס אַ פילשטאָקיקן העלן קוימען איז מיט קידוש־לבנה־אותיות געווען איינגעמויערט די פירמע „אָפּפּעלן". כ'האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— דאָס האָבן זיי גאַנץ געלאָזט. נישט באָמבאַרדירט. ווייל ס'איז זייערס. די מערהייט אַקציעס ליגט אין זייערע הענט, איז קיין ציגל נישט באַשעדיקט געוואָרן. נאָר דאָס, וואָס איז נישט זייערס, ליגט אין חורבות. גאַנץ דייטשלאַנד. מיין שטאָט, קרעפעלד, איז כמעט אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. קילאָמעטער לאַנג האָט זיך געצויגן די גאַס, ווו כ'האָב געוווינט. קיין איין הויז נישט פאַרבליבן. פריינד! אַמעריקאַנער פריינד. זיי וואָלטן ווייניקסטנס געמעגט האַלטן פאַרמאַכט דעם שנאָבל. זיי מיט די רוסן. ביידע האָבן געמאַכט דאָס בעסטע געשעפט ביי דער מילחמה. און די וועלט נייגט זיך פאַר זיי. איינע פאַר די, די צווייטע פאַר יענע. משוגע, אין גאַנצן משוגע.

ער איז אַריין אין ברען.

— ווי משוגע זיי זענען איצט געוואָרן מיטן „זפּוטניק". אַלע, די אַמעריקאַנער אויך. אונדזער פּרעסע צעשרייט זיך משוגענערהייט אויף די ערשטע זייטן. מיט קיין וואָרט דערמאָנט מען נישט, אַז די רוסן האָבן פאַרכאַפּט אונדזערע געלערנטע, דערפינדער, פּאַטענטן. גאַנצע פאַבריקן אַרויסגעפירט. איצט הייסט עס אַ רוסישע דערפינדונג. קוואַטש. שייסע. ווען טשערטשיל איז נישט משוגע, הערט דעניצס פאָרשלאַג, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין געפּטרט היטלערן אין די לעצטע טעג פאַר דער קאַפּיטולאַציע, וואָלט די וועלט אַנדערש אויסגעזען. אַלע כוחות וואָלט מען דאַן געוואָרפן קעגן די רוסן און צעריבן זיי אויף שטויב. אַ נייע אייראָפּע, אַ נייע וועלט וואָלט מען דאַן באַשאַפן. אָרדענונג, גערעכטיקייט, האָבן זיי נישט געוואָלט. משוגע, די וועלט איז משוגע.

איצט האָט ער שוין אין גאַנצן געברענט: סטראַטעגיע, הויך־פּאָליטיק און פילאָזאָפיע פון אומקום האָבן זיך אין זיינע ווערטער צוזאַמענגעקנוילט אין אַ משונהדיקן געפלעכט. ער האָט געוואָלט דערוויזן, אַז דאָס באַזיצן דאָס „ווונדער־געווער" דורך צוויי צדדים מוז אומפאַרמיידלעך פירן די וועלט

צום אונטערגאַנג. אָ, ווען נאָר די דייטשן וואָלטן עס געהאַט — זיי וואָלטן געוווּסט, ווי אַזוי צו דיקטירן אָרדענונג דער וועלט. אָבער די משוגעים... איינער וועט דעם צווייטן שפּרינגען צום האַלדז און סוף־כּל־סוף די גאַנצע וועלט פאַרוואַנדלען אין איין הויפן חורבות.

עס האָט מיך אָנגעהויבן צו שווידערן דאָס סוגעסטיווע בילד פון אומ־קום, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך זיינע ווערטער.

— הייסט עס, בלייבט נאָר צו באַגיין זעלבסטמאָרד? — האָב איך אי־בערגעריסן די לאַווע פון זיינע רייד.

— דומהייטן. דערווייל קאָן מען נאָך לעבן. איך טראַכט נישט וועגן זעלבסטמאָרד. איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט צוריק אויפגעבויט אַ גרויס הויז אויף מיין חרובער גאַס אין קרעפעלד. כ׳בין אַ פּשוטער דייטשער בירגערלעכער מענטש. אַ הורט־סוחר פון שפּייזפּראָדוקטן. מיין טאַטע, מיין זיידע. ייִדישע סוחרים פון פּוילן האָבן אונדז צוגעשטעלט אייער און שינקע. כ׳האָב ליב־געהאַט צו האַנדלען מיט ייִדן... ביי מיר געפינט זיך נאָך אַ ייִדיש געבעטבוך, וואָס אַ סוחר האָט פאַרגעסן ביי מיין פאָטער פאַרן ערשטן וועלטקריג. מיט חשבונות און אַדרעסן אויף די טאָוולען. ס׳ליגט אין מיין ביכערשאַנק. נישט ווייט פון געטעס ווערק, ערנוואָרט. כ׳קאָן רעדן מיט ייִדן, ווי מיט פריינד... אין דר׳ערד האָב איך היטלערן מיט זיין טויזנט־יאָריקן רייך... אָבער די דייטשע קולטור, טעכניק, פעיִקייטן, דאָס קאָנט איר דאָך נישט אָפּלייקענען... האָט מען דאָס אַלץ צעדרויבלט, צעריסן, צעטיילט זיך, ווי מיט אַ שמאַטע... די הערן פון „אָסטן" — נישט קיין אָרנטלעכע מענטשן. מאַכן־מיט די שפּיל מיטן רוס. גיבן אַוועק שטיקער דייטשישע ערד. מע וועט עס זיי נאָך דערמאָנען! זאָל נאָר קומען די צייט. זאָל נאָר די וועלט נישט זיין אַזוי משוגע... דערווייל אָבער דאַרף מען וועגן גאָר־נישט טראַכטן. לעבן, ווי עס לאָזט זיך. געניסן פון לעבן, ווי ווייט מעגלעך... נישט טראַכטן.

— אַ מוח צו האָבן און נישט טראַכטן איז שווערלעך. ס׳איז דאָך געווען היטלערס געבאָט: זאָל דאָס פאָלק נישט טראַכטן, דער פירער טראַכט פאַר זיי...

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ באַליידיקטער; ווי קום איך צו דערמאָנען

היטלערס נאָמען? צו מיר רעדט נישט קיין נאַצי, נאָר אַן אָרנטלעכער דייטש, אַן אמתער זון פון זיין פאָלק. און ווידער — אַ סדרה וועגן די מעלות פון דייטשישן פאָלק, וועגן זיין פריינדשאַפט צו ייִדן, צו מענטשן בכלל.

צום גליק זענען מיר שוין אָנגעקומען קיין פראַנקפורט.

— אַן אָנגענעמען זונטיק! — און כ׳האָב שנעל פאַרלאָזט דעם וואַגאָן.

אין מוח האָבן מיר כסדר געבויערט די רישן פון זיין „פערריקט... די וועלט איסט פערריקט".

אַפּגעהאַקטע צווייַגן

זיי זענען געזעסן אַקעגנאיבער זיך אַ לאַנגע צייט, געקוקט זיך אין די אויגן אַריין און געשוויגן.

זינט אַריה האָט אַראָפּגענומען משהן מיטן ווייב און איר שוועסטער פון דער שיף אין חיפהער פּאָרט, האָבן זיי אַ חוץ די פּאָר ווערטער ביים באַגריסן זיך און געצייילטע זאַצן וועגן לויפנדיקע פּראַקטישע ענינים — גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. ער האָט זיי אַלע דריי אַראָפּגעברענגט צו זיך אין מושב אין אַן אויסגעבאָרגטן טענדער — סך־הכל איז עס געווען אַ זיבן קילאָמעטער פון פּאָרט, אין אַן אויסריס פון כרמל־באַרג, אין דער ריכטונג צו עכו.

אַריה האָט זיי איבערגעלאָזט אין זיין רחבותדיקן הייזל, וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט ערשט מיט אַ יאָר פיר צוריק און אַליין איז ער אַוועק אַרבעטן אין פעלד. אין שטוב איז געווען אַ שפע פון אַלדאָס גוטס. ער האָט געעפנט די שענקלעך, דעם שפּייכלער, דעם אייזקאַסטן:

— דאָ האָט איר אַלץ, עסט און רוט זיך אויס.

און ער איז אַוועק.

אין אָוונט, ווען ער איז צוריקגעקומען, זענען זיי שוין אַלע דריי גע־שלאָפן מידע פון דער רייזע. די קיך איז געווען אויפגערוימט, אויפן טישל איז געווען צוגעגרייט אַן אָוונטברויט פאַר אים. דער טיש איז געווען פיין סערווירט, די מאכלים האָבן אויסגעזען צו זיין געשמאַק. ער האָט אָבער נישט טועם־געווען. אַ ברום געטון אונטער דער נאָז, אַריין אין באַדצימער זיך אָרומוואַשן און אַוועק צו זיך אין צימער.

שוין דריי יאָר, זינט זיין רחל איז געשטאָרבן, עסט ער נישט אין שטוב קיין געקעכץ. אין פעלד אַריין נעמט ער זיך מיט טרוקנס צום עסן.

אין האַלבן טאָג כאַפּט ער זיך אַריין אין מסעדה ביים כביש, דאָרט כאַפּט ער אויך אַ דרעמל און גייט צוריק אין פעלד אַריין.

אַהיים קאָן ער נישט קומען דורכן גאַנצן טאָג און די נאַכט איז אים אויך דאָרט איבעריק — זינט רחל איז געשטאָרבן. ער פילט, אַז יענע רעגנדיקע נאַכט, ווען רחל האָט צוגעמאַכט די אויגן אויף אייביק, האָט אייגנטלעך אָפּגעשלאָסן זיין לעבן. אויפגעהאַלטן האָט אים ביז איצט דאָס וואַרטן אויפן ברודער — אפשר וועט ער דאָך קומען, דער אַלטיטשקער מיט זיינע בני־בית — זאָל ער כאָטש האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ היים. פאַר זיך דאַרף ער שוין גאָרנישט, כאָטש ער איז אַזוי פיל יאָרן יינגער פאַרן ברודער.

זיין לעבן, האַלט ער, איז שוין טאַקע געענדיקט. שוואַרצע פייגל פאָכען מיט שווערע פליגלען אין זיין מוח, געדיכטע וואָלקנס שוועבן כסדר פאַרביי זיינע אויגן און דאָס האַרץ צאַפּלט זיך, ווי אַ פיש אַרויסגעצויגן אויף דער יבשה. מאָדנע: הענט און פיס געזונטע, — סקיבעס ערד וואַרפט ער נאָך דורך מיט אַ לייכטקייט פון אַ קרעפטיקן יונגנמאַן, און אינעווייניק איז אַלץ צעשרויפט און אויפגעלעזן.

דער שלאָף איז אויך קיין שלאָף נישט. אַ קרעכצעניש און זיפצעניש, — דאָס טענהט ער זיך אויס אַזוי מיט רחלען הלמאי זי האָט אים אָפּגעטון און איבערגעלאָזט אַליין.

כמעט אַ וואָך איז אַזוי שווייגנדיק אַריבער. ער האָט נישט געקאָנט אָנהייבן מיט זיי קיין שמועס אין די אָוונטן, ווען ער איז אַהיימגעקומען און זיי האָבן געוואַרט אויף אים; זייערע פראַגן פלעגט ער אָפּפטרן מיט אַ קורצן ענטפער און אַוועק צו זיך אין צימער. היינט, פרייטיק־צו־נאַכטס, וועט ער שוין מוזן זיך דורכרעדן מיט זיי. ער וועט עס זיכער נישט קאָנען אויסמיידן, דאָס פילט ער און עס ווערט אים נאָך שווערער אויפן האַרצן צוליב דעם.

משה האָט אָפּגעדאַוונט — פרום איז ער פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. די פינף־און דרײַסיק יאָר פון זייער צעשיידונג האָבן אים אַ פּנים נישט געביטן. אַריה איז דערפון ווייט אַוועק, נאָך איידער ער האָט מיט פינף־און דרײַסיק יאָר צוריק פאַרלאָזט אַלס חלוץ זייער געבוירן־דאָרף הינטער לעמבערג. ער איז איצט געזעסן און געהערט דעם קידוש, וואָס דער ברו־

דער האָט געמאַכט מיטן ניגון און לשון־קודש פון דער גאַליציאַנער היים — ווי פרעמד ס'האָט איצט געקלונגען אין זיינע אויערן, צוגעווינט צום לעבעדיקן עברית פון לאַנד! מאָמענטנווייז האָט ער אַפילו נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם טייטש פון איינצלנע ווערטער. מאָדנע ווערטער, אַ מאָדנע שפּראַך.

— נאָך פינף־און דרייסיק יאָר, רבונו־של־עולם! אויב מיר האָבן שוין יאָ זוכה געווען... כ'מיין, ווידער זיך דערלעבט צו טרעפן... איז גאָרנישט? האָסט נישט וועגן וואָס צו רעדן מיט אונדז? — משהס קול האָט געציטערט פון אַלטקייט און גערירטקייט.

געוווּסט האָט ער אַליין, אַז קיין נייעס קאָנען זיי זיך נישט זאָגן. לייבל, אָדער אַריה, כאָטש ער איז אַוועק פון דער היים אַ צעקריגטער — ווייל ווי האָבן זיי אַלע דאַן געקאָנט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער בחור זאָל פאַרלאָזן אַ היים מיט גוטס, אַ ווירטשאַפט מיט כל־טוב און אַוועק מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס, מיט רחלען אונטערן האַנט, אין די ווייטעגישן האַקן שטיינער און טריקענען בלאָטעס? זיי האָבן אַלע יאָרנלאַנג געטראַכט צו פאָרן, אָבער מ'האָט פריִער באַדאַרפט מאַכן אַ ביסל געלט, קויפן זיך אַ נחלה און פאָרן, ווי מענטשן. דערוויל זענען, ברוך־השם, קינדער געקומען אויף דער וועלט, געלעבט האָט זיך באַלעבאַטיש — איז וואָס די איילעניש? האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד, לייבל — און איז אַוועק אַ ברוגזער. נאָר געשריבן האָט מען זיך די גאַנצע צייט, כסדר געלאָזט הערן וועגן זיך. געוווּסט וועגן זיך אַלץ. משה האָט געשריבן וועגן אַלע חכמות פון די גע־ראָטענע קינדער, וועגן נחת וואָס מ'האָט פון זיי. לייבל, וואָס האָט זיך נאָר אונטערגעשריבן „אַריה" — וועגן דער זיסקייט פון האָרעוואַניע אין דער וויסטעניש, וואָס וועט נאָך ווערן אַ היים פאַר אַלע, וועגן דעם ווי ער איז גליקלעך מיט רחלען אין זייער שווער לעבן.

זיי האָבן זיך צונויפגעשריבן אַפילו אין די מילחמה־יאָרן, ווען משה מיט דער מישפּחה איז געווען ערגעץ אין אַ העק אין די סיבירער וועלדער, ווען ער האָט שוין ערגעץ־ווו אין דער ווייט געהאַט איבערגעלאָזט דעם אומבאַקאַנטן קבר פון יינגסטן זון, וואָס איז געפאַלן אויף דער מילחמה. דאַן האָט אַריה, פון זיינע אָפּשפּאָרונגען אין אַ מיליטערישער פאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט, איינגעקויפט זיך דאָס שטיקל ערד צו בויען די אייגענע

ווירטשאַפט. רחל האָט דערצו געשטויסן: אַן אייגן ווינקל, אַן אייגענע נחלה האָט זי געוואָלט. נישט פאַר זיך — קיין קינדער האָבן זיי דאָך נישט געהאַט — אפשר, גאָט וועט געבן, די מילחמה־זאַוויערוכע וועט זיך ענדיקן און עס וועלן אַהערקומען גראַטעוועטע פון דער מישפחה.

די מילחמה האָט זיך געענדיקט. משה האָט זיך געראַטעוועט מיט אַ טייל מישפחה, געריסן זיך אַהער און אַלץ נישט געקאָנט קומען. ס׳איז תחית־המתים אויפגעשטאַנען, מיטן איבערשטנס הילף, די יידישע מלוכה. אַריה איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך און אים האָט מען אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט פון פוילן. דאָס הייסט — נישט אַרויסגעלאָזט האָט מען דעם זון, אָבער ווי האָט ער געקאָנט פאָרן און שיידן זיך מיטן איינציקן זון, וואָס איז זיי געבליבן, מיט די אייניקלעך, וואָס זענען געוואָרן די גרעסטע טרייסט אויף דער עלטער?

אַריה האָט זיך געברוגזט, געזידלט אין בריוו, געדראָט מיט נייע צרות, וואָס וועלן נאָך קומען אויף יידן אויף דער ערד, ווו עס האָט אַמאָל געטרעטן דער ימח שמו. אָבער וואָס האָט ער, משה, געקאָנט טון, אַ חוץ מתפלל זיין צום טאַטן אין הימל ער זאָל מאַכן אַ סוף צום גלות?

דאַן איז רחל געשטאָרבן און אַריה איז ווי איבערגעביטן געוואָרן. בריוו — קורצע, וויטיקפולע, פאַרצווייפלטע. זיי האָבן געטרייסט מיט „ה׳ נתן, ה׳ לקח״. נאָר געהאָלפן האָט עס, ווי אַ טויטן באַנקעס. אַ לאַנגע צייט האָט אַריה בכלל אויפגעהערט צו שרייבן. לאַנדסלייט האָבן צו וויסן געטון, אַז ער איז, לא עלינו, אין אַ שפּיטאָל — נישט ביי די געדאַנקען. דערנאָך — ווידער קורצע בריוו. יעדעס וואָרט — אַ רענדל. אַן אַלט רענדל, ווי פון דר׳ערד אַרויסגעגראָבן. עס האָט נישט געלויכטן, נאָר שווער זיך געלייגט אויפן געמיט.

און אָט זענען זיי געקומען. זיצן אַקעגנאיבער זיך און — שווייגן.

— איז אפשר... אפשר זענען מיר דיר אַ לאַסט? מילא, וואָס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט אונדז. מיר זענען טאַקע ביי די שבעים, נאָר אין גאַס וועט מען זיך, אם ירצה השם, נישט וואַלגערן, פון הונגער נישט שטאַרבן. מיר זענען דאָך עפּעס צווישן יידן...

אַ שווערע שטילקייט איז געהאַנגען איבער די ברענענדיקע ליכט אויפן טיש. פּלוצלינג איז אַריה אויפגעשפּרונגען, אַ פּלאַטער געטון מיט

די הענט, ווי מיט איבערגעהאַקטע פליגלען און אָנגעהויבן צו וואַרפן אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— אַלץ... אַלץ פאַר אײַך... צוגעגרייט... פינף־און דרײַסיק יאָר האָרעוואַניע... מיינע... רחלס אַלץ פאַר אייך. נעמט! האָט! מיך לאָזט צורו... אַליין...

געדיכטע טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף די פּאָרוויאַנעטע באַקן פון בײדע אַלטע ווייבער. ביידע האָבן זיי צוגעלייגט די הענט צו די מיילער, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך אַרויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט. משה האָט אויפגעריסן די אָפּגעבליאַקעוועטע גראָע אויגן, אַ וויש געטון דעם שטערן אונטערן קאַפּל און נישט געקאָנט פאַרשטיין:

— לייבל, ברודער... גאָט איז מיט דיר. מיר זענען דאָך ברידער, צווייגן פון איין בוים. ווער וויל דיינס? כ׳מיין, מיט דיר צוזאַמען, אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן...

— צווייגן?... צווייגן, זאָגסטו? אָפּגעהאַקטע, פאַרוועלקטע צווייגן. אַן לעבן... דורך ווינט צעבראָכענע, דורך ווינט צוזאַמענגעפירטע... פאַרשטייסט? אָפּגעהאַקטע... פאַרוועלקטע צווייגן...

אַריה האָט איבערגעריסן, אַרויסגעלאָפן פון שטוב. ער איז געלאָפן ווי אַ צעמישטער איבער די געסלעך פון מושב, אַרויסגעלאָפן אין פעלד, געלאָפן איבער צעאַקערטע סקיבעס און בלי׳ענדיקע בייטן. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ בוים און שטיין געבליבן. אין מוח האָט אים געברענט אַ פייער, פאַרגאָסן די אויגן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער געפינט זיך אין אַ וואַלד מיט פלאַמען. אַ רגע האָט אים אַ בליץ געטון אַ געדאַנק: כאַפּן אַ האַק, האַקן די ברענענדיקע ביימער... זאָל דאָס פייער זיך נישט פונאַנדערטראָגן. מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָט ער אָנגעהויבן צו רייסן דעם בוים, ביי וועלכן ער איז געשטאַנען און נאָך אַ קורצן ראַנגלען זיך מיטן בוים — אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַ געכליפּ:

— רחל... רחל...

**
*

די לוויה איז געווען אַ גרויסע. דער גאַנצער מושב, וותיקים פון חיפה און פון דער געגנט זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד איינעם פון

די עלטסטע חלוצים, אַריהן. מקבר געווען האָט מען אים אין שכנות מיט רחלען.

פרעמדע, אָפּגעבערענטע, שטרענגע פּנימער האָבן געטרייסט די דריי אַלטע:

— אַ ווילער חבר געווען... געדענקט וועגן אייך דאָס גאַנצע לעבן... אַ נחלה אייך איבערגעלאָזט בירושה...

משה האָט אָפּגעקוקט פון אונטער דעם היטל מיט אויסגעלאָשענע אויגן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ נחלה?... ברוך דיין אמת...

ער האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן און אַ ברום געטון צו זיך:

— אָפּגעהאַקטע, פאַרוועלקטע צווייגן...

אפטריניקע

דאקטאר וואַלעק - וואָלעצקי

... זיינע פינגער האָבן זיך איינגעקנוידערט, ווי ער וואָלט מיך וועלן קראַמפּהאַפט אָנכאַפּן ביי דער האַנט, געטרייסלט זיך אין דער לופטן — פון אַלטקייט צי פון אויפרעגונג — ווי אַ צאַפּלדיקע שפּין. די שטים האָט געציטערט.

— בלייבט נאָך... פינף... צען מינוט... איך בעט אייך.

כ׳האָב זיך מעכאַניש אַוועקגעזעצט. צייט האָב איך געהאַט גענוג — נישט צוליב דעם האָב איך זיך געאיילט. אַוועקגיין האָב איך געוואָלט נאָך דערפאַר, ווייל ס׳איז מיר פשוט פּריקרע געוואָרן די אַלטקייט, וואָס האָט געוויי׳עט פון יעדן ווינקל אין צימער, דער אָטעם פון אַ פרעמדער פאַר מיר, אַוועקגייענדיקער וועלט. מיינס האָב איך שוין געהאַט אָפּגעטון: די גרוסן איבערגעגעבן; די צוויי טאַליעס בלאַנקעדיקע לאַנדאַנער קאַרטן — אַ מתנה פון זיין ברודער — זענען געלעגן אויפן שרייבטיש, ממש אַרויס־געשיינט פון זיין פּוסטקייט. וואָס נאָך קאָן ער דאַרפן פון מיר, דער „פרעמ־דער פריץ״?

— אַ פינף מינוט בלויז... דורכרעדן זיך... כ׳וויל רעדן, בלויז רעדן מיט אייך. ער האָט געדעמפּט די שטים, די ווענט זאָלן אים נישט דערהערן. — איר זענט דאָך אַן „אַמכאַוויטש״.

אין גאַנצן אַן אומגעריכטע פראַגע — מיין נאָמען, מיין אויסזען... ווי אַזוי כ׳האָב זיך באַקענט מיט זיין ברודער אין לאָנדאָן האָב איך אים אויך געהאַט דערציילט. כ׳האָב אים פרעגנדיק אָנגעקוקט: וועגן וואָס, אייגנטלעך, גייט אים?

— פאַרשטייט זיך, אַ נאַרישע פראַגע. — די שטים האָט ביי אים נישט אויפגעהערט צו ציטערן. — כ׳בין שרעקעוודיק געוואָרן, זיך אָפּגע־וווינט צו רעדן מיט מענטשן. מיט אַזעלכע מענטשן... כ׳מיין: אַ סך יאָרן

נישט באַגעגנט, נישט צוזאַמענגעקומען זיך... איך, איך בין דאָך אויך... נו, איר ווייסט דאָך, איר קענט מיין ברודער. אויך פון אייערע .דאָס הייסט: איך אויך... געווען. געווען?

אַ גליווערדיק צעוויטיקט געלעכטערל האָט שטיל אַ כוואַליע־געטון פון זיינע פאַרקרימטע ליפּן:

— געמיינט, אַז כ׳בין געווען... כ׳בין היינט אויך, ביזן טויט וועל איך עס זיין. כאָטש קיינער ווייס נישט, קיינער. אַפילו די נאָענטסטע...

ער האָט זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט דערפילט אויף דער צונג אַ נישט אָנגענעמע זאַך. אַ צופּ־געטון די וואָנסן און אָנגעהויבן מיט אַ פינגער צו פּויקן לייכט אין טיש. אין צימער איז געהאָנגען אַ געפּרעסטע אומ־היימלעכקייט. זונשטראַלן האָבן זיך פּאַסמעסווייז אַריינגעריסן דורך די פאַר־בויגענע פּוירהאַנגען און געשאַפן אַרום זיין ווייסן קאָפּ אַ דעפּאַרמירטן ליכטקראַנץ. אין צימער האָט זיך געהויבן אַ דעמפּיקייט. אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון שטויב. שווער געווען צו אָטעמען. כ׳האָב געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי לויז צו מאַכן אַ קראַוואַט און אַ וויש־געטון טראָפּנס שווייס אויפן אָנט־בלויזטן האַלדז אינעם ברייטצעעפנטן ספּאָרטהעמד, ער האָט עס נישט באַמערקט. געקוקט איבער מיין קאָפּ, אויפן צאַפּל פון שטויב אין דער סמוגע פון ליכט.

— נאָענטסטע... כ׳האָב נישט קיין נאָענטסטע. כ׳האָב נישט קיין נאָ־ענטע. אַליין. געבליבן אַליין. — ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך אָנגעצונדן צו אַ געדאַנק וואָס האָט אים באַהערשט: — כ׳בין דאַכט זיך דאָס גאַנצע לעבן געווען אַליין. איינזאַם. אַ פרעמדער. גאַנץ מעגלעך... אַמאָל נישט געפילט. דאָס יונגע בלוט האָט פאַרשטעלט דעם אמת. און יונג בין איך געווען זייער לאַנג, אַפילו זייענדיק אַלט, אַלט אין יאָרן... איך האָב דאָך אַכציק יאָר, אַכציק יערעלעך... איר גלייבט נישט, וואָס? קיינער גלייבט נישט. אָבער ס׳איז אמת: אַכציק יאָר!

כ׳האָב לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ — כ׳ווייס.

— יאָ, מיין ברודער האָט אַוודאי דערציילט. ער איז יינגער, אַ סך יינגער. כמעט צוואָנציק יאָר יינגער. אָבער קיינער גלייבט נישט, אַז איך בין אַכציק... איך זע דען אויס אויף מיינע יאָרן?

ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין פאָטעל, אַ לייכטן גלעט־געטון ביים

וואָנס. כ׳האָב באַשטעטיקט: ער זעט נישט אויס. נישט צוליב העפלעכקייט, טראָץ זיינע מילכווייסע האָר אַרום פליך און ווייסע וואָנסן, האָט פון זיין פּנים געאָטעמט מיט פרישקייט פון געזונטן קערפּער און די אויגן האָבן געשפּראָצט מיט פייערלעך פון יונגע בליקן. ער האָט אויסגעזען יינגער פון זיין זעכציקיאָריקן לאַנדאָנער ברודער.

וואַלעק־וואַלעצקי האָט געהאַט אַ שם אין וואַרשע. ווען איר זענט נאָך אויף דער וועלט נישט געווען... גלייבט מיר, איך האָב זיך פיינט צו באַרי־מען. — אין זיין קול האָט אַפילו יאָ געקלונגען אַ לייכטע נאָטקע פון באַרי־מעריי. — ווען מיין ברודער איז אויף דער וועלט געקומען בין איך שוין געווען דער מייסטער פון לויפן, פון שווימען, פון גליטשן. אין דער גאַנצער גובערניע האָט מיין נאָמען געקלונגען. אין פּעטערבורג געגומען מעדאַלן, זיבעצן גאָלדענע מעדאַלן, ערן וואָרט, איך טרייב נישט איבער. ווען כ׳ציר אויס מיין ברוסט מיט זיי, וואָלט איך געווען מער באַהאָנגען, ווי די היינ־טיקע גענעראַלן... אינלענדישע, אויסלענדישע מעדאַלן... כמעט אַלע ליגן אין דער ווייסל. דערטרונקען ביים אַנטלויפן פון וואַרשע, בעתן אויפשטאַנד. נישט געוואָלט איבערלאָזן אין די הענט פון די דייטשן...

ער האָט זיך בייסיק צעלאַכט און אומרויק אָפּגעהאַקט אין מורא אַז ער לאַכט צו הויך. זיין שטים איז נאָך געדעמפּטער געוואָרן. כ׳האָב שוין קוים געקאָנט אויפכאַפּן די ווערטער. דערציילט האָט ער איצט גאָר וועגן זיינע ספּאָרט־נצחונות, סאַלאָן־דערפאָלגן, פּראָפעסיאָנעלע דערפאָלגן.

— ראַדזשיוויל, לובאָמירסקי, די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע האָט גערופן דעם דאָקטאָר וואַלעק־וואַלעצקי. מיין וואָרט האָט דעצידירט. אין די גרעס־טע פּראָפעסאָרן האָט מען אַזוי נישט געגלויבט. פּראָפעסאָרן... איך האָב קיינמאָל נישט געזוכט צו ווערן אַ פּראָפעסאָר. אַלע קאַטעדרעס זענען געווען אָפן פאַר מיר. כ׳האָב נישט געוואָלט. פיינט געהאַט צו לערנען עמעצן. מיינס האָב איך קיינעם נישט געקאָנט לערנען. אַליין נישט געבויט אויפן אויסגע־לערנטן. פּראַקטיק, פּראַקטיק, מיין פריינד. די קונסט פון לעבן, פון קענען דאָס לעבן. קענען מענטשן. די מענטשן, צווישן וועלכע איך האָב פאַרקערט. יענע, פון די פּאַלאַצן. נאָר פאַר זיי בין איך געווען. כ׳זאָג דרייסט: געווען איינער פון זיי... מיין ערשטע פרוי איז געווען אַ גרעפין. די צווייטע פון אַן אַלטער שלאַכצעקער מישפּחה...

ער האָט איבערגעריסן, דערשראָקן פון עפּעס, דורכגעבויערט מיך מיט זיינע בליקן:

— איר מיינט אפשר, אַז איך האָב זיך געשמדט צוליב קאַריערע, צו־ליב שידוך? וואַלענבערג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין וואַלעק־וואַלעצקי צוליב אייגננוצן? — שנעל און הייס האָט זיין שעפּטשען געוואָלט פאַרטרייבן אַזאַ געדאַנק. — אַ ליגן! נישט קאַריערע! געשמדט זיך מיט איין־און פופציק יאָר צוריק, באַרעכנט די יאָרן. נישט אויף פּראַוואָסלאַוויע, אויף קאַטאָ־ליציזם, איר פאַרשטייט? קאַריערע איז געווען פּראַוואָסלאַוויע. קאַטוילישע קירך: קאַמף! יאָ, קאַמף פאַר פוילישקייט... דאָס איז עס טאַקע געווען: פוילישקייט. צוליב דעם האָב איך מיין זיידן מיט די פאות געטריבן פאַר דער צייט אין דער ערד אַריין. פאַר חרפּה. זיין גלויבן, זיין פאָלק האָב איך פאַרלאָזט, זיך אָפּגעקערט. אַריינוואַקסן אין פוילן, אין פוילישן פאָלק, אין גאַנצן, ביזן טיפסטן קעמערל פון מיין נשמה, דאָס האָב איך געוואָלט. דער־פאַר זיך געשמדט. פוילן און איך זאָלן זיין איינס. און פוילן איז גאָטישע טורעמס, אָרגלשפּיל אין קירך, טונקלקאָלירקע וויטראַזשן. דאָס פוילן האָב איך געהאַלטן פאַר מיינס. פּאַטריאָטיזם. איר הערט? פּאַטריאָטיזם האָט מיך געטובלט אין געהייליקטן וואַסער. קראַשינסקי איז געווען מיין נביא. כ׳האָב זיך דערפאַר אַ נאָמען געגעבן זיגמונט, סטאַניסלאַוו־זיגמונט־שטשענסני. איר הערט די דורות פוילן? זשעטשפּאָספּאָליטאַ...

ער האָט איבערגעריסן. ס׳האָט אים קענטיק פאַרפעלט אָטעם. צי די אויפרעגונג האָט געווירקט, צי די דערשפּירונג פון דער אָנשטרענגונג פאַר זיינע יאָרן. די הענט האָבן זיך זקניש געטרייסלט, די אויגן זענען אויסגע־לאָשן געוואָרן, האַלב־צוגעדעקט מיט די וויִעס. אויפן פּנים האָבן זיך באַ־וויזן טיפע שאָטנס פון קנייטשן, ביז־איצט אומבאַמערקטע דורך מיר. ער איז צוגעפאַלן צום ווענטל פון פאָטעל, שווער געאָטעמט.

די אומהיימלעכקייט האָט טשאַדיק געדריקט אויף מיר. אַוועקגיין האָב איך אָבער נישט געקאָנט. אַ ביסל איז געווען נישט באַקוועם צו לאָזן אים אין אַזאַ שטימונג. און אַ ביסל האָט מיך שוין טאַקע געהאַט פאַראינטערע־סירט דער אומגעריכטער ווידוי. איך האָב אים געפרעגט צי ער רייכערט. ער האָט לייכט באַדאַנקט און געבעטן איך זאָל זיך נישט זשענירן. אים שטערט נישט דער רויך. כ׳האָב זיך טיף פאַרצויגן און געוואַרט.

אַפּטריביקע

געגוג לאַנג האָט ער געשוויגן. די מינוטן האָבן זיך געצויגן שרעקלעך. קיין אַשקעסטל איז אויפן טיש נישט געווען, האָב איך אַראָפּגעטרייסלט דאָס אַש אויף מיין פּאַפּיראָסן־דאָזע, אויסגערייכערט, צוגעדריקט דאָס ברע־נענדיקע שטיקל צום מעטאַל פון דער דאָזע. ערשט דאַן האָט ער אָנגע־הויבן ווידער צו רעדן, ווי אַפּוואַרטנדיק ביז כ׳וועל האָבן אויסגערייכערט. לכתחילה — אָפּגעהאַקטע זאַצן, איבערגעחזרט איינצלנע ווערטער, אונ־טערשטרייכנדיק זיי. עפּיזאָדן פון דערפאָלג, פון שטורמישן לעבן, בליצ־פּאָרטרעטן פון „מענטשן פון דער געזעלשאַפט״, גוט באַקאַנטע און מיר אומבאַקאַנטע נעמען. געדעדט וועגן זיין ערשטער פרוי, דער גרעפין, וואָס איז כמעט בכלל קיין פרוי נישט געווען. אַ שאָטן פון אַ מענטשן, אויסגעטון פון לייב... די צווייטע פרוי — נו, מיט דער האָט ער חתונה־געהאַט אין די עלטערע יאָרן. ס׳האָט זיך געפּאַסט צו האָבן אַ דאַמע אין שטוב, אַ באַלעבאָסטע פון סאַלאָן.

— ווייסט איר דען, ווי גליקלעך איך בין איצט... „גליקלעך״, — האָט ער אונטערגעשטראָכן סאַרקאַסטיש, — וואָס איך האָב נישט קיין קינדער? מאָדנע, האַ? קינדער, אייניקלעך, ס׳וואָלט אפשר נישט געווען די איינזאַמ־קייט. און איך בין גליקלעך, וואָס זיי זענען נישטאָ. אין צען וואָסערן גע־טובלטע וואָלט זיך זיי אַלץ נאָכגעשלעפּט די אָפּשטאַמונג, מיין אָפּשטאַמונג. איצט בין איך זיכער אין דעם. זיך אַליין איבערגעצייגט, אויף מיין איי־גענער הויט דערפילט... ניין, נישט אויף דער הויט. אינעווייניק... איר גלייבט נישט, אַז ס׳איז דאָ אַ נשמה? אָבער עפּעס אַן אומבאַשטימטער, נישט פיזיש אָנצוטאַפּן, זאָל זיין עטערישער אָרגאַן — איז דאָ אין מענטשן. דאָס רוף איך נשמה. דאָרט זענען פאַראַן ביי מיר טיפע ראַנען, שווערע ווונדן. אַ סך ווונדן. מער ווי די מעדאַלן וואָס כ׳האָב אָנגעזאַמלט. ווונדן פון אַ זייטיקן בליק, אַ קרום פון נאָז... נישט צו באַגרייפן ווי די מענטשן פילן אַרויס אַ פרעמדן. ס׳איז דאָך גאָרנישט דאָ ביי מיר קיין פרעמדס: אויסזען, שפּראַך, דערציִונג, קולטור, האַלטונג, אַלץ איז ווי ביי זיי. נאָך שאַרפער, שטרענגער, ווי ביי זיי... אפשר דערפאַר טאַקע פילן זיי אַרויס?... ניין, אַ טייוולאָנישע אינטויִציע זאָגט זיי אונטער: אַ פרעמדער. אומבאַקאַנטע אויף דער גאַס דערפילן עס. אויטאָסוגעסטיע? מעגלעך. נאָר ווען מע גיט אויף מיר אַ דורכדרינגלעכן קוק, איך דערהער עפּעס אַ באַמערקונג, בין

איך זיכער, אַז מע מיינט דאָס. דעריבער מוז איך אויסמיידן מענטשן, מיך שרעקט זייער בליק. יעדער בליק קאָן זיין אַ דערמאָנונג... בלויז געציילטע מענטשן קענען דעם אמת וועגן מיין אָפּשטאַם, כ׳וויים עס אויסגעצייכנט. פון מיינע צייטקאָלעגן לעבט שוין כמעט קיינער נישט. און ווילדפרעמדע פילן אַרויס, זענען חושד, שנאַפּן אויס, ווי די שפּירהינט זייער קרבן...

זיכער בין איך געווען, אַז איצט קומט אַ דערציילונג וועגן „שמאַל־צאָוניקעס״ בעת דער אָקופּאַציע, שאַנטאַזשן, אויספּרעסן אוצרות. קיין סימן דערפון. קיין איין פאַל האָט ער נישט געהאַט מע זאָל אים ערגעץ פאַר־טשעפּען. ביזן אויפשטאַנד האָט ער געוווינט מיט זיין צווייטער פרוי אין דער זעלבער דירה וואָס איצט. די גאַנצע איז געווען זיינע. זיינע קאַבינעטן, זיינע סאַלאָנען. איצט פאַרנעמט ער בלויז צוויי צימערן. — „נו, מע וואָלט סיי ווי צוגענומען, האָב איך אַליין געטיילט די דירה מיט נאָך צוויי דאָק־טוירים. היינטיקע צייטן — גענוג פלאַץ פאַר אַלעמען...״ דער גאַנצער שטאָק איז אַמאָל געווען זיין דירה. דאָס גאַנצע הויז. דער נאָמען זיינער, ווי דער באַלעבאָס, איז נאָך פאַרבליבן אויפן שילדל מיטן נומער פאַרן טויער. דאָס הויז איז האַלב־חרוב — דאָס שילדל האָט איבערגעהאַלטן... און נישט בלויז דאָס הויז, אַ סך... נאַרישקייטן, ווער דאַרף עס אַלץ? די אַלע פאַרלוסטן האָבן נישט קיין באַטייטונג. ווייַ טוט דער גרעסטער פאַרלוסט — דער פאַרלוסט פון גלויבן.

— נישט קלאָר, — האָב איך זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט, — וועלכער גלויבן? די קירך?

אַ געלעכטער. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט מיין פאָטערס אַן אויסדרוק: ער לאַכט מיט יאַשטשערקעס... נאָכן געלעכטער האָט מיר געענטפערט אַ צעבראָכענער זקן:

— כ׳בין קיין מאָל נישט געווען רעליגיעז. געשמדט האָב איך זיך צו ווערן אַן אמתער פּאָלאַק, כ׳האָב אייך שוין געזאָגט. מיין גלויבן איז געווען פּוילישקייט. אַ לאַנג לעבן געווען. איצט צווייפל איך אין מיין פּוילישקייט. שפּיציקע בליקן רופן אַרויס דעם צווייפל, שטעכן אויס די ווונדן אין נשמה. טרייבן מיך צו איינזאַמקייט, צו אַליינקייט...

פאַרגלייזטע אויגן האָבן אַ רגע געקוקט אויף מיר, געזוכט דערמוטיקונג.

— צו אייך קומען? כ׳מיין צו אייערע... כ׳האָב מורא... אפשר שעם

איך זיך גאָר. שטאָלצקייט פון אַ שלאַכטשיץ שטעקט אין מיר. איז מיר אַריין אין בלוט. מער, ווי די פוילישקייט...

ווידער האָט ער אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען. דער זייגער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז כ׳בין זיך פאַרזעסן. בין־השמשות האָט זיך געשפּרייט אין צימער.

— איר איילט זיך? אַנטשולדיקט, לאַנג איך פאַרהאַלטן. געמיינט: אַ פּאַרטנער צו קאָרטן... איר שפּילט דאָך זיכער? כאָטש אַ רעמי... קומט אַמאָל אַריין צו מיר... נישט מער רעדן, אַ קערטל, אַ גלעזל ווייַן...

— כ׳האָב נישט קיין צייט. שטענדיקע רייזעס...

— אַ שאָד... שיינע קאָרטן. מיין ברודער ווייס נישט, אַז כ׳האָב נישט מיט וועמען צו שפּילן. ווידער: לייגן פּאַסיאַנסן. אַליין שוין צוגעטראַכט אייניקע נייע... זייער אינטערעסאַנטע. ווייזן אייך? איר האָט נישט קיין צייט... אַ שאָד...

ער האָט מעכאַניש אָנגעהויבן צונויפמישןביידע טאַליעס קאָרטן. כ׳האָב זיך געזעגנט און געלאָזט זיך צו דער טיר. ס׳האָט מיך באַגלייט זיין טרויעריק פליסטערן:

— מיר בלייַבט איבער פּאַסיאַנסן... פּאַסיאַנסן...

אין געדיכטער פינצטערניש

רעגן־טראָפּנס האָבן אומאויפהערלעך געדרויבלט אין דאַך פון אויטאָ מיט אַ מאָנאָטאָנעם גרעגערן, ווי ס'וואָלטן פון דער ווייטנס געשפּיגן מיט קוילן אַ פּאָר פּיסקלעך פון מאַשין־געווער. וואָלסקי האָט נישט אָוועקגענו־מען די הענט פון רודער און אַ פרעג־געטון:

— ווּעסט אפשר איבערוואַרטן דעם רעגן?

גרינבערג איז גערן איינגעגאַנגען דערויף. ער האָט געפילט אַז וואָלסקי האַלט דעם אינטימען שמועס — וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן נאָך אין נאַכט־לאָקאַל — פאַר נישט־פאַרענדיקט. איז ער נייגעריק געווען: וואָס ווייטער? צו וואָס צילט ער?

אַרום האָט זיך געקנוילט אַ געדיכטע פינצטערניש פון אַ פאַרוואָלקנ־טער זומערנאַכט. אינעם גאַנצן קוואַרטאַל, וואָס איז די לעצטע יאָרן אויס־געוואַקסן אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, האָט קוים ערגעץ־ווו געשיינט דאָס בלאַסע ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפּל. די לאַנגע אַלייע איז געווען שוואַך באַלויכטן דורך לאַמטערנס און זייער שיין איז כמעט נישט דערגאַנגען צום געסל ווו זיי זענען געשטאַנען. ערגעץ גאָר הויך האָט זיך אַרויסגעביסן פון דער חשכות דאָס רויטע ליכט פון טורעם אויפן קולטור־פּאַלאַץ. דאָס ליכט האָט געצאַנקט אין די וואָלקנס, ווי פלעקן אין מידע אויגן. גרינבערגן האָט זיך דערמאָנט אַן ענלעכע רעגנדיקע נאַכט אויפן פראָנט הינטער וואַרשע — דאַן איז ער אויך אַזוי געזעסן לעבן וואָלסקין אין דער שטאַב־באַהעלטעניש אין די טראַנשייען. ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון חברישער נאָענטקייט, פון עפּעס אַן אַנטבלויזטער אָפנקייט, וואָס שאַפט זיך צווישן חברים אויפן פראָנט. צוועלף יאָר ווי ער איז מיט וואָלסקין נישט געווען אַזוי נאָענט. שטענדיק געכאַפּט מיט אים פאַרביי־גייענדיק אייליקע שמועסן ווי געוויינלעך צווישן באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך

נישט וואָס צו זאָגן, אָדער היטן זיך עפּעס צו זאָגן און קומען אָפּ מיט אַ „וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס?״.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט וואָלסקיס שטים:

— און דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי פעסט? לאָזסט זיך נישט בייגן?

די פראַגע איז געווען געוואָרפן ווי כלאחר־יד. די שטים האָט געקלונגען מיד און גלייכגילטיק. וואָלסקי האָט געמרוזשעט די אויגן אין דער פינצטערניש, ווי דער אויסגעטרונקענער אַלקאָהאָל וואָלט אים געשווערט אין די אויגן־דעקלעך. גרינבערג אָבער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער עיקר, צוליב וואָס ער האַלט אים אין דער מאַשין.

— איך פּאָר אַוועק. האַפנטלעך אין גיכן, — האָט ער רויק געענטפערט.

וואָלסקי האָט אויפגעוואַכט. ער האָט לעבהאַפט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו גרינבערגן. נייגעריקע פייערלעך האָבן אַ בליץ־געטון אין זיינע אויגן.

— דעצידירט? געקריגן די דערלויבעניש? — אַ לייכטער שאָקל מיטן קאָפּ האָט אים געענטפערט „יאָ״. — איך פריי זיך פאַר דיר, באמת איך פריי זיך. איבערראַשנדיק אַ ביסל. ענדגילטיק און ראַדיקאַל איבערשניידן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס בלייבט.

— און דו?

אַ מידקייט האָט ווידער צוגעזשמורעט וואָלסקיס אויגן. ער האָט אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט אַ רעזיגנירטער. מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן יידיש:

— מיך וועט מען נישט לאָזן. טויטערהייט וועט מען נישט לאָזן, טאָמער וועט נאָך עמעצער עפּעס קאָנען אויסוואַשן פון מיינע געהירן... אין די הייסע נאָוועמבער־טעג וואָלט איך נאָך אפשר דורכגעשפּרונגען, האָט זיך מיין שיקסע נישט געקאָנט באַשליסן. זי גלייבט נאָך אַלץ נישט. אַלץ וואָס זי הערט... זי הערט דווקא זייער אַ סך... זי נעמט עס אַלץ אָן פאַר אַ שפּאַס. זי זעט נישט, וואָס עס טוט זיך, פילט נישט, גאָרנישט. ווידער: איבערלאָזן זי, דער עיקר די קינדערלעך, קאָן איך זיך נישט באַשליסן אויף דער עלטער. אפילו, ווען ס׳לאָזט זיך מאַכן אַ ויברח...

משונהדיק האָט געקלונגען אין גרינבערגס אויערן דאָס וואָרט „אויף דער עלטער״ אין מויל פון עטלעכע־ און פערציקיאָריקן וואָלסקי. אָבער דער שניייווייסער קאָפּ געדיכטע האָר, די מידקייט, וואָס האָט זיך איינגע־

קריצט אין יעדן קנייטש פון שאַרפצעאַקערטן פּנים, האָבן געקאָנט מאַכן גלייבן אין די ווערטער.

— פאַרשפּילט, חבר, איך האָב פאַרשפּילט דאָס לעבן. אויף אַ שלעכ־טער קאָרט געשטעלט. ס׳וועט אויסקומען אויפצושטיין פון שפּילטיש מיט ליידיקע קעשענעס. באַנקראָט. אויסגעביטן חלומות אויף קליינגעלט, צום קאָרטנשפּיל. דאָס געוויסן געשטעלט אין קאָן. געבליבן מיט גאָרנישט. הויל. אויסגעשאָסענע פּאַטראָנען וואָס וואַלגערן זיך אונטער די פיס אויף אַ שלאַכטפעלד. גאָרנישט, נישט...

גרינבערג האָט נישט געענטפערט. ער האָט געפילט אויפריכטיקייט אין טאָן פון זיין שלאַכט־קאָמאַנדיר. ביי זיך איז ער שוין לאַנג געקומען צו אַן ענלעכן באַשלוס. צו וואָס רעדן וועגן דעם? דאָס וואַרעמע געפיל, וואָס האָט זיך איצט דערוועקט צו זיין שכן, האָט אים נישט געלאָזט נאָך מער רייצן די ווונדן... נאָר וואָלסקי האָט אַ פּנים נישט געוואַרט אויף גרינבערגס ווערטער. עס האָט אויסגעזען: נישט ער זוכט צו רעדן מיט עמעצן, נאָר צו עמעצן.

— ביסט נישט שלעפעריק? ווייסט, איך האָב זיך אָפּגעוווינט פון שלאָפן. די פאַרמילחמהדיקע יאָרן פון קאָנספּיראַציע, די פּאַרטיזאַנקע, פראָנט, דער־נאָך די פּאָר יאָר אין דער „זיכערקייט" האָבן מיינע נעכט פאַרוואַנדלט אין טעג. איצט ציִען זיך די נעכט מיט לאַנגע, שווערע קייטן פון מחשבות. מיט וועמען צו רעדן איז נישטאָ. אָדער מע פאַרשטייט דיך נישט, אָדער מע טאָר נישט. מאַכט מען דעם חשבון־הנפש מיט זיך... אַ טרויעריקער סך־הכל, חבר. פּוסטקייט און חשכות... דיר איז נאָך גוט, קאָנסט עס איבערשניידן. האָסט זיך אַלע יאָרן געקלאָמערט צווישן יידן, איז דיר לייכטער צו מאַכן דעם שפּרונג. איך בין פאַרדיגניטאַרעוועט געוואָרן, אין גאַנצן פאַרגויִשט, פאַרפרעמדט, איבערגעשניטן אַלע פעדעם...

ער האָט לייכט אָפּגעווענדט גרינבערגס דערווידערן:

— באַרויִק מיך נישט און טרייסט מיך נישט. איך פיל עס, כ׳פיל דעם אמת ממש פיזיש. דער עיקר: כ׳בין דערגאַנגען דערצו, ווי אַזוי ס׳איז גע־שען. ווען איך בלייב אַ שרייבער, ווי כ׳האָב עס געפּרוווט פאַר דער מילחמה, וואָלט איך איצט געקאָנט אָנשרייבן אַן אויפטרייסלענדיקע פּסיכאָלאָגישע סטודיע. וועגן דעגענעראַציע פון אידייען און מענטשן. אפשר נאָך שטאַר־

קער פון ווערקאָרס „דער פּאָליטישער ליגן״. האָסט געליינט? ער האָט זיך אין אַלגעמיין דערגרונטעוועט צום דנאָ. ביי אונדז איז עס אָבער טיפער, ווייל ס׳קומט צום אָפּגרונט פון ייִדישן עלנט. דאָס איז טאַקע דאָס אינטע־רעסאַנטסטע, וואָס איך וואָלט געקאָנט אַרויסשלעפּן — פּאַראייביקן מיט ווערטער אויף פּאַפּיר... האָב איך אָבער פאַרלוירן די פעדער, איר אָנווענ־דונג. ביי מיר איז זי פאַרבליבן בלויז אויף אונטערצושרייבן אורטיילן, מלו־כהשע דאָקומענטן, פּאָליטישע רעזאָלוציעס און טשעקן. זי איז ביי מיר אויסגעהוילט געוואָרן, ווי מיין נשמה, פאַרשטייסט?

אַ שטילקייט, — געדיכט ווי די פינצטערניש. זיי האָבן ממש געהערט דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצער.

— ווייסטו ווו עס ליגט דער שורש? — האָט זיך וואָלסקי מיט אַמאָל אָנגעצונדן — אין דער ערשטער פּרשה! אינעם ערשטן ליגן, אויף וועלכן מע גייט איין. מע ווערט דאַן אַריינגעצויגן אין אַזאַ פּראָצעדור מעכאַניזם פון שקר און שאַנטאַזש, פון וועלכן מע קאָן זיך שוין נישט אַרויסדרייען. ביי מיר האָט זיך עס אָנגעהויבן, ווען איך האָב נאָך געאַרבעט אין דער יוגנט. מיין גוטקלינגעדיקער נאָמען און מיין אויסזען האָבן אָנגערעגט די פירער מיך אַריבערצוּוואַרפן אויף פּוילישער אַרבעט. אייגנטלעך: „וואָס איז דער חילוק? דאָס פעלד איז ברייטער, מעגלעכקייטן גרעסערע, דער נוצן אָנזעעוו־דיקער. אַ סוף צו דיין ייִדישקייט. די רעוואָלוציע פאָדערט״. דאָס איז געווען דאָס צוויבערוואָרט. דאָס האָט מיך אָפּגעשמדט. איך בין דאָך אַ משומד. בפי־רוש אַ משומד. אָן גלחים און קלויסטערס. כ׳האָב זיך געטובלט אין געהיי־ליקטן רויטן טייך...

ער האָט זיך פאַרטראַכט. אַ פּנים, אַז דאָס איז געווען אַ נייער געדאַנק ביי אים, אַ נייער ציפער אין זיין גרויסן חשבון.

— יאָ, איצט זע איך געווי, אַז ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבן דערפון... מיינסט אַז כ׳האָב זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט? קיין גענעראַלסקע שליפּעס האָבן מיר זיך נאָך דאַן נישט געחלומט. געגאַנגען אין דער באַוועגונג בין איך לשמה, מיטן פולסטן גלויבן אַז זי ברענגט דערלייזונג פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אַלע. ס׳איז מיר אָבער אַ שאָד געווען דאָס ביסל אָרעמע ייִדיש־קייט, אָדער ייִדישע אָרעמקייט, ווי דו ווילסט. דאַן האָט מען דעם ערשטן קוועטש געגעבן: קליינבירגערלעכע אָפּשטאַמונג, אינטעליגענטישע צעקראַכנ־

קייט. אָנגעהויבן צוזוקלעפּן פּאַרסמטע עטיקעטלעך: נאַציאָנאַליסט, טראָצ־קיסט. אַן אָריגינעל וואָרט איז פאַרעכנט געוואָרן פאַר אַן אָפּנייג. כ׳האָב זיך דערשראָקן, אונטערגעגעבן. שפּייען אויף דר׳ערד, אַ גראָב וואָרט, דאָס האָט אויסגעוויזן צו זיין סימנים פון פּראָלעטאַריזאַציע. מ׳האָט זיך דאָך געוואָלט פּראָלעטאַריזירן, אַריינוואַקסן אין קלאַס פון מאָרגן. האָט מען גע־שפּיגן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן מיין באַרג־אַראָפּ, וואָס האָט מיך דערהויבן אַזוי הויך, כדי איך זאָל איצט בלייבן שטיין פאַר אַ תהום. דער ציל, דער גרויסער מאָרגן האָט געהייליקט די מיטלען. אָנגעהויבן צו כשרן אַלע מיט־לען. דאָס איז דער גרויסער אומגליק פון דעגענעראַציע. און טאַקע קאַריערע אויך, אויב אַ ציל כשרט אַלע מיטלען, איז דאָך... ס׳חזרט זיך איבער די מעשה מיטן מהר״ל און מיטן גולם. דער גולם וווּנדט זיך קעגן זיין באַ־שאַפער. די מיטלען וואַקסן איבער דעם ציל. זיי ווערן אַ ציל פאַר זיך. דאָס איז אונדזער טראַגעדיע. די טראַגעדיע פון דער אידייע און פון אונדז, די גלייביקע. דורך דעם האָבן מיר פאַרלוירן דעם גלויבן, דעם ציל. איבער אונדז האָבן אָנגעהויבן צו הערשן די מיטלען. אַלע מיטלען. די שמוציקסטע, די ברודיקסטע, די בלוטיקסטע. זיי האָבן אונדז אויסערלעך דערהויבן, גע־מאַכט פאַר דיגניטאַרן. און אינערלעך אויסגעליידיקט, געמאַכט פאַר גייס־טיקע סקעלעטן... מיר זענען דאָך אויסגעוואַשן געוואָרן פון אַלע מענטש־לעכע געפילן, מעכאַניזמען, ראָבאָטן, וואָס פירן־אָן מיט אַ ריזיקער און קאָמפּליצירטער מאַשינעריע, וואָס הייסט: לאַנד, פאָלק. מיליאָנען מענטשן זענען שרייפעלעך. מיר ציִען די דראָטן וואָס באַוועגן די שרייפעלעך. און מיר אַליין ווערן געצויגן דורך העכערע דראָטן. מיר זענען גרעסערע שרויפן. דערפאַר קאָן מען אונדז לייכט אויסטוישן, אַרויסוואַרפן. שרויפן, פאַר־שטייסט? שטיקלעך מעטאַל. ווי האָט געזאָגט דער נביא, דער פאָטער: „מיר זענען אויסגעהאַמערט פון אַ ספּעציעלן מעטאַל״. דאָס איז אמת. מיר האָבן זיך אַפילו נישט געכאַפּט, ווי טיף אמתדיק דאָס איז. הויכגעשמאָלצענער און קאָמפּליצירטער מעטאַל. אָן נשמה, אָן לעבן... אָפּט מאָל וווּנדער איך זיך אַליין: ווי קומט עס, וואָס איך האָב אַזאַ שטאַרק געפיל פאַר מיינע קינדער. אַ סענטימענט פאַר חברים. ס׳איז דאָך אַן אָפּנייג. אַ קליינבירגער־לעכער אָפּנייג פון דער מעטאַל־ליניע...

העל און שטיפעריש האָט זיך פלוצלינג צעקלונגען זיין געלעכטער.

ס׳האָט אַן אָטעם־געטון פון אים מיט יוגנטלעכקייט. גרינבערג האָט דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט.

— אַזוי ווי ביי אַ שטאַרבנדיקן פאַר גסיסה, — האָט ער אָפּגעווישט דאָס געלעכטער, — ס׳האָט מיך פשוט אויפגעהייטערט: מיינער אַ געדאַנק. מיינע אייגענע ווערטער, נישט געבאָרגטע, נישט נאָכגערעדטע. כ׳האָב זיך דאָך אָפּגעוווינט דערפון... דו ווייסט, ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט אַ קליינער עפּיזאָד: דאָס צוויי־ און פערציקסטע יאָר, אין די שנייען פון טיף־רוסלאַנד. איך ענדיק מיין שולונג. בקרוב דאַרף מען מיך אַראָפּלאָזן אויף אַ פאַלשירעם קיין פוילן. איך מאַך פּרוּוון אין וואַלד, אויף שנייפעלדער. מע דאַרף זיך צוגעוווינען צו פאַרשידענע סיטואַציעס. אָט פאַרטשעפּע איך זיך מיט אַ שטריק אָן אַ בוים. בלייב הענגען, מוז זיך אַליין אַרויסקאַראַבקעווען. כ׳שנייד דורך די שטריק. קריך אַראָפּ. דער געגעראַל, וואָס האָט אָבסערווירט די איבונגען, פרעגט מיך אין אַ רוסישלעכן פּויליש: „ווי האָסטו זיך געפילט אויף דער תליה״? ענטפער איך: „ווי המן״. ער האָט זיך פאַרקרימט: „צו וואָס יידישע פאַרגלייכן? דאָרט איז עס געפּערלעך״! ס׳איז דאָך ריכטיק, אמת? אָבער אין דעם „יידישע״ איז ביי אים געלעגן אַזוי פיל ביטול, ממש האַס... איך האָב עס אַראָפּגעשלונגען... דאָס איז שוין גאָרנישט. כ׳האָב דאָך אַפילו אַדורכגעמאַכט אַ געוויסע קאָסמעטישע אָפּעראַציע, ס׳זאָל ביי מיר נישט בלייבן קיין סימן פון יידישער אָפּשטאַמונג. „טאָמער כאַפּט מען״ האָט עס געהייסן. גראָד, ווי ס׳וואָלטן געקאָנט זיין ערגערע אָדער בעסערע טויטן. אומזין! ס׳איז גיכער געווען אַ פאַרזיכערונג פאַר אייגענע. און דאָס אַלץ צוליב דער רעוואָלוציע, אמת? ביז זעלבסטפאַרלייקענונג, זעלבסטפאַרניכטונג. טאָ ווי קאָן מען טראַכטן וועגן אַן אייגענעם געדאַנק?...

וואָלסקי האָט אָפּגעהאַקט, זיך פאַרטראַכט אַ ווייל, ווי ער וואָלט פאַר־לוירן דעם פאָדעם פון געדאַנק, וואָס ער האָט געוואָלט אויספירן, נאָר באַלד אים דערכאַפּט און ווייטער פאָרגעזעצט:

— אַזוי בין איך אין גאַנצן איינגעזונקען געוואָרן אין דעם, פאַרגעסן וועגן אַלץ... און טראָץ דעם גייט מיר נאָך מיין יידישקייט. גלייבסט נישט? דאָס איז זיכער, איך ווייס אויסגעצייכנט. מיך אַרט ווייניק וואָס איך האָב דורך צוועלף יאָר מיליטעריש נישט אַוואַנסירט. איך זוך נישט קיין אַוואַנסן. אָבער די סיבות זענען קלאָר. כ׳דאַרף נישט קיין הויכע אַמטן. אָבער דאָרט,

אויבן, היט מען מיך דערפון אָפּ מיט אַ כוונה... נאַ דיר אַן אויטאָ פאַר פערזענלעכן געברויך. פאָר, פיר, באַרויש זיך. טרינק, זויף, פאַרגעס זיך. זיי אין דער גאָלדענער שטייג ווי לאַנג מע טשעפּעט דיך נישט, ווי לאַנג עס רוקט זיך נישט אונטער די פרומע קאַץ, ווי ביי פרצן... פרץ... זעסט, כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען יידישע ליטעראַטור... וואַרט, וואַרט... איך רעד דאָך די גאַנצע צייט יידיש! נאָך נישט פאַרגעסן, זעסט! כ׳פיל עפּעס אַן אויפלייזונג רעדנדיק יידיש. נאָך אַזוי פיל יאָרן... מיר איז דאָך ערגער, ווי די חברים, וועגן וועלכע מע ווייס אַז זיי זענען יידן. יענע קאָנען זיך פאַרגינען אַפילו צו קאָקעטירן מיט זייער אָפּשטאַם. אויב מע וועט זיי אויסשפּייען וועלן זיי נאָך האָבן אַ טרייסט. און איך בין פון די אַנוסים, פאַרשטייסט? אַ צווייפאַך געשטראָפטער: מיט אַ צוגענומענעם גלויבן און אַ פאַרלוירענעם גלויבן... כ׳בין מקנא דיך. קיינעם בין איך קיין מאָל נישט מקנא, נאָר דיך. דאָס ביסל יידישע צרות. איך ווייס, דו גייסט אויף וואָגלעניש, אויף צרות. וועסט אָבער די צרות קאָנען פילן, איבערלעבן, לעבן. איך לעב שוין נישט, איך פיל שוין נישט. כ׳בין אַ מעכאַניזם, אַ שרויף. אַ געוועזענער ייד, אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער. אַ דיגניטאַר, וואָס וואַרט אויף זיין ריי צו ווערן אויס...

דער רעגן האָט ווייטער טאַראַבאַסקעט אין דאַך פון אויטאָ. גרינבערג האָט מיט איין האַנט אַרומגענומען וואָלסקין, אים פעסט צוגעדריקט צו זיך און נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן: אויסגעפּרעסט אַ קוש אויף זיין באַק. וואָלסקי האָט לאַנג געהאַלטן אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אָן גרינבערגס פנים.

אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט עס קיינער נישט געקאָנט זען.

אַ וואַרשעווער שטיוולפוצער

ק. האָט זיך געקאָכט, גערעדט ממש מיט רציחה:

— איר ווייסט גאָרנישט! גאָרנישט ווייסט איר. זיצט אין וואַרשע אויף אַן אינדזל. איר קענט אַפילו נישט אייערע ייִדן. וויפל ייִדן האָט איר אין פוילן, האַ?

כ׳האָב אָנגערופן אַ ציפער. ער האָט זיך צעלאַכט סאַרקאַסטיש:

— כ׳קען הונדערטער, וואָס ווערן נישט אַריינגערעכנט אין קיין שום סטאַטיסטיקעס. אַפילו ביי די מצות זעט מען זיי נישט. הונדערטער...

— מילא, אויב זיי פאַרקאָנספּירירן זיך אַזוי שטאַרק, וועלן מיר זיך באַגיין אָן זיי. מיר זענען אַליין אויך גענוג גרויס אין די אויגן...

זיין ברייטער שטערן איז צעאַקערט געוואָרן דורך טיפע קנייטשן. דאָס קיילעכדיקע פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, ווי ביי אַ שווערן ווייטיק.

די פּאָר וואָכן, וואָס ק. איז געווען אין וואַרשע, נאָך אַ צוואָנציקיאָריקער אָפּוועזנהייט, האָט ער זיך דער עיקר פאַרנומען מיט אַנטדעקן נייע ייִדן, האַלבאָפּשטאַמיקע פון ייִדן. ער פלעגט מאַכן פאַר ייִדן אַזעלכע, וועמענס זיידעס האָבן אַפילו נישט געחלומט וועגן דעם און ער האָט זיך זייער געגרויסט מיט די אַנטדעקונגען. מיר, וואָס אַן אמת, איז עס שוין פון האַלדז געקראָכן. כ׳האָב נישט קיין סענטימענט פאַר די, וועמען מע דאַרף אויפצווינגען ייִדישקייט — דורך דערמאָנונגען מצד ייִדן, צי דורכן דרוק פון אַנטיסעמיטן. ק. האָט עס מיר נישט געקאָנט מוחל זיין: „יעדעס לעבן איז דאָך אַ וועלט פאַר זיך. יעדער אַזאַ מענטש איז אַ באַזונדערע טראַגעדיע, אַן אָריגינעלע טראַגעדיע, וואָס איר פלאָנטער און פאַרוויקלונגען האָט די רייכסטע פאַנטאַזיע נישט געקאָנט צוטראַכטן. ווי קאָן מען עס מיט אַ לייכט האַרץ אָוועקמאַכן מיט דער האַנט?״

— איר ווייסט דאָך גאָרנישט וויפל אַנוסים לעבן צווישן אייך. מענטשן

פֿאַרלוירענע אין לעבן צוליב פֿאַרשידענע סיבות. פֿאַרבלאָנדזשעטע וואָס קענען נישט געפֿינען דעם וועג צוריק. שטרעקט זיי אויס אַ האַנט. דאָס זענען דאָך מענטשן. ייִדן.

די חמימה איז געווען אַזוי גרויס אַז דער אַספֿאַלט פֿון קראָקעווער פֿאָרשטאָט האָט זיך געכוואַליעט אונטער די רעדער פֿון פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע אויטאָס. ק. האָט געחלשט אַ טרונק, דער שטײַפֿער קראַגן האָט אים געמוזט גוט וואַרעמען דעם האַלדז.

— לאָמיר אַרײַן אין קאַפֿעהויז. כ׳מוז עפּעס אויסטרינקען. כ׳האָב געהאַט אַ באַגעגעניש, אַן אײנציקע פֿון דעם מין.

נאָך די ערשטע פּאָר שלונגען פֿון אײַזיקן לעמאָנאַד האָט ער אָנגע־הויבן:

— דו ווייסט, אַז אין וואַרשע איז דאָ אַ ייִדישער שטיוולפּוצער? אין סאַמע צענטער, אַקעגנאיבער דעם קולטור־פּאַלאַץ. ווייסט נישט, האַ? איך האָב אים אַנטדעקט! ער האָט מיך דערקענט, אַז כ׳בין אַ ייִד, אַז כ׳בין פֿון אויסלאַנד... געטראָגן האָב איך דווקא שיך, וואָס כ׳האָב זיך געמאַכט אין וואַרשע... ער האָט זיך מתוודה געווען פֿאַר מיר. אײנע פֿון די טויזנטער ייִדישע טראַגעדיעס. הער...

באַריכותדיק האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן דעם ווידוי פֿון שטיוול־פּוצער, וועלכן ער האָט ערשט מיט אַ שעה צוריק אויסגעהערט אויף דער גאַס, אין אַזאַ היץ. גערעדט האָט יענער אַ געמיש פֿון ייִדיש און פּויליש. ווען עמעצער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען האָט ער גערעדט שטילער אויף פּויליש, ווען מ׳האָט קײנעם נישט געזען — הויך אויף ייִדיש.

***

ער איז געבוירן געוואָרן מיט פֿיר־און פֿופֿציק יאָר צוריק אין אַ שמאָל, אײַנגעהויקערט הײַזל אויפֿן בוגאַי, אַן אַרײַנגעשניטענס אין דער געדיכטקייט פֿון וואַרשעווער מקום. דער טאַטע, אַ גערער חסיד — אַ שוואַרצאַרבעטער אין דער דרוקערײַ, צי אַדמיניסטראַציע פֿון „מאָמענט". דער טאַטע האָט געוווינט אויפֿן מקום און געלעבט אין גערער שטיבל אויף דער פּראַנ־טשישקאַנער. ביים זון איז פֿון קינדווײַז אָן די וועלט געווען אַ צעצווײ־איקטע: מיט די פּאות און קאָפּל ביים חומש און גמרא אין חדר; באָרוועס

און מיט צעפּלאָשעטע האָר מיט די שקצים פון מקום ביי דער ווייסל. אַרומ־געיאָגט זיך נאָך טויבן, געבאָדן אין זון און לופט. אויפן וועג צווישן דער חסידישער היים און דער פּוילישער גאַס איז אויסגעוואַקסן אַ געזונטער, הייסבלוטיקער בורילע. דאָס לערנען איז אין קאָפּ נישט געקראָכן — דער קאָפּ איז פול געווען מיט טויבן און פיש. דער רבי האָט געשמיסן, דער טאַטע — געקאַטעוועט. אין האַרצן איז אויסגעוואַקסן אַ צולהכעיס.

— מיט איין גלעט געקאָנט אַוועקלייגן דעם טאַטן, נאָר עפּעס דרך־ארץ געהאַט. געזונט געזונטע ביינער געהאַט, די קלעפּ האָבן נישט וויי־געטון. נאָר קיין לייט נישט געקאָנט ווערן, נישט געוואָלט אַפילו. צולהכעיס. ווען ער רעדט צו מיר, ווי אַ מענטש... נאָר ער האָט געשלאָגן, האָט עס מיך שוין נישט געאַרט...

1920. וואַרשע איז אין סכנה. די רויטע אַרמיי הינטער דער שטאָט. פּופּצן־זעכצניאָריקע יינגלעך געווען אויפן פראָנט. אַ חרפּה זיך אַרומצו־דרייען אין שטאָט. פאַרשריבן זיך פריייווילליק מיט אַ פּאָר חברים פון בוגאַי אין מיליטער. אַראָפּ די פּיאות — אַריין אין מיליטערישע פּלודערן. פראָנט, וווּנדן, מעדאַל. „דער קרייץ פון העלדישקייט". זעט דער טאַטע דעם קרייץ — אַ געוואַלט: „זיך געשמדט". פאַרטריבן פון שטוב. איז — טאַקע זיך געשמדט. צולהכעיס. חתונה־געהאַט מיט אַ געזונטער דאָרפישער שיקסע, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע דינען ביי יענעם, כדי צו ווערן אַ באַלע־באָסטע פאַר זיך... די מאַמע שוין געווען אויף יענער וועלט. דער טאַטע... וואָס האָט אים געאַרט. איז בכן — אַ שפּיי אויף וואַרשע. ביי זיין שיקסע אין דאָרף האָט מען פאַרצעלירט אַ גוט. אַ מילחמה־אינוואַליד האָט נאָך דאַן געהאַט פּריווילעגיעס. געקריגן אַ הלוואה. און אַכט מאָרגעס גוטע ערד. אַוועק אין דאָרף — אַ פּויער, ווי אַלע פּויערים. געפּלאָדיעט קינדער, גע־האָדעוועט חזירים, אין לאַנגע ווינטער־אָוונטן צונויפגעקלאַפּט אַ פּאָר שטיוול — געלעבט גליקלעך...

— ניין, נישט אין גאַנצן גליקלעך. אַמאָל, אין די נעכט, פלעגט עפּעס אָנהייבן צו נאָגן אונטערן האַרצן. סוף־זומערנעכט האָט דער ניגון פון כל־נדרי געהילכט אין די אויערן, שופר־בלאָזן האָט געוועקט אין מיטן נאַכט. אַרום איז דאָך קיין ייִד נישטאָ אויף קיין רפואה. דאָס האָט דאָס בלוט גע־זונגען און שופר־געבלאָזן...

אין דאָרף האָט אים קיינער נישט געטשעפּעט. אַפילו די, וואָס האָבן געוווּסט וועגן זיין אָפּשטאַם, האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. מן־הסתם מורא געהאַט פאַר זיינע פעסטע ידים. די קינדער זענען געוואָקסן — געזונטע שקצים און שיקסעס, ווי אַלע אין דאָרף. בורילעס, ווי ער אַליין. ערגער זיך אַפילו געלערנט, ווי אַ סך אַנדערע פּויערישע קינדער. פערד און בהמות זענען זיי מער געלעגן אין קאָפּ, ווי ביכלעך. מאַ, געראָטן אין טאַטן...

אַזוי האָט זיך געצויגן ביז דער מלחמה מיטן דייטש. אים האָט מען שוין אויף דער מילחמה נישט גענומען — אַן אינוואַליד. דער עלטסטער זון איז אָבער אומגעקומען, ווער ווייס ווו. און אפשר פאַרפאַלן געוואָרן אַלס געפאַנגענער ביי די ווייסע בערן. אפשר אַוועק ערגעץ וויט אין דער וועלט אַריין און פאַרגעסן וועגן דער מישפּחה, ווי ער אַליין האָט אַמאָל געהאַט פאַרגעסן וועגן זיין טאַטן, ווער קאָן עס וויסן?

— פון די שטעט און שטעטלעך האָט מען געפירט טראַנספּאָרטן ייִדן. אַהין, צו די אויוונס. עפּעס האָט אין מיר אַ צאַפּל־געטון: אפשר מיין טאַטע, פעטער, מומע? אין די נעכט געוואָיעט ווי אַ הונט, געוואָלט מיטלויפן מיט זיי. מיין יאַגע פלעגט מיך איינגעמען: — „האַלט זיך, סטאַשעק, שלעפּ נישט אַרויף קיין אומגליק אויף אונדז". געוואָלט זיך האַלטן, דערשטיקט דאָס וואָיען. האָט מען נישט געלאָזט. ווען מע נעמט צו אַ גרויסן שטיין פון פעלד קריכן פון דאָרט אַרויס כמאַרעס ווערעם. אַזוי האָבן צו מיר אָנגעהויבן צו קריכן ווערעם פון שנאה. מיין ערד איז זיי געפעלן, מיינע בהמות. אַמאָל האָט מען מורא געהאַט צו טשעפּען, איצט איז עס געוואָרן אַ מצווה... פאַרקויפט מיין כודאָבע. פאַר אַ פערטל ווערט פאַרקויפט. פאַרפאַקט די בעבעכעס און אַוועק מיט ווייב און קינדער קיין וואַרשע. ס'האָבן נאָך געריוכערט די לעצטע פייערן פון געטאָ. פון די קאַנאַלן, פון אונטער דער ערד, ווי די שטשורעס, האָט מען געשלעפּט די לעצטע ייִדן. האָב איך זיך ווידער דערשראָקן, טיף זיך איינגעגראָבן אין אַ סוטערינע אויף פּראַגע, זיך איינגעקויפט אַ שוסטער־וואַרשטאַטל, ווי נישט מיך מיינט מען. אַלע האָבן זיך געוואָרפן צום האַנדל. איך האָב דערצו קיין סמיקאַלקע נישט געהאַט. אפשר טאַקע מורא געהאַט אויך, אַז דאָס קאָן מיך פאַרשיטן. געוואָרן אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק. יאַקאָש דורכגעשטופּט די פאָר יאָר. איבערגעלעבט די מילחמה. ערגער געוואָרן די פרנסה ביים לאַטען, געוואָרן אַ שטיוולפוצער. צוזאַמען

קראַצט זיך צונויף אויפן שטיקל ברויט. אויף אַ פּערטעלע שנאַפּס אויך. וואָס דאַרף מען מער?

***

ק. האָט איבערגעריסן.

— בכן איז וואָס? פּוצט ער שטיוול, טרינקט ער בראָנפן. מה רעש?

— דו גלייבסט שוין בכלל נישט אין דער נשמה פון אַ מענטשן? — האָט זיך ק. געקאָכט — ס׳איז נאָך נישט דער סוף. איצט קומט ערשט דער עיקר. פון די מיסטישע תהומות פון זיין האָט ווידער אַרויסגעטויכט דער ייִד. אָ, ווען דו פאַרשטייסט זיך אַ ביסל אויף פּסיכאָאַנאַליזע...

כ׳האָב זיך רעכט דערשראָקן. אַז ק. נעמט זיך צו פּסיכאָאַנאַליזע, לאָזט ער שוין פרוידן נישט רוען אין קבר. מיסטיציזם איז זיין צווייטער שווערער כלי־זין. „הייבט ער מיך אָן צו אַטאַקירן פון אַזעלכע צוויי האַרמאַטן, בין איך אַ — פאַרמישפּטער” — האָב איך זיך געטראַכט.

אָבער דער גורל האָט מיך געשוינט. ק. איז צוריק אַריבער צום ווידוי פונעם שטיוולפּוצער.

גרויסע שינוים זענען פאָרגעקומען אין זיין לעבן אין די נאָכמילחמה־יאָרן. אַלע קינדער האָבן חתונה־געהאַט, לעבן זיך דאָס נאָרמאַלע שווער־לעכע לעבן פון אַרבעטער. דעם צווייטן זון גייט עס בעסער ווי אַנדערע — ער איז אַ שאָפער און כאַפּט אַ זייטיק פאַרדינסטל. צום בעסטן גייט עס אָבער דער עלטסטער טאָכטער. אַ שיינע, געזונטע מויד. באַלד נאָך דער מילחמה חתונה־געהאַט מיט אַ פּראַגער פליסאַקישן זון. אַ זשוואַווער בחור. נישט קיין נאַר, אַ ביסל אַ באַלעזענער. געוועזן אַ מויערער, איצט — אַ מייסטער ביי גרויסע בויונגען. געהערט צו דער פּאַרטיי, שיכורט וויניק, פון די, וואָס עס כאַפּט זיי נאָר אָן פון צייט־צו־צייט און דערנאָך באַרויִקן זיי זיך אויף וואָכנלאַנג. לעבט זיך דער טאָכטער גוט, אַפילו זייער גוט. פאַראַיאָרן געקריגן אַ שיינע דירה אין די נייע בלאָקן אויף מוראַנאָוו.

— איר ווייסט ווו ס׳איז דער געטאָ־דענקמאָל? כמעט דערלעבן. נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ ס׳איז אַמאָל געווען דער „מאָמענט”, ווו מיין טאַטע האָט געאַרבעט. אפשר טאַקע אויף דעם זעלבן אָרט. ווער קאָן עס היינט דערקענען? ווי אַ פריש דורכגעאַקערטע רויערד...

די טאָכטער האָט צוויי ווילע קינדערלעך — אַ ליכטיק שייגעצל מיט אַ שיקסל — די באַליבטסטע אייניקלעך ביי באָבע־זיידע. אַ דירה געקריגן — אַ מלכות. דריי צימערן, מיט אַלע ווילע זאַכן. האָט מען די אַלטע טאַטע־מאַמע גענומען צו זיך. זאָלן זיי וויסן פון אַן עלטער!

— טאַקע אויפגעלעבט. און ס׳איז דאָך אַ װוּנדער געשען: נאָך אַזעלכע שחיטות זענען אין וואַרשע ווידער דאָ ייִדן! איך האָב זיי באַלד דערקענט: ביי מיר אין בלאָק צוויי מישפחות. אין שכינותדיקע בלאָקן נאָך מער. אפשר טאַקע אַ חוזק; אויף די וואַרשעווער נאַלעווקעס ציילן ייִדן אויף די פינגער. אָבער זיי זענען דאָך דאָ, זאָל זיין געציילטע. מע הערט אַמאָל זיך אַרויס־כאַפּן מיט אַ ייִדיש וואָרט אויף דער גאַס, שטילערהייט, פאַרשעמט, אָבער פאָרט אַ ייִדיש וואָרט. עס שטייט אַ ייִדישער דענקמאָל: אין שטיין אויסגע־האַקטע ייִדן מיט טליתים טראָגן אַ ספר־תורה. ייִדישע אותיות רעדן אַראָפּ פון שטיין. ייִדישע אותיות אויף אַפישן פון טעאַטער. ס׳האַרץ גיט אַ צאַפּל דערביי. שווער שוין איבערצולייענען, נאָר עס וואַרעמט די אויגן, ווי שטראַלן פון דער זון. מע קאָן זיך אַראָפּכאַפּן אויפן געגנשער בית־עולם אַ קוק־טון אויף איבערגעבליבענע ייִדישע מצבות...

נאָר אין גיכן ווערט עפּעס אַלץ קאַליע. אין שטוב הייבט מען פּלוצלינג אָן צו רעדן וועגן ייִדן. אין לאַנד רודערט זיך — דעמאָקראַטיזאַציע, נייע צייטן. דער איידעם קומט אַ צערודערטער פון זיינע פּאַרטייִשע פאַר־זאַמלונגען: ייִדישע רוצחים פון „אובע" האָבן אויסגעקוילעט די בעסטע זין פון פּוילישן פאָלק, שיער נישט געמולקען אַליין. ייִדן זענען מיניסטאָרן, ייִדן דירעקטאָרן. אומעטום ייִדן. אַזוי ווייניק זענען זיי דאָ און אַזוי פיל. צופיל אין די אויגן. זיי זענען שולדיק אין אַלע צרות. סטאַליניסטן. זיי האָבן אַוועקגעגעבן פּוילנס קוילן אומזיסט. זיי בויען פאַבריקן וואָס טויגן נישט. זיי דריקן דעם פּויער, באַגראָבן די לאַנדווירטשאַפט, פאַרטאַכלעווען די פינאַנסן, דערשטיקן דעם מסחר, ברענגען־אום דעם האַנטווערקער. זיי הערשן אין דער פּאַרטיי, „אובע", מיליטער. אַלץ זיי. די טאָכטער קומט ווידער פון קאָאָפּעראַטיוו מיט אַנדערע טענות, אַנדערע צרות: די באָבע האָט דערציילט, יענע האָט געהערט... נישטאָ קיין פּוטער, ס׳פעלט אויס פליי‍ש — אַלץ די ייִדן! אַפילו ס׳ווייב הייבט שוין אָן צו מרוטשען. זי, וואָס ווייס דעם אמת וועגן אים, וואָס פאַרגעטערט אים אַזוי, פּליסטערט שטיל אין די־

נעבּט: — „קיין בעסערע מענער, ווי ייִדן, איז אויף דער וועלט נישטאָ“, אַפילו זי... אַז דער גלח אין טיפלע רעדט כסדר אַריין...

— ביי אונדז אין בלאָק וווינט אַ ייִד, קייליך הייסט ער. אַן אַרבעטער, אַ שלאָסער אין קאָאָפּעראַטיוו. אַ ווייב האָט ער זיך מיטגעבראַכט פון רוס־לאַנד אַן אמתע קאָזאַטשקע. צוויי קינדער, כשרע שקצימלעך, פון דער מאַמעס קאָפּיטע אַראָפּ. קום איך אַמאָל אין אָוונט אַהיים, אַ געוויין אויפן הויף: מיינע אייניקלעך שלאָגן קייליכס שקאָצימלעך. „פאַרוואָס שלאָגט איר זיי“? ענטפערט מען מיר: „זשידעס“. אַ זונטיק אין דער פרי שפּאַציר איך צום געטאָ־דענקמאָל. אַ מחנה קינדער באַוואַרפט אים מיט שטיינער, אָפּגע־האַקט אַפילו אותיות. מיינע אייניקלעך צווישן זיי. „וואָס טוט איר“?, שריי איך. „מע דאַרף באַגראָבן דעם ייִדישן פּגר“, ענטפערט מען מיר. מיינע אייניקלעך! איר פאַרשטייט? אייניקלעך פון אַ גערער חסיד!

— וואָס דאַרפט איר מער? קייליך האָט אַ הונט, אַ בולדאָג מיט ביינער. אַ פירקאַנטיקע ווילדע מאָרדע מיט אויסגעשטשירעטע ציין. אַלע קינדער, מיינע אייניקלעך אויך, רייצן אויף אים אָן אַ מחנה אַנדערע הינט, באַוואַרפן אים מיט שטיינער: „אַ ייִדישער הונט“! ס'ווערט מיר אַזש אַ רחמנות אויף דעם בולדאָג! טענה מיט מיין טאָכטער, האַלט זי זיך ביים אַלטן: „סטאַלי־ניסטן און ס'קומט זיי פאַר אַלע אונדזערע צרות“. טענה מיטן איידעם, האָט ער איצט אַ נייעם פּיזמון: „רעוויזיאָניסטן און דאָגמאַטיקער. אין רוסלאַנד האָט מען שוין מיט זיי געמאַכט אַ טאָלק, דאַרפן מיר אויך“. כאָטש שריי צו די ווענט, צום הימל, וואָיע צו דער לבנה... און ייִדן אַנטלויפן. האָט איר באַמערקט נייע גרויסע קאַסטנס ביי די טרעפּ פון וואַרשעווער הייזער? דאָס פּאַקן זיי זיך. שלעפּן צונויף דאָס ביסל אָרעמקייט און לאָזן זיך אין וועג אַריין. מע זאָגט: קיין ישראל, אין דער ייִדישער מדינה. צעבּרעכן זייע־רע היימען, שלעפּן מיט זייערע האַלבע שקצים און פאָרן. מיסתמא ווידער אויף פּלאָגעניש. אַ קליינינקייט בויען זיך אַ היים פון ס'ביי? מענטשן, קוים געראַטעוועטע פון דער שחיטה, גייען אויף הפקר. איך זע עס, פאַרשטיי עס. און... וויל מיטלויפן מיט זיי. איר פאַרשטייט: איבערלאָזן אַלץ — די באַבע, קינדער, אייניקלעך... כאָטש שטאַרבן צווישן ייִדן... ווי מיינט איר?

ק. איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט געוואַרט איך זאָל ענטפערן אויף דער פראַגע פון שטיוולפוצער.

די פרוי וואס זוכט זיך אַליין

— טראָגט אַרויס אויף דער גאַס! אין אַן אַפּטייק! אַ דאָקטאָר!

דער טומל אויפן הויף איז געווען אַזאַ אַז מע האָט קוים געהערט די איינצלנע ווערטער פון די אויסרופן.

אין אַ שמאָלן דורכגאַנג האָט זיך צונויפגעדרענגט אַ געזעמל נייגעריקע מענטשן. דער איבעריקער עולם פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָט אָנגעפילט דעם קליינעם הויף פון ישראל־קאָנסולאַט אין וואַרשע, האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלייגט. כמעט אַלע האָבן זיך געריסן צו די טירן און פענצטער פון די פּראָוויזאָריש־אויפגעשטעלטע ביוראָ־צימערן — יעדער מיט זיין טענה. דער עיקר האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוויילן דאָס אַרויספאָרן. סיבות האָט מען אָנגעגעבן די פאַרשידנסטע, אָפט מאָל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַפילו נישט געלייגט אויפן שכל. נאָר נישט די באַלאַגערטע באַאַמטע פון קאָנסולאַט און נישט די בעלי־טענות האָבן סיי־ווי נישט גענומען ערנסט די אָנגעגעבענע אַרגומענטן און סיבות.

אַלע האָבן געוווסט אַז צווישן יידן איז ווידער אַנטשטאַנען אַ פּאַניק און דערפון נעמט זיך דער אומגעדולד. דאָ העלפט שוין נישט קיין שום באַרויקונג — די פּאַניק איז ווי אַן עפּידעמיע, וואָס שטעקט אָן איינעם נאָכן צווייטן, נישט אָנטרעפנדיק כמעט אויף פּסיכיש־ווידערשטאַנדפעיקע. אַזוי פיל מאָל אָנגעלערנט, אַזוי פיל אָפּגעגאַרט, אַזוי פיל אָפּגעבריט, האָט זיך שוין יעדער ייד אויסגעלערנט צו בלאָזן אויפן קאַלטן. ווער שמועסט, אַז געוויסע דערשיינונגען, וועלכע האָבן געקאָנט אַרויסרופן פּאַניק, זענען טאַקע געווען אמתע: דאָס פּלוצלינגדיקע אָפּשטעלן אַרויסצוגעבן די פּעסער, די שוועריקייטן ביים באַגאַזש־אָנגעבן און ביי דער צאָלקאָנטראָל. היינט — די עקשנותדיקע קלאַנגען וועגן נייע דעוויזן־גזירות, וועגן פאַרגרעסערן די אָפּצאָלן. דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם עולם אַזוי נערוועז און צודרייגלעך

— נישט הערן קיינעם און נישט רעכענען זיך מיט קיינעם, רייסן זיך אי־בער די קעפּ צו די פענצטערלעך, פון וועלכע מ׳האָט דערוואַרט די ישועה. פאַריאָכמעטע פּנימער האָבן געפלאַמט פון היץ און פון אויפרעגונג, גע־שלאָגן מיט פאַרע וואָס האָט נאָך געדיכטער געמאַכט די לופט.

צווישן דעם געזעמל מענטשן אין שמאָלן דורכגאַנג האָט עמעצער אויף אַן אמת געחלשט. אָנגעשפּאַרט אויף די הענט פון די אַרומיקע איז מאַכטלאָז געהאָנגען אַ יונגער פרויענקערפּער. דער בלאָנדער קאָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגן איז געווען פאַרוואָרפן אין אַ זייט, פון צעשפּילעטן בוזעם האָט אַרויסגעשיינט דאָס גאָלד פון אַ קליין, ברייט צלמל.

— אויף דער גאַס! דאָ קאָן מען דאָך דערשטיקט ווערן!

עטלעכע האָבן זי אָנגעהויבן שלעפּן פון דורכגאַנג, זי איז אַ ביסל צו זיך געקומען. העלבלאָע אויגן האָבן — לכתחילה פאַרנעפּלט, דערנאָך מיט אַ קינדערשער אָפנקייט — זיך אַרומגעקוקט, נישט־פאַרשטייענדיק וואָס קומט דאָ פאָר.

— וואָס איז געשען? — האָט זי שטיל געפרעגט אויף פּויליש.

— איר זענט פאַרשוואַכט געוואָרן... ס׳איז אייך נישט גוט געוואָרן... געחלשט... — די אַרומיקע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב יעדער איינער אַריינצוּוואַרפן אַ וואָרט.

געווען אויך אַזעלכע, וועמען ס׳האָט גאָר אָנגעהויבן צו פאַרדריסן: צו וואָס האָט זי זיך בכלל באַדאַרפט שטופּן צווישן ייִדן? וויִיניק אייגענע צרות, דאַרף מען נאָך אַ גויע אויפן קאָפּ... אַ בחור — דער לץ האָט אים ממש אַרויסגעקוקט פון די אויגן — האָט אַריינגעוואָרפן אַ באַמערקונג אויף ייִדיש:

— מיסתמא זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ ייִדישן בחור וואָס וויל זי איצט לאָזן שוויצן.

די פרוי איז דערוויַיל אין גאַנצן צו זיך געקומען, דיסקרעט זיך אָנ־געהויבן צו פאַרריכטן די בלוזקע, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט צוליבן צלמל וואָס האָט אַרויסגעפינקלט פון איר בוזעם.

— דאָ איז דער קאָנסולאַט, אמת? ווי גייט מען אַריין צום קאָנסול?

דער לץ האָט זיך ווידער אָנגערופן צו זיין שכן:

— נישט אַנדערש, נאָר אויף איר וואַרט ער!

אָפּטריבניקע

אַ באַיאָרטער מאַן האָט אים צוגעוואָרפן אַ שטרענגן בליק און גע־ענטפערט דער פרוי:

— היינט וועט עס אייך זיכער נישט געלונגען. איר זעט וואָס דאָ טוט זיך.

— כ'בין אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן... איך מוז היינט צוריקפאָרן... בלויז אַריינגעבן אַ ביטע... בעטן אַן אינפאָרמאַציע... העלפט מיר! אַלע איילן זיך אַזוי... איך קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן.

— יידן איילן זיך! — ווידער דער לץ, דאָס מאָל אויף פּויליש — איך קאָנט דאָך וואַרטן.

— איך בין אויך אַ יידישע...

מיילער האָבן זיך געעפנט, אויגן זענען אויפגעריסן געוואָרן פון חידוש. אַפילו דער לץ האָט פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט אַ טראַכט־געטון, אַז זי איז אַ גרעסערע חוזק־מאַכערין פון אים.

די פרוי האָט דערפילט, אַז קיינער גלייבט איר נישט. זי האָט אַ קנייטש־געטון מיט די פינגער דאָס קעלנערל פון דער בלוזקע, ווי דאָס באַהאַלטענע צלמל וואָלט געוועזן די סיבה פונעם אומגלויבן. פון די אַרו־מיקע האָט זי זיך אויסגעוויילט דעם באַיאָרטן מאַן, וואָס האָט איר פריער געענטפערט, אַרויסגעצויגן פון בייטל אַ בויגן געדיכט באַשריבן פּאַפּיר.

— לייענט!

דער מאַן האָט זיך פאַרלוירן, געהאַלטן דאָס פּאַפּיר אין האַנט און געקוקט אויף די אַרומיקע, זוכנדיק אַן עצה.

— לייענט, אַז מע בעט אייך. וואָס ריזיקירט איר דאָ? — האָט מען אים צוגערעדט.

ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוקט פון געזעמל, אַרויסגעצויגן די ברילן און פאַר זיך אָנגעהויבן צו לייענען דאָס פּאַפּיר.

**
*

„צום יידישן קאָנסולאַט אין וואַרשע. בקשה. איך, לעאָקאַדיאַ וולאָ־סאָווסקאַ, לויט די דאָקומענטן אַ פּויליש־קאַטוילישע, פון אָפּשטאַמונג — אַ יידישע, בעט אייך זייער איבערצולייענען אויפמערקזאַם מיין בקשה און

עצהן מיר וואָס איך האָב צו טון. איך שרייב איך טרוקענע פאַקטן פון מיין לעבן און איך האָף, אַז פון די פאַקטן וועט איר קאָנען אַרויסדרינגען דעם אמת און דערמעגלעכן מיר צוריקצוגעפינען זיך אַליין.

געבוירן געוואָרן בין איך אין יאָר 1938. ווי און ביי וועמען וויים איך נישט געפּוי. איך געדענק נאָר, ווי דורך אַ נעפּל, מיין מאַמע, וואָס האָט מיך — אַ קליין קינד — געבראַכט אין דאָרף אַריין צו פרוי זאָפיאַ וואָ־סאָווסקאָ וואָס האָט פון דאַן אָן געזאָלט זיין מיין מאַמע.

„זאָפיאַ וואָלאַסאָווסקאָ איז געווען די ווירטין ביים גלח, מיט וועמען זי האָט שוין דאַן געהאַט אַ זון — מיט אַ דריי יאָר עלטער פון מיר. פּאַרוואָס איך שרייב, אַז ער איז דעם גלחס זון — כאָטש פּאַר די אַרומיקע הייסט די פרוי זאָפּיאַ דעם גלחס שוועסטער, אַן אַלמנה, וועמענס מאַן ס׳איז אומ־געקומען אויף דער מילחמה — וועט שפּעטער קלאָר ווערן. ביזן סוף פון דער מילחמה האָבן מיר געוווינט אין אַ דאָרף אין דער געגנט פון טאַרנאָוו, באַלד נאָך דער מילחמה זענען מיר אַריבער קיין קאַטאָוויץ, ווו מיין אָפּיעקון האָט באַקומען אַ פּאַראַפיע. כ׳בין דערצויגן געוואָרן אַלס טאָכטער פון פרוי וואָלאַסאָווסקאָ און כ׳מוז מודה־זיין אַז זי האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן מיר און איר זון. ס׳האָט מיר גאָרנישט געפעלט. כ׳האָב זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן אויף שלעכטער באַהאַנדלונג. אין קאַטאָוויץ האָט מען מיך געשיקט לערנען — אויסער אין דער נאָרמאַלער שול — אויך אין אַ מוזיקשול, פּיאַנאָ שפּילן. אין דער מוזיק איז מיר זייער גוט געגאַנגען, כ׳האָב באַקומען אויסצייכענונגען און אין שטוב איז מען געווען צופרידן פון מיינע דערפּאָלגן. איין מאָל, נאָך מיינעם אַן אַרויסטריט אויף אַן עפנט־לעכן אָוונט פון דער שול, האָב איך — צוריקקומענדיק אַהיים — געהערט, ווי דער גלח זאָגט צו מיין דערציערין (וועלכע איך האָב, פאַרשטייט זיך, גערופן „מאַמע”):

— באַגאַבט, די בעסטיע, אין גאַנצן געראָטן אין איר מאַמען. ווען זי האָט געשפּילט איז זי געווען אַ קאָפּיע פון דער דאָקטאָראָווע שערמאַן...

„איך האָב געהערט אַן אויפגערעגט שעפּטשען פון דער פרוי וואָלאַ־סאָווסקאָ און גלייך האָבן זיי אָנגעהויבן צו רעדן הויך וועגן עפּעס אַנדערש. מיך אָבער האָבן די ווערטער נישט געלאָזט רוען. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך צוגעשטאַנען צו דער „מוטער” זי זאָל מיר אויפקלערן דעם באַ־

טייט פון די ווערטער. זי האָט מיר פאַרוועדט וועגן דעם צו רעדן און צו געדענקען. דאָס איז געווען אין יאָר 1954 ווען כ׳האָב געענדיקט זעכצן יאָר.

„אַ פּאָר חדשים האָבן מיך די ווערטער געמאַטערט. זיי האָבן כסדר אַרויסגערופן אין געדעכעניש דאָס פאַרנעפּלטע בילד פון מיין אמתער מאַ־מען און עפּעס אַ מאָדנעם ציטער. באַזונדערס האָט זיך עס פאַרשטאַרקט נאָך אַ פאַרזאַמלונג אין דער מוזיקשול, ווען מ׳האָט קריטיקירט די אויפ־פירונג פון אייניקע שילער און דער עיקר — איינעם פון פידלקלאַס, שער־מאַן, מיין בעסטע חברטע, האַלינאַ ס., האָט מיר דאַן איינגערוימט:

— כ׳האָב פיינט דעם ייִדן!

„שערמאַן — אַ ייִד. דאָס איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן. ס׳האָבן מיך מיט אַמאָל פאַראינטערעסירט ייִדן, כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צוהערן, וואָס מע רעדט וועגן זיי, ווייל דער נאָמען שערמאַן האָט מיר דערמאָנט מיין אמתע מאַמע, וועלכע דער גלח האָט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אָנגערופן מיט דעם נאָמען. געערדט האָט מען אַזוי פיל שלעכטס וועגן ייִדן — איך דאַרף אייך, מיין איך, נישט איבערחזרן וואָס, ווייל איר האָט עס זיכער נישט איין מאָל אַליין געהערט — אַז איך האָב זיך דערשראָקן: אויב איך בין אויך פון ייִדישער אָפּשטאַמונג...

„איך האָב אָנגעהויבן צו ליידן אויף שלאָפלאָזיקייט און באַשלאָסן זיך מתוודה צו זיין פאַר מיין אַפּיעקון. מיין ווידוי האָט ער שרעקלעך אויסגעע־נוצט. וועגן ייִדישקייט האָט ער נישט געערדט מיט מיר אָפן — געמאַכט אַנטייטונגען און באַלד זיי פאַרווישט — דאַקעגן האָט ער מיך זייער פיל אויסגעפרעגט, צי די שלאָפלאָזע נעכט האָבן נישט קיין שייכות מיט עראָ־טישע חלומות און גלוסטונגען. דערביי מיך אָנגעהויבן צו גלעטן אַנדערש ווי ביז־איצט. איך האָב פלוצלינג דערפילט אין אים אַ מאַן. כ׳בין אַנטלאָפן פון קאָנפעסיאָנאַל. ער אָבער האָט מיך איצט כסדר אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. געערדט מיט גוטן און מיט בייזן, געדראָט, אַז ער וועט מיך אַרויסוואַרפן, אָנגערופן מיך „פאַרביסענע קריסטוס־מערדערין״.

„נאָך אַ פּאָר חדשים מיך פאַרפאָלגן האָט ער זיינס אויסגעפירט. ער האָט מיך באַצוווּנגען — כ׳בין געוואָרן זיין געליבטע. כ׳האָב זיך מער נישט אַנטקעגנגעשטעלט זיינע ווילדסטע פאַרלאַנגען, געוואָרן זיין געהאָרכזאַמ־סטער שקלאַף. דאַן איז ערשט אויסגעבראָכן אַ שריפה אין שטוב. מיין

„מוטער" איז דערגאַנגען וואָס עס קומט פאַר. זי האָט אים געמאַכט וויסטע איפּערזוכט־סקאַנדאַלן, מיך געשלאָגן און געזידלט. אָנגערייצט מיך „ברו־דער" ער זאָל מיך ווערן באַהערשן, דערציילנדיק אים דעם אמת וועגן מײַן אָפּשטאַם. ווען איך האָב אים אָפּגעשטויסן, רעדנדיק צום געוויסן פון אַ ברודער, האָט ער זיך אויסגעלאַכט און אָפן מיר דערציילט: אַז איך בין אַ טאָכטער פון ייִדישן דאָקטאָר שערמאַן פון טאַרנאָוו. אַז מײַנע עלטערן האָבן אָפּגעגעבן אַ פאַרמעגן דעם גלח, ער זאָל ראַטעווען מײַן לעבן. אַז איך נעם צו בײַ זײַן מוטער איר מאַן...

„פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן האָב איך נישט געהאַט, אויסוויינען מײַן האַרץ האָב איך אַפילו מורא געהאַט פאַר מײַנע נאָענטסטע חברטעס. איך בין זיכער געווען, אַז ווען זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן מײַן ייִדישקייט, וועלן זיי זיך אָפּקערן פון מיר.

„יענע וואָך בין איך געווען בײַ מײַן בעסטער חברטע, האַלינאַ ס., וואָס האָט ערשט מיט אַ צײַט צוריק גערעדט דאָס ערגסטע וועגן ייִדן. כ'האָב דערזען בײַ זיי גרויסע קאַסטנס, זיי פּאַקן זיך אײַן וועג אַרײַן.

— וווהין? — פרעג איך.

— מיר פאָרן אין ייִדישן לאַנד. ווו אַלע ייִדן פאָרן.

— איר, ייִדן?

— יאָ! — האָט מיר שטאָלץ געענטפערט האַלינאַ, ווי זי וואָלט זיך געריכט, אַז איצט וועל איך איבעררײַסן מיט איר די פרײַנטשאַפט.

„איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט. דעם אמת וועגן זיך האָב איך איר מורא געהאַט צו דערציילן, געשעמט זיך — צוליב זיך און צוליב איר. כ'האָב נישט צו וועמען צו גיין, בײַ וועמען צו פרעגן, בײַ וועמען צו בעטן הילף. ווענד איך זיך צו אײַך, פאָרשטייער פון ייִדישן לאַנד, מיט דער ביטע (שרײַפּטלעך — ווײַל איך ווייס נישט, צי כ'וועל די גאַנצע געשיכטע פון מײַן לעבן קאָנען אַרויסברענגען פון מײַנע ליפּן): העלפט מיר! העלפט מיר צוריק צו געפינען מײַן פּנים, זיך אַליין. העלפט מיר אַלס אַ מענטש און אַלס ייִדישע טאָכטער".

**
*

אָפּטריגניקע

דער מאַן האָט אויסגעטון די ברילן, דורכגעווישט די אויגן און מיט ציטערדיקע פינגער צוריק דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר. נייגעריק האָבן די אַרו־מיקע געקוקט אויף אים. ער האָט שטיל אַ זאָג־געטון:

— מע דאַרף זי דורכלאָזן. אויסער דער ריי. אויסער יעדער ריי...

די העלע אויגן פון מיידל האָבן אַ שיין־געטון מיט גרענעצלאָזן צוטרוי און גלויבן.

אַ קינדישע פּראַגע

זי האָט געהאַט העלבלאָע אויגן. אַ פריילעכקייט האָט תמיד געלויכטן אין זיי, ווי אַ זונשטראַל וואָלט זיך געשפּילט און אַרומגעטאַנצט אין זיי.

היינט האָט זיך אין אירע אויגן באַוויזן אַ חידוש. זי האָט גאָרנישט פאַרדעכטיקט, פאַר גאָרנישט זיך נישט געשראָקן. זי האָט זיך נאָר געוווּנדערט: וואָס איז געשען?

אַלע חברטעס פון קלאַס האָבן זיך פאַרקליבן אין עק צימער, נישט פאַרנומען זייערע ערטער אויף די בענק. זי האָט זיך צו זיי דערנענטערט — אַלע האָבן זיך אָוועקגעדרייט פון איר. זיך אָוועקגעזעצט אויף איר שטענדיק אָרט — קיין איינע פון די חברטעס איז נישט צוגעגאַנגען צו איר. אַפילו האַלינאַ — שוין דאָס צווייטע יאָר איר באַנק-חברטע, די בעסטע חברטע — גייט נישט צו. רעדט נישט מיט איר! וואָס איז געשען?

עס דערהערט זיך דער גלאָק. די לערערין ווערט באַלד אַריין — די מיידלעך רירן זיך נישט. עפּעס אַ שפּיל? — ניין, קיין שפּיל קאָן נישט אויסגעטראַכט ווערן אָן איר. זי איז די נשמה פון אַלע שפּילן אין קלאַס. וואָס איז געשען?

בעת די פריערדיקע פּויזעס האָט זי אַפילו באַמערקט, אַז מיט יעדן מאָל מיידן זי אויס אַלץ מער מיידלעך. זי האָט עס נישט פאַרשטאַנען, נאָר געטראַכט: כ׳וועל זיך גאָרנישט מאַכן דערפון. נאַרישע קאַפּריזן — זאָלן זיי! אָבער איצט, בעת דער גרויסער פּויזע — ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט. וואָס איז געשען?

ענדלעך איז אַריינגעקומען די לערערין. אַלע מיידלעך זענען געבליבן צוזאַמענגעדרענגט אין עק קלאַס.

— וואָס איז געשען, מיידלעך? — פרעגט די לערערין.

— מיר ווילן נישט זיצן מיט וואַנדאַ. מיר ווילן זיך מיט איר נישט

לערנען אין איין קלאַס! — אַלע מיידלעך האָבן געענטפערט, ווי אַ כאָראַלע דעקלאַמאַציע.

— פאַרוואָס? — האָט די לערערין אויף אַן אמת נישט פאַרשטאַנען די סיבה.

— זי איז אַ ייִדישקע! — אַ כאָראַלער ענטפער פון די מיידלעך.

די לערערין האָט זיך פאַרלוירן. אַז וואַנדאַס עלטערן זענען ייִדישע, האָט זי געוווּסט. אומעטום האָט מען געמורמלט און לעצטנס אַפּילו הויך גערעדט וועגן דעם: „דער ייִד גאָרליצקי איז דער דירעקטאָר פון דער גרעסטער אונטערנעמונג... דריי טויזנט פּוילישע אַרבעטער זענען פאַרשקלאַפּט צום ייִד גאָרליצקי״! זי האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז גאָרליצקי איז אַן אַלטער, פאַרדינסטפולער קאָמוניסט, האָט הויכע מלוכהשע אויסצייכענונגען. מע רעכנט זיך מיט אים אין וואַרשע און דאָ, אין שטעטל, איז ער דער חשובסטער מענטש. שטענדיק אויבן־אָן אין אַלע פּרעזידיומס. אַלע האַלטן אים פאַרן קלוגסטן קאָפּ אין שטעטל — צי וועט ער זיך נישט נוקם זיין אָן איר פאַר אירע שילערינס? ווער קאָן וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען? די פּויזנער חתונה האָט אַלעמען איבערגעדרייט אין די קעפּ. מ׳האָט צעלאָזט די ציינגער. אָבער ווער ווייס צי מאָרגן וועט עפּעס אַ לאַפּע נישט אַ כאַפּ־טון ווידער ביי די פּיסקעס? אין שטעטל שטייען סאָוועטישע פּליערס — זיי קאָנען זיך אַ געם־טון...

זי האָט געפּרוּווט איינצונעמען אירע שילערינס מיט מילדקייט:

— מע קאָן נישט אַזוי, מיידלעך...

— אַ ייִדישקע! אַ ייִדישקע! — האָט איר דער כאָר איבערגעריסן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

וואַנדאַ איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע. אויפגעריסן אירע אויגן אויף דער לערערין. אַ וואָלקן האָט פאַרדעקט דעם לעצטן שפּור פון זונשטראַל אין די אויגן. אַ רגע איז זי געשטאַנען שווייגנדיק, געקנייטשט מיטביידע הענט דעם באַנד פון איר צעפּל וואָס האָט זיך אָן אַ פאַרוואָס איר פאַרוואָרפן פון פאָרנט.

— ייִדישקע! ייִדישקע! — דער כאָר איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער.

וואַנדאַ האָט געכאַפּט דעם אָפענעם טאָרניסטער — ביכער און העפטן זענען אַרויסגעפאַלן פון אים — און שנעל אַרויסגעלאָפן פון קלאַס.

די לערערין האָט איר נאָכגעקוקט, אַ זיפץ־געטון און רויק געזאָגט צו די קינדער:

— זעצט אייך, מיידלעך, מיר וועלן אָנהייבן די לעקציע.

II

אין דער היים האָט שוין וואַנדאַ נישט געוויינט. זי איז פון שול געלאָפן אין אַלטן פּאַרק, זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל צווישן געדיכטע ביימער, ווו ס'האָבן אַרומגעסווישטשעט סטייעס פייגעלעך. דאָרט האָט זי זיך אויס־געוויינט צו דער זעט. אַהיימגעקומען איז זי מיט פאַררויטלטע אויגן, אָן די זונשטראַלן וואָס האָבן תמיד אין זיי אַרומגעטאַנצט. דאָס האָט די מוטער תיכף באַמערקט:

— פילסט זיך שלעכט, וואַנדאַ?

זי האָט נישט געענטפערט. אַוועקגעוואָרפן דעם טאָרניסטער, אַנטלאָפן צו זיך אין זוניק־העלן צימער, אָן אָנגעפילטן מיט די פאַרשידנסטע שפּיל־צייג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, ווו ס'איז געשטאַנען די גרוי־סע, רעדעוודיקע לאַלקע, — דער פאָטער האָט זי פאַראַיאָרן געברענגט פון אַ דינסטרייזע אין פּראָג, — געקוקט אין די אומבאַוועגלעך־גלאַנציקע אויגן פון דער לאַלקע. שוואַרצע אויגן האָט זי געהאַט, עפּעס ווי דערשראָקענע, פרעגנדיקע: „אַ ידישקע, צי אַ ציגיינערין?" — האָט וואַנדאַ אַ טראַכט־געטון. זי האָט זיך איינגעקוקט אין די אויגן — נישט קיין פינטל געטון מיט קיין אויג, גראָד ווי די לאַלקע — און געשוויגן.

גאָרליצקי איז אָנגעקומען אין זיין דירעקטאָרישן אויטאָ, אָן אַלאַר־מירטער טעלעפאָניש דורך דער פרוי. ווי שטענדיק האָט ער קיין צייט נישט געהאַט — הונדערטער ענינים האָבן געוואַרט אויף אים — „די סעקרע־טאַרשע מוז מיד ווערן פון די טעלעפאָנען"... — ער האָט נאָר אַ קוק־געגעבן אויף דער טאָכטער, אַ טאַפּ־געטון ביים קעפּל:

— מע דאַרף רופן דעם דאָקטאָר!

וואַנדאַ האָט דערוואַכט: זי וויל נישט קיין דאָקטאָר, זי וועט זיך נישט לאָזן אונטערזוכן, זאָלן זי די עלטערן לאָזן צורו!

— ס'איז מיט דיר עפּעס געשען אין שול?

איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע, די אויגן — אָנגעפּילט מיט טרערן:

— מ'האָט מיר געזאָגט... אַ שרעקלעך וואָרט...

לאַנג האָט זי עס נישט געוואָלט איבערחזרן. ענדלעך:

— ייִדישקע...

די עלטערן האָבן זיך אָנגעקוקט. גאָרליצקי האָט אַפּילו אין זיך אַ שמייכל־געטון: וויפל מאָל האָט ער אין אירע יאָרן און שפּעטער געהערט דאָס וואָרט אין דער פּוילישער גימנאַזיע... נישט שוין־זשע האָט ער זיך דאָן אַזוי איבערגענומען, ווי זיין טאָכטער?

פּרוי גאָרליצקאַ האָט געפּרוּווט איינגעמען וואַנדאַן: — „דאָס איז נישט קיין באַליידיקונג. ייִדן זענען אַזעלכע מענטשן ווי אַלע. נאַרישע קינדער האָבן זיך געמאַכט אַ שלעכטן וויץ". — זי וועט אַליין גיין אין שול, רעדן מיט דער לערערין. די קינדער וועלן זי איבערבעטן...

— בין איך טאַקע... אַ ייִדישקע?

גאָרליצקי האָט נישט אויסגעהאַלטן איר אויפגעריסענעם, דערשראָ־קענעם בליק. ווי אַ וויכער האָבן זיך אין זיין מוח דורכגעטראָגן די קנאַפּע פופציק יאָר פון זיין לעבן: די פאַרפּוילישטע היים, ווו טאַטע־מאַמע האָבן ציטנדיז צווישן זיך גערעדט ייִדיש, כדי די קינדער זאָל עפּעס נישט פאַרשטיין; גימנאַזיע, פּאָליטעכניק, רעוואָלוציאָנערע סטודענטן־גרופּע, תּפיסה; די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע, לאַגער אין מאַראָקאָ, דאָס צוריקקומען אַהיים, אין באַפרייטן פּוילן. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געטריבן פון זיך יעטוועדע פאַרבינדונג מיט ייִדישקייט, געוואָלט זיך אויסלייזן דערפון. אויף די חברים זיינע, וואָס זענען געווען צוגעבונדן צום ייִדישן שטאַם, האָט ער געקוקט, ווי אויף אָפּגעשטאַנענע — שיער נישט רעאַקציאָנערן. ער האָט זיך אויסגעחלומט אַ וועלט פון מענטשן, וואָס ווייסן נישט פון קיין ראַסן־און פעלקער־אונטערשידן — יאָרנלאַנג געגלייבט, אַז ער העלפט בויען די אויסגעחלומטע וועלט. אַלע לעבנס־ווילטיקן — די ווילע, דער אויטאָ, די מאַכט זיינע — זענען אים ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט אַפּילו קיין צייט

נישט געהאַט נהנה צו זיין פון זיי. די שלעכטע ווינטן, וואָס האָבן לעצטנס געבלאָזן אין לאַנד, זענען אים טאַקע פּיינלעך געווען — אָבער נישט צוליב אים פּערזענלעך. דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכן ס׳האָבן אָפּן אָנגעהויבן צו פּריידיקן אַפילו פּירער, האָט ער באַטראַכט פאַר אַ פאַלשן פּאָליטישן שריט — אַ פּשוטן אידעאָלאָגישן אָפּנייג — אָבער קיין מאָל זיך נישט געפילט פּערזענלעך געטראָפן פון אים. וואָס פאַר אַ שייכות קאָן עס דען האָבן צו אים, דעם געטרייעסטן? מיט אַמאָל — די שרעק אין די אויפגעריסענע אויגן פון זיין איינציק קינד! פאַר איר האָט ער — פון איר געבוירן אָן — געזען אַ וועלט אָן די שווערע פּראָבלעמען, אָן די קאָמפּלעקסן, מיט וועלכע ס׳איז געווען באַלאַסטיקט זיין דור. איצט האָט ער דערזען אין זיין קינדס אויגן — אַן אָפּגרונט.

— כ׳וועל מער אין שול נישט גיין... כ׳בין אַ ידישקע, אַ ידישקע...

— פון וואַנדאַס אויגן האָבן איצט שוין פריי געפלאָסן טרערן.

ער האָט אָפּגעווישט אירע טרערן און געשעפּטשעט:

וואַנדולאַ, טעכטערל מיינס, קינד מיינס...

שווער איז אים געווען עפּעס צו באַשליסן. ער האָט געפּרוווט זוכן הילף ביי זיין פרוי — זי האָט גאָר געשטאַרט פאַר זיך מיט פאַרנעפּלט־פאַרטרערטע אויגן. צי טראַכט זי נישט איצט וועגן איר נאָענטסטער מישפּחה אין אויסלאַנד, מיט וועלכער ער האָט זי געצוווּנגען איבערצורייסן יעט־ווערע פאַרבינדונג? אפשר דאַרף מען זיך דורכרעדן וועגן זאַכן וואָס זע־נען אים נאָך קיין מאָל אויפן רעיון נישט געקומען...

— מאַלגאָשאַ, ביטע זאָגן דעם שאָפער, אַז כ׳וועל היינט נישט צוריק־פאָרן אין פאַבריק, — האָט ער קלאַנגלאָז אַ רוף־געטון דאָס שטובמיידל.

די פרוי האָט אים אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט. זי האָט דערפילט אַז דעם קינדס פּיין האָט זיי ווידער דערנענטערט.

— מיר מוזן זיך דורכרעדן, האַנקאַ, ערנסט דורכרעדן.

— אין שול וועל איך מער נישט גיין! נישט גיין! — וואַנדאַ האָט זיך איינגעגנורעט אין פּאַטער.

— גוט, קינד מיינס, דו וועסט נישט גיין. מיר וועלן שוין עפּעס צו־טראַכטן.

דאָס מיידעלע האָט געקושט דעם פּאָטערס האַנט. אירע פאַרטרערטע

אויגן האָבן ווידער אַ שטראַל־געטון. זי האָט אָוועקגעקנײט פאַרן פאָטער, געקוקט אַרויף צו אים און באַלד שטיל, מילד־מאַנענדיק געפרעגט:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט איר מיר קיין מאָל נישט געזאָגט?

— וואָס?

— אַז... איך בין אַ ייִדישקע.

די עלטערן האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זיי האָבן זיך פאַרשעמט, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט ענטפערן אויף דער טאָכטערס פראַגע.

איצט האָבן זיי שוין אַליין נישט געוווּסט „פאַרוואָס?"...

מיט די כוואליעס...

רויִק האָט די שיף „טעאָדאָר הערצל" זיך געגליטשט איבער דער גלאַטער ים־פלאַך — אַרויס פון נעאַפּאָלער פּאָרט. דורך קנאַפּע צוויי טעג רייזע פון מאַרסייל קיין נעאַפּאָל האָבן זיך די פּאַסאַזשירן באַוויזן צו באַ־קענען — מיט זיך, מיט דער שיף און מיט דער מאַנשאַפט. דער רוב מנין פּאַסאַזשירן — טוריסטן, אָדער אַהיימפאָרנדיקע ישראל־בירגער. זיי האָבן אַנגעפילט אַלע זאַלן און קאַיוטעס מיט אַ פּילשפּראַכיקן טומל. די שיפּלייט האָבן זיך אָן עצה געגעבן מיט אַלע שפּראַכן, אַפילו אַזעלכע, וואָס ס'איז פאַר אַ פרעמדן שווער געווען אויפצוכאַפּן און אונטערשיידן באַזונדערע ווערטער. נאָר זינט דעם אַרויסשווימען פון נעאַפּאָל האָט מען אַלץ אָפטער אַנגעהויבן צו הערן די פּוילישע שפּראַך. זי האָט צייטנווייז אַפילו געקלונ־גען — אַ פאַרגרייזטע — פון די שיפהילכערס, ספּעציעלע ווענדונגען צו אַ גרויסע גרופּע פּאַסאַזשירן. אויף דער שיף זענען אין נעאַפּאָל איינגע־שטיגן אַן ערך הונדערט עולים פון פּוילן.

פון דער ווייטנס האָבן געבלינצלט ליכטפּליטערלעך אויפן נעאַפּאָלער באַרג און אין סאָרענטאָ. נייגעריקע האָבן געוואָלט אויפכאַפּן די קאָנ־טורן פון וועזווו, אויף וועלכן ס'האָט קוים געמיגעט אַ באַרג־אַרויף פון בלאָען ליכט, אונטער וועלכן ס'האָט שלווהדיק גערוט דער ווולקאַן.

— זעסט, דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צום סאַמע קראַטער! — האָט אַ בחור פון אַ יאָר פופצן איינגערעדט אויף פּויליש זיין נאָך יונגערער, פאַר־חלומטער פּאַרטנערין.

זי איז געווען שרעקלעך אַנטוישט: דער וועזווו איז אַזאַ רויִקער, קיי־לעכדיקער באַרג... געוואָלט האָט זי זען אָפּענע איינגעווייד פון דער ערד וואָס שפּייען מיט אַ גיהנומדיקן פייער און פאַרברענען אַלץ אַרום זיך.

אין משך פון דער וואָך זינט זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון פּוילן איז דאָס

מיידל בכלל געוואָרן אַן אַפּיקורסטע. די גרויסע וועלט, וועגן וועלכער זי האָט געחלומט אין דער נידערשלעזישער שטאָט, האָט זי זיך אין גאַנצן אַנדערש פֿאָרגעשטעלט. אַלץ וואָס זי זעט איז אַנדערש ווי זי האָט געמיינט. געחלומט האָט זי וועגן לעגענדאַרן איטאַליע, וועגן דורותדיקער עשירות און פּראַכט; דערזען האָט זי אַ דלות פֿון שמוציקן פֿינצטערן האָטעל אין אַ שמאָל געסל אין נעאַפּאָל. אַזוי שמאָל, אַז מע וואָלט זיך ממש געקאָנט דערלאַנגען די הענט פֿון פֿענצטער פֿון איין הויז צו אַ פֿענצטער פֿון דער אַקעגנאיבער־דיקער זייט פֿון גאַס. עס האָט נאָר געשטערט די אומעטום־פֿונאַנדערגע־האָנגענע וועש — פֿון אַלע פֿענצטערס און ווינקעלעך — וועלכע האָט פֿאַר־שטעלט מיט אירע צויטן אַפֿילו די בלאָקייט פֿונעם שטיקל הימל, וואָס פּלעגט זיך דורכגנבענען אין דער שמאָלקייט פֿון גאַסן. קינדער, האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע, שפּילן זיך אין קויט אין דער ענגשאַפֿט פֿון די גאַסן, שלאָגן זיך אַרום און לאַרעמען אין זייער זינגענדיקן לשון, פֿון וועלכן זי קאָן קיין וואָרט נישט פֿאַרשטיין. אַזוי זעט עס אויס די גרויסע וועלט? אַזוי זעט אויס אַ ווולקאַן? טאָ ווי־זשע וועט אויסזען איר נייע היים...

אומרו און פֿאַרלוירנקייט האָט געהערשט אויך ביי אַ סך עלטערע עולים. זיי האָבן זיך פֿונאַנדערגעפּאַקט אין די קאַיוטעס, באַוויזן דורכצו־ווערטלען זיך מיט שכנים, מיט אַ שיפֿבאַדינער און מיט פֿאַרשטייער פֿון דער סוכנות. אָנגעזעטיקט זיך מיט באַוואונדערן דעם לוקסוס און שיינקייט פֿון דער שיף: — „אַ ייִדישע שיף, בלאָע ייִדישע שטערנס, ווי וווּנדערבאַר, האַ״? — איצט זענען זיי געשטאַנען אויפֿן דעק, איינגעקוקט זיך אין די רויִקע כוואַליעס און געזוכט אין זיי אַן ענטפֿער — וואָס וועט זיין און ווי וועט זיין ווייטער...

איין פֿרוי איז נאָר געזעסן אין ווינקל פֿון איר קאַיוטע — אַן איינזאַמע און פֿאַרשלאָסענע אין זיך. נישט צוגעהערט זיך צום גלאָק וואָס האָט גע־רופֿן צום אָונטברויט, צו קיינעם נישט גערעדט, מיט קיינעם זיך נישט געוווּרטלט. אויף דער וואָרענונג, אַז זי וועט פֿאַרשפּעטיקן דעם אָונט־ברויט, האָט זי נאָר לסוף געענטפֿערט אויף פּויליש:

— אַ דאַנק, כ׳בין נישט הונגעריק.

צוויי טעג איז אויף דער שיף געווען פֿאַרצייכנט דער נאָמען באַרבאַראַ קאָזלאָווסקאַ — און קיינער האָט זי נישט געזען און נישט געהערט. ערשט

ווען די סטיוואַרדעסע האָט איילִיק פאַרמאַכט די פענצטער פון די קאַיוטעס — ס׳האָט זיך געגרייט אַ שטורעם ביי די ברעגן פון קרעטע — איז די פרוי אַרויס אויפן דעק.

דער ים האָט זיך בייז צעשטורעמט. מיט בלייזקער טונקלקייט האָבן זיך די כוואַליעס געריסן איינע אויף דער אַנדערער, געוואָרפן און גע־טרייסלט מיט דער שיף. דאָס וואַסער האָט שוין אָנגעהויבן צו באַשפּייען מיט שוים די אונטערשטע דעקן. פּאַסאַזשירן זענען צוביסלעך אַנטלאָפן אין די קאַיוטעס — ווער ס׳האָט זיך נאָך באַמיט צו גיין מיט גלייכע טריט, ווער ס׳איז געלאָפן איינגעבראָכן, זיך אָנהאַלטנדיק ביי די ווענט. דער שיפדאָקטאָר האָט געאיילט פון שטאָק צו שטאָק, סטיואַרדן האָבן געטיילט די ערשטע הילף — באַרבאַראַ קאָזלאָווסקאַ איז אַליין געשטאַנען אויפן דעק מיט צע־שויבערטע בלאָנדע האָר און אַ פלאַטערנדיקן ווייסן שאַל. זי איז פאַרקוקט געווען אין געברויז פון וואַסער, זיך איינגעהערט אין געברום פון די כוואַליעס.

אַ זיגזאַגיקער בליץ האָט זיך ווי אַ ווילדער אַראָפּגעלאָזט פון הימל און זיך איינגעשטאָכן אין אַ הויכן באַרג פון וואַסער. פאַר אירע אויגן האָט אויפ־געטויכט דאָס בילד פון אַ בייזן אַכזור, וואָס היט אייפעריק די גרענעצן פון זיין מלוכה. זי האָט אים דערקענט — פּאָסיידאָן פון דער גריכישער מיטאָ־לאָגיע! אַזוי האָט זי זיך אים פאַרגעשטעלט אויף דער שולבאַנק אין פענסיע...

... די פענסיע מיט אירע חברטעס... — „זאָל באַשיאַ קילבערג ענט־פערן, ווער ס׳איז דער גאָט פון ים״ — הערט זי פון די כוואַליעס די שטרענ־גע שטים פון אַ לערערין. באַשיאַ האָט געענטפערט גלייך. שטענדיק אויס־געצייכנט געענטפערט. אויף אַ פינף. דאָס איז געווען איר זכות אין דער קריסטלעך־אַריסטאָקראַטישער פענסיע. דאָס — און איר טאַטנס עשירות.

דעם טאַטנס שטוב אויף דער לעשנאָ... די גלאַנציק־אויספראַטירטע פּאַדלאָגעס, די גרויסע, טונקעלע חדרים מיט שווערע מעבל. יעדעס שטיק מעבל האָט אויסגעזען, ווי אויסגעהאַמערט פון פעלדז — נישט צו רירן פון אָרט. אַ מאָנומענט פון יוסטער באַלעבאַטישקייט.

דער טאַטע... — אייגנטלעך — ווי האָט ער אויסגעזען? זי געדענקט זיין פאַרקעמטע בלאָנד־געלבלעכע באָרד און פאַרלייגטע פּיאות הינטער די אויערן. זי געדענקט דאָס סאַמעטענע קאַפּל איבערן הויכן שטערן און

די גאָלדענע רעמלעך פון די ברילן. אָבער זי האָט קיין מאָל נישט געזען דעם טאַטנס אויגן — און ווי קאָן מען פאַרגעדענקען אַ פּנים אָן אויגן? זי דערמאָנט זיך נישט דער טאַטע זאָל אַמאָל אַ קוק־טון אויף איר, זי דער־מאָנט זיך נישט ער זאָל אַמאָל האָבן גערעדט צו איר... אפשר צייטנווייז — אַ פּאָר יידישע ווערטער, וועלכע זי האָט נישט פאַרשטאַנען, נישט געוואָלט פאַרשטיין.

די ברידער... זיי געדענקט זי אויך ווייניק, זי האָט זייערע אויגן אויך נישט געזען. אַלע זענען זיי אַוועק אין טאַטנס דרכים, מיט אים געפאָרן קיין גער צום רבין, אויף זיין שטייגער זיך געלאָזט וואַקסן בערד און פאַרלייגטע פּיאות, אין זיינע מסחרים געווען אריינגעטון. אַלע בלאָנד־געלבלעכע און זי געדענקט זיי גאָר שוואַרצע. מן־הסתם — די שוואַרצע קאַפּאָטעס, קאַפּ־לעך, היטלען... זי דערמאָנט זיך נאָר זייערע חתונות — רעשיקע, טומלדיקע, מיט טריפנדיקע ליכט, אַ סך רויך און ווײַנענדיקע קאַפּעליעס. רעמבראַנדט־בילדער געזעענע דורך אַ וואַל. געפילט האָט זי זיך אַ פרעמדע מחותנתטע אויף די חתונות, ווייניק געקענט די ברידערס ווייבער, נישט געניאַנטשעט זייערע קינדער... אַלע זענען זיי אַוועק מיטן רויך — זי ווייס אַפילו נישט ווען און ווי אַזוי... אַ חוץ איינעם — זי האָט אים ווייניקער געקענט פאַר אַלע. די חרפה אויפן טאַטנס קאָפּ. אַראָפּ פון גלייכן וועג, אַנטלאָפן פון דער היים, אַוועק קיין פּאַלעסטינע טרוקענען זומפן. דרייסיק יאָר שוין — זי איז נאָך דאָן געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צען. זיין נאָמען האָט נישט גע־טאָרט דערמאָנט ווערן אין שטוב. נאָר די מאַמע פלעגט בגניבה אַריינוואַרפן צו איר אַ וואָרט: — דערהאַלטן אַ בריוו, באַקומען אַ גרוס. שאַ, שטיל, קיי־נער זאָל נישט וויסן...

צו אים, צו דעם ברודער, פאָרט זי איצט.

די מאַמע... דאַכט זיך דאָס איינציקע קלאָרע בילד, וואָס זי האָט פאַר זיך, פון די קינדער־ און יוגנטיאָרן. קלאָר און דאָך איינגעהילט אין אַ שלייער פון נעפּל... דאָס טונקעלע שייטל — אויסגעגלעט און אָפּגעהיט, ס'זאָל אויסזען ווי א מאָדערנע פריזור... די פּוילישע און פראַנצויזישע ראָ־מאַנסן אין איר געהיימען שופלאָד... נאָר זי, די טאָכטער, האָט געקאָנט צו זיי האָבן אַ צוטריט... די מאַמע, מיט די שטענדיק־פאַרטרערטע, פאַר־חלומטע אויגן, פאַרצויגענע מיט אַ מאָדנער גלאָזור, ווי אויף בילדער פון

פלעמישע מייסטערס. ווי אַ פרעמדע האָט זי געלעבט און געבאַלעבאַטעוועט אין איר הויז. אַ וואַרעמקייט האָט פון איר געשטראַלט, ווען זי פלעגט זיך אויפריכטיק אויסווייַנען ביים ליכטבענטשן — געזען האָט זי מן־הסתם אַן אומגליקלעכן העלד פון אַ גראָד־געלייענטן ראָמאַן... אירע געציילטע ייִדישע ווערטער — אַן ענטפער דעם טאַטן און די ברידער, די קאַרגע אָנווייזונגען דער ייִדישער קעכין... אויסרעדן פלעגט זי זיך נאָר — אויף פּויליש, פאַרבראָקט מיט פראַנצויזישע ווערטער — מיט איר, דער טאָכטער. אויסרעדן זיך וועגן נישט־געשטילטע בענקשאַפטן, וועגן עפּעס געזוכטס און נישט דערגרייכטס. וועגן אַ לעבן וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין יאָרן, אין קינדער־האָבן, אין עשירות אָן הנאה, אין נישט פאַרשטיין און נישט פאַרשטאַנען ווערן. אין איר ,אין דער טאָכטער, האָט זי געוואָלט איינפלאַנצן די אַלע בענקשאַפטן. זאָלן זיי אויפקומען אין איר און אויפבליִען... מאַמע, מיט רויך־אַוועקגעגאַנגענע מאַמע, איז דאָס דען געווען דער וועג, וועלכן דו האָסט געוואָלט, דער וועג — אַהין, אין דער פרעמד?

ווידער פאָסיידאָנס אַ בליק און געבראָוויז פון כוואַליעס... עס טויכט אויף דער קונסטסאַלאָן, די „זאַכענטע“ מיט אירע סקולפּטורן און בילדער, די „זשעמיאַנסקע“־קאַפע, מיט אירע קינסטלער און מילבן, וואָס דרייען זיך אַרום דעם ליכט פון קונסט. זי איז געווען פון די מילבן — דאָס פילט זי איצט בולט. קיין קינסטלערין נישט געווען, אויף קונסט זיך ווייניק פאַרשטאַנען, נאָר — געחלומט וועגן קונסט. פון דעם חלום איז אַרויסגעשווומען ער, יורעק — מיט די לאַנגע קאַשטאַנהאָר און סודותדיקן שמייכל. דער מענטש פון נישט־געשטילטע בענקשאַפטן און נישט־אויסגעקלאָרטע זוכענישן — כולו קונסט איז ער געווען. דעם פענדזל זעלטן גענומען אין האַנט אַריין, טעג און נעכט געפּיפקעט זיין פּייקע אין קאַפע און געצייכנט גרויסע קונסטווערק אויף קליינע פאַפּירענע סערוועטלעך פון קאַפעהויז. ווי אַזוי האָט זי דען געקאָנט נישט אַוועקגיין מיט אים, אַז געווען איז ער כולו גוטסקייט און שיינקייט, איינגעטונקען אין טוי פון די פּוילישע פעלדער, וועלכע זי האָט געמיינט, אַז זי האָט אַזוי ליב, דורכגעזאַפּט מיטן טשאַד פון דער פויערישער כאַטע, נאָך וועלכער זי האָט געבענקט אין דעם טאַטנס שווערגעמיטיקע חדרים... ניין, זי האָט זיך נישט געפילט ווי רחל פון ווייספּיאַנסקיס „חתונה“ — זי האָט זיך געפילט ווי אַ געזעצלעך קינד פון פּוילישן

דאָרף, אַ דאָרפֿיש קינד, וואָס איז צופֿעליק פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ ייִדיש־חסידישער שטוב...

אַ בליק נאָך אַ בליק, כוואַליעס דערהייבן זיך באַרגיק און פֿאַרשווינדן אין אָפּגרונט. פֿונעם אָפּגרונט טויכן אַרויס נייע בילדער — גרויליקע, תהומיקע. באַלאַגערונג פֿון וואַרשע — אַ מיליאָן מענטשן אין איין געסל אויף אויסצושמעלצן אין גיהנומדיקן פֿייער פֿון באָמבעס און שראַפּנעלן אין געשמעלץ: דעם טויט. „מע קאָן מער נישט אָטעמען אין באַזיגטן, חרובן, אויסגעשעטאָרבענעם וואַרשע" — איבערצייגט זי יורעק. אַוועק אין דאָרף אַריין, אין זיין געבוירנדאָרף. אַ פֿויערטע צווישן פֿויערטעס, כאָטש מע רופֿט זי „פּאַניושאַ". גליקלעך צווישן אירע בלומען, זאַנגען,ביימער, קי און חזירים. און יורעק איז גאָר געוואָרן אומגליקלעך. זיין דערטרונקען אין פּלעשל „בימבער" האָט אים פֿאַרטראָטן די קונסט, זי, די גאַנצע וועלט...

אַן אוימגעהייערע ליכטיקייט האָט אויפֿגעריסן דעם חלל און באַלד דערטרונקען געוואָרן אין אַ נאָך גרעסערער חשכות... די באַפֿרייונג, קראָקע — דער גייסטיקער צענטער פֿון פּוילן. יורעק ווערט דערהויבן — דאָס קינד פֿון פֿאָלק, די צוקונפֿט פֿון דער קונסט. איצט טרינקט ער שוין פֿאַר שימחה. אין דער שימחה — אַ שחיטה אויף ייִדן. אַ פּאָגראָם. פּאָ־גראָם! דאָס וואָרט האָט איר געקלונגען אין די אויערן פֿון דער ווייטסטער קינדהייט אָן. געוועזן ווי דער ווייקלאַנג וואָס האָט יאָרהונדערטער באַגלייט די שוואַר־צע עדה... לאַכט נישט, כוואַליעס, מיט אייער ווילדן חוזק! ס'האָט זי באמת דאַן געאַרט, ווײ־געטון, ביז האַרצקלעמעניש געפּייניקט. כאָטש זי אַליין איז נישט געוועזן באַדראָט — קיינעם וואָלט נישט איינגעפֿאַלן אַז זי איז אַ ייִדישע — דאָך האָט זי אויסגעוויינט אין לאַנגע, איינזאַמע נעכט איר צער אויפֿן ייִדישן גורל. ניין, זי איז פֿאַרט נישט אין גאַנצן אָפּגעפֿרעמדט! פֿון דער מישפּחה — קיין סימן נישט געבליבן. איצט שניידט מען נאָך שטיקער פֿון יענע רעשטלעך, צו וועלכע איר מישפּחה האָט געהערט... און יורעק טרינקט. קאָנען דען אירע טרערן אָפּשוואַכן דעם טעם פֿון אַלקאָהאָל?...

צוריק אין וואַרשע. אַלץ שטייט אויף פֿון טויט צום לעבן. פֿון חורבות קומען אויף נייע גאַסן, אַ נייע שטאָט, נייע מענטשן. איצט הייבט זי ערשט אָן צו פֿילן אַז דאָס אַלץ איז נישט אירס... ניין, זי איז נישט געוועזן קיין פֿאַרבלאָנדזשעטע אין דער ייִדישער שטוב — זי האָט פֿון דער שטוב פֿאַר־

בלאָנדזשעט אין פוילישן דאָרף אַריין. נישט זי זאָגט עס — עפּעס אין איר שרייט עס אַרויס. ווייל: פֿאַרוואָס טוט איר וויי, וואָס אין דעם נייעם לעבן קומט נישט צוריק אויף די שוואַרצע קאַפּאָטע, וואָס זי האָט אַמאָל כלומרשט געהאָסט?... זי פרייט זיך לפנים מיט יעדן ניי־אויפגעבויטן הויז אין וואַרשע און וויינט, ווען אויף די חורבות פון געטאָ וואַקסט אויס אַ נייע, פיל שענערע און ליכטיקערע שטאָט. ווי־זשע פאָרט זיך עס? ווייל זי זעט, ווי די שטאָט וואַקסט אויפן קבר פון אירע טאַטע־מאַמע, אויפן קבר פון דערוויי־טערטע־נאָענטע — אויפן קבר פון איר גרויסער מישפּחה... און יורעק — טרינקט. איצט פאַר צער. ס׳גייט אים ווידער באַרג־אַראָפּ. מע פאָדערט דעקונג פאַרן קרעדיט, וואָס מ׳האָט אים געגעבן און ער האָט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל פאַרטרונקען...

צי האָט ער זי בכלל ליב געהאַט? — ווער קאָן עס וויסן. איצט ווייס זי אַפילו נישט צי זי האָט אים ליב געהאַט. אויב ליבע איז: פילן אַן אומ־צערייסלעכע פאַרבינדונג מיט אַ צווייטן מענטשן, האָבן זיי זיך, ווייזט אויס, ביידע נישט ליב. ס׳איז אַוועק מיטן רויך פון די יאָרן, מיטן רויך פון די לעבנס־שריפות. זי האָט זיך דאָך אַנטשלאָסן — ווען ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט דער ברודער און געשיקט צו איר דעם רוף — אַוועקצוואַרפן יורעקן און פאָרן אינעם אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין צו אומבאַקאַנטע מענטשן. זי קאָן אַליין נישט אויפקלערן פאַרוואָס. געשטויסן האָט זי עפּעס — פון אינעווייניק... און יורעק ווידער האָט מיט אַ לייכט האַרץ זיך געזעגנט מיט איר, ביידע — ווי עס וואָלט זיי קיין מאָל גאָרנישט געבונדן.

פאַרוואָס פאָרט זי טאַקע? — ס׳האָט אַ שטראָם־געטון אַ כוואַליע פון מענטשן אַהין, אין אומבאַקאַנטן. זי האָט זיך פלוצלינג דערפילט ווי אַ טראָפּן פון דער כוואַליע. שווימט די כוואַליע — שווימט זי מיט. איבער־געלאָזט האָט זי אַ פרעמדקייט — דאָס איז זיכער. צי וועט זי דערשווימען צו אַן אייגענעם ברעג — ווער ווייס? איר אומבאַקאַנטער ברודער וואַרט אויף איר. אַ סך אומבאַקאַנטע ברידער... צי וועלן זיי נאָענט ווערן, די ווייטע?

אַלץ אײנס — אַ טראָפּן אין דער כוואַליע זעט זיך נישט. ס׳זעט זיך נישט אַן די כוואַליע אין ים. ווער ציילט דען די טראָפּנס? ווער ציילט דען די כוואַליעס? זיי שווימען, זיי ברויזן, קומען־אויף און פאַרגייען. בלייבן בלייבט בלויז דער ים...

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

★

וואָלף יאַסני שרײַבט וועגן רבקה קוויאַטקאָווסקאַס בוך „פון לאַגער צו לאַגער" („לעצטע נײַעס", תל־אביב, יאַנואַר 1954):

אין אונדזער ליטעראַטור פאַרנעמען פרויען אַן אַנגעזעען, אַ וואָגיק אָרט. מיר טרעפן זיי אויף אַלע שרײַבערישע „פּאָזיציעס": אין דער פרומער ליטעראַטור, אין זכרונות, היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען און לסוף אין דער נײַעסטער יידישער קינסטלערישער פּראָזע און אין פּאָעזיע. אין דער שיינער ליטעראַטור האָט די יידישע פרוי אַרײַנגעטראָגן אַן אייגנאַרטיקן טאָן, וואָס וויברירט מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט, שטילע באַהאַרצקייט און געצאַמטע לײַדנשאַפט.

האָט אַזאַ טאָן געקאָנט אויסקלינגען אין די געטאָדיקע עמק־הבכאס אין די גיהנום־ און טויטלאַגערן?

ווײַזט אויס, אַז נישט, וואָרן אויף דעם דאָזיקן טראַגישן אָפּשניט פון אונדזער געשיכטלעכן וועג פעלט כמעט דער פּאָעטיש־דיכטערישער טאָן פון דער יידישער פרוי, וואָס האָט געלעבט, אָדער איבערגעלעבט די געטאָס און לאַגערן.

אין דער אויסראָטונג־צײַט איז די יידישע פרוי געווען אויף אַלע פּאָזיציעס — זי האָט געליטן, פאַרפּײַניקט געוואָרן פּונקט ווי דער מאַנצביל, זי האָט געקעמפט אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, און אין די געטאָס פון ביאַליסטאָק, ווילנע, זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטיזאַנער־מלחמה, קעגן די דײַטשן, האָט געהאָט, וואָס צו באַזינגען און צו באַקלאָגן, דאָך האָט זי איר טאָן נישט אַרײַנגעטראָגן אין דער דיכטונג אין דער מאָס, ווי גרויס עס זענען געווען אירע לײַדן און פּײַן.

אונדזער נייעסטער מאַרטיראָלאָגיע־ליטעראַטור האָט די יידישע פרוי געגעבן אירע פּיינלעכע זכרונות, רעפּאָרטאַזשן, צווישן וועלכע עס פאַרנעמען אַן אַנגעזעען אָרט די שילדערונגען פון רחל אויערבאַך,

פּובליציסטישע אַרבעטן, — אָבער אין פּראָזע און פּאָעזיע פון דער עפּאָכע האָט די פרויען־שאַפונג באַקומען אַ קליינע אָפּשפּיגלונג.

מיר זענען באַקאַנט נאָר צוויי פרויען, ביידע פון לאָדזשער געטאָ, וואָס האָבן דיכטעריש פאַראייביקט

זייערע איבערלעבונגען — די פּראָזאַיקערין רבקה קוויאַטקאָווסקאַ און די פּאָעטין חנה ראָזענפּאַרב. רבקה קוויאַטקאָווסקאַ (וווינט אין ישראל) האָט פאַרעפנטלעכט איניקע געלונגענע דערציילונגען, וואָס שילדערן דאָס לעבן אין לאָדזשער געטאָ. און אין פאַרלאַג „צ״פ פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע״ איז דערשינען דער שרײַבערינס אַ בוך פון 300 זײַטן א״נ „פון לאַגער אין לאַגער״.

„פון לאַגער אין לאַגער״ איז דער לאַנגער פיינלעכער וועג, וואָס רבקה קוויאַטקאָווסקאַ איז אַליין דורכגעגאַנגען — פון לאָדזשער געטאָ דורך אָשוויענטשים און פאַרשידענע דייטשע פייניקונג־ און אויסראָטונג־לאַגערן; עס איז אַ בוך בעלעטריזירטע זכרונות, אין וועלכע עס טרעט נישט אַרויס די אייגנטלעכע פערזאָן, וואָס האָט אַלץ אַליין איבערגעלעבט, אָבער מיר פילן איר אָטעם, מיר הערן איר געבראָכענע, פיינלעכע שטים, וואָס דערציילט פון מענטשלעכע ייִדישע לעבנס, וואָס זענען צעטרעטן, צעפּערטלט געוואָרן און דאָך נישט אויפגעהערט צו לעבן, מיט אַלע פיבערן פון זייער נשמה, מיט ליבע און לײדנשאַפט, מיט האָפענונג און גלויבן.

אין דעם בוך איז נישט פאַראַן קיין סיפּור המעשה. עס איז שווער דאָ אויסצופלעכטן אַ פאַבולע, אויב מע וויל נישט אַריינפאַלן אין סענסאַציאָנעלן שונד, נישטאָ קיין באַזונדערע געשעענישן, וואָס זאָלן זיך קייטלען איינס מיט דעם צווייטן און בילדן דעם „לויף־פאַס״, אויף וועלכן עס טרעטן אַרויס די פסיכישע איבערלעבונגען פון יחיד. כמעט יעדער יחיד טרייבט דאָ זיין באַזונדערע עקזיסטענץ און טראַכט נאָר ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דאָס ביסל חיות אין זיך, ווי אַזוי אויסצומיידן דעם

טויט־קלאַפּ פון בעסטיאַליזירטן דייטש — דאָס „גיין אין אויוון אַריין", ווייל ערגעץ טיף אין דער נשמה טליעט אַ פונק פון האָפענונג — אפשר וועט מען פאָרט איבערלעבן.

אויף די קנאַפּע 300 זייטן פון דעם בוך ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון יחידים, וועמענס פּיין, ליידן און האָפענונגען זענען אַזוי ענלעך איינס צום צווייטן, ווי צוויי שאָטנס פון דער זעלבער געשטאַלט. עס איז דעריבער אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג פון רבקה קוויאַטקאָווסקאַ, וואָס זי האָט דאָך באַוויזן פון דעם גראָ־פּײַנלעכן יאָמערטאָל אויסצוטיילן די אינדיווידועלע איבערלעבונגען פון יעדן קרבן פון דייטשער אַכזריות.

עס איז שווער צו געפינען אַ קינסטלעריש ווערק, אַפילו אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זאָל האָבן צו טון מיט אַזאַ טעמאַטיק פון קאָלעקטיוון פּיין און אומקום. קוויאַטקאָווסקאַס „פון לאַגער אין לאַגער" דערמאָנט אין געוויסע הינזיכטן דאָס באַרימטע, קינסטלערישע ווערק פון אנרי באַרביס „אין פייער", וואָס האָט געשילדערט די ליידן פון די זעלנער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך דאָרט איז נישטאָ קיין הויפּטהעלד און עס איז נישט פאַראַן קיין סיפּור־המעשה. דער מחבר אַליין האָט זיין ווערק באַצייכנט ווי אַ טאָגבוך פון אַ מיליטערישער איינהייט (אַ ראָטע) אָבער די דאָזיקע מיליטערישע איינהייט האָט איין באַשטימטן ציל — קאַמף מיטן שונא, זי האָט אַ גענוי־אָנגעצייכנטן וועג, וואָס פירט צו דער פאָדערשטער קאַמף־ליניע. אין דער באַוועגונג פון דער ראָטע איז פאַראַן דינאַמיק, שטייגערונג פון געשעענישן, ביי וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דער פּרצוף פון יעדן באַזונדער. די געשעענישן פירן צו אַ געוויסן קולמינאַציע פּונקט. די דאָזיקע אַלע מאָמענטן האָבן באַרביסן געגעבן די מעגלעכקייט צו קאָנסטרויִרן אַ מייסטערווערק, אין וועלכן יעדעס בילד איז שלימותדיק, יעדער טיפּ בילדעט אַ פאַררונדיקטע געשטאַלט און אַלע בילדער און טיפּן שאַפן די קאָנסטרוקטיווע איינהייט פון קונסטווערק. רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — אויף איר פּײַנלעכן וואַנדערוועג פון לאַגער אין לאַגער — האָט נישט געהאַט אַזאַ „גינסטיקן מאַטעריאַל" אויף אויפצושטעלן אַ קינסטלעריש פּראָזע־ווערק פון אַזאַ פאַרנעם ווי באַרביסעס „פייער". עס זענען דעריבער אַרויסגעקומען נישט קיין שלימותדיקע בילדער, נאָר ברעקלעך פון צעבראָכענע לעבנס, נשמה־שפּליטערס פון מענטשן, פאַר וועלכע עס איז

אויסגעבראָכן אַ טיפער תהום צווישן זייער פאַרגאַנגען מענטשלעך לעבן און דאָס קעגנווערטיקע אויסגיין אין די יסורים־לאַגערן וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט. די דאָזיקע טיילן פון בילדער שאַפן אין זייער גאַנצקייט אַ רעאַל בילד פון דעם ייִד־מענטש, וועלכן די דייטשן האָבן פאַראורטיילט אויף אַ פּאַמעלעכדיקער יסורים־גסיסה.

וועגן די דייטשע טויטן־לאַגערס האָט מען שוין אַ סך געשריבן און מע וועט נאָך שרײַבן. מיט איר בוך האָט קוויאַטקאָווסקאַ אַרייַנגעטראָגן אין אונדזער נייעסטער מאַרטיראָלאָגיע־ליטעראַטור אַזאַ פּרק, וואָס עס קאָן געבן נאָר אַ פרוי, אַ שרייבערין, וועמען עס איז נאָענט די פּסיכיק פון דער פרוי. אויך אין דעם דאָזיקן עמק הבכא האָט די פרוי נישט אויפגעהערט צו לעבן מיט אירע געפילן, ליידנשאַפטן, ווילן צו געפעלן, בענקשאַפט נאָך ליבע און מוטערלעכער צאַרטקייט.

די לאָדזשער דאָקטערין, וואָס פאָרט אין טויטן־לאַגער, איז גרייט אַלץ צו טון, כדי צו ראַטעווען איר קינד. די שוואַנגערנדיקע סאָניע, וועלכע גייט דורך אַלע פּיינען אין דעם טויטן־לאַגער וויל אויפהאַלטן איר לעבן בלויז צוליב דעם קינד, וואָס זי טראָגט אונטערן האַרץ. סאָניע זאָגט:

„אויף מיינע אויגן האָבן זיי דעם ברודער דערשאָסן, די מאַמע איז אויף לינקס אַוועק אין אוישוויץ, די גאַנצע צייט געהאָרעוועט, געהונגערט, אַלץ פאַרלוירן... אָבער דאָס קינד קען איך נישט: דאָס איז אַזעלכעס, אַזעלכעס...". דאָס קינד, וועלכעס זי דערוואַרט וועקט ביי איר האָפענונג און גלויבן, אַז זי וועט נאָך צוריק ווערן אַ מענטש, דעם מאַן וועט זי אַהיימברענגען אַ מתנה זײַן קינד מיט וועלכן זי האָט פאַרשוואַנגערט נאָך איידער מען האָט זי אַרויסגעפירט פון געטאָ. דאָס קינד וועט זיין אַ ייִנגעלע — „מנחם, מנחם וועט ער הייסן — מנחם דער טרייסטער". ווי טיף מענטשלעך רירנדיק!

ווען דאָס קינד ווערט געבוירן און סאָניע איבערצייגט זיך, אַז די דייטשן וועלן עס ביי איר אָפּנעמען, דערשטיקט זי עס און גייט אַראָפּ פון זינען.

אויך די ליבע פון די פרויען אין די לאַגערן, אויפן ראַנד פון פּיינלעכן טויט איז דאָ מענטשלעך און גלייכצייטיק מאַקאַבריש, דערנידעריקנדיק און דערהויבנדיק, ליבע צוליב באַקומען בעסער עסן, ליבע פון ליידנשאַפטלעכן באַגער און צאַרטע ליבע מיט דער האָפענונג צוריק אויפצושטעלן אַ היים, אַ לעבן.

די דאָזיקע אַלע ליבעס ווערן געפירט פון די מיידלעך פון דער

„שרייב־שטובע״ (דאָס ביורא, וואָס האָט געפירט די קאַרטאָטעקע פון די לאַגער־אַרעסטאַנטן) דער אָביעקט פון זייער ליבע זענען די אָרדענערס פון די מענער־באַראַקן און די שטובן־עלטסטע.

פון דער ליטעראַטור וועגן די קאַצעטן באַקומען מיר שטענדיק דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט מיטגעהאָלפן די דייטשן פייניקן די אַרעסטירטע. אין קוויאַטקאָווסקאַס בוך זעען מיר די שטובן־מיידלעך אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. די שרייבערין באַציט זיך צו אַ סך פון זיי מיט סימפּאַטיע און מיט געפיל, אייניקע פון זיי ווערן אַרויסגעשטעלט ווי מענטשן, וואָס זענען גרייט אַנדערע צו העלפן, אָפּראַטעווען פון טויט. עס איז נישטאָ קיין גרונט אָנצונעמען, אַז קוויאַטקאָווסקאַ וועלכע האָט אַליין איבערגעלעבט די אַלע פיינען, האָט מיט אַ כוונה געוואָלט אידעאַליזירן די מיידלעך פון דער „שרייב־שטובע״, וויזט אויס, אַז דאָרט זענען געווען אויך אַזעלכע מיידלעך, ווי „רוט״ און „פרומקע״. אַפילו סדום האָט צדיקים.

דער פייניקונג־וועג „פון לאַגער אין לאַגער״ נעמט אַרום נאָר אַ קליינעם צייט־אָפּשניט פון דער היטלערישער אויסראָטונג ־ תקופה — פון דער ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ אין אויגוסט 1944 ביז די ווינטער חדשים 1945. די דייטשן, נאָך די באַקומענע מפּלות זענען שוין דעמאָלט צוגעטרעטן ליקווידירן זייערע טויט־קאָמבינאַטן און פייניקונג־לאַגערן, אָבער ביז צו זייער ענדגילטיקער מפּלה האָבן זיי נאָך באַוויזן אויסצושפּרייטן אַ ים פון פּיין און רציחות איבער די לעצטע לעבנגעבליבענע יידן אין די לאַגערס.

די דאָזיקע פּיין און רציחות פון לעצטן פּעריאָד פון דער דייטשער היטלערישער הערשאַפט האָט רבקה קוויאַטקאָווסקאַ ווי אַן עדות ראיה פאַראייביקט אין איר בוך. דאָס בוך בליצט נישט מיט ספּעציעל־קינסטלערישע איינפאַלן, עס פעלט אין אים די אויסגעמייסטערטע קאָמפּאָזיציע, די שלימותדיקייט פון בילד און געשטאַלט, עס איז געשריבן אַזוי פּשוט, ווי תמימותדיק עס איז געווען דער גלויבן פון די פאַרפייניקטע, אַז „אַזעלכעס קאָן נישט געשען״. די ברעקלעך פון די צעבראָכענע לעבנס, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם בוך זענען שטודיר־מאַטעריאַל פאַר פּסיכאָלאָגן און אַן אָנרעגונג פאַר גרויסע וואָרטקינסטלער צו שאַפן דאָס ווערק פון געפייניקטן ייִד אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

(„לעצטע נייעס״ — תל־אביב)

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציילין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע־ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אַפּגרונט — (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אַברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקעלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) **אַברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מײַן היים (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) **א. אַלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מײַנע זיבן יאָר אין תל־אָביב (אויספאַרקויפט)

45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ... (אויספאַרקויפט)

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אַברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר אַ. מוקדוני** — מײַנע באַגעגענישן (זכרונות)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פײַער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) **י. י. טרונק** — די ייִדישע פּראָזע אין פּוילן

53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע ייִדן

56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מײַנע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) **אליהו טראָצקי** — גלות דײַטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מײַזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר אַ. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מײַן לעבן
76) יהושע פערלע — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע, 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פּולשער וואָך
82־83) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מײַן אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה־דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מײַנע זכרונות (קראָקע)
95־96) יאָנאַס טורקאָוו —פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954)
97־98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)
101) י. הירשהויט — ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955)
102) משה זאָנשײַן — ייִדיש וואַרשע
103) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאָנד, פּאַריז, 1958)
108־109) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) ד״ר אַ. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1956)
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956)
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)

116) **מאַקס װײַנרײַך** — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) **אליעזר װיזל** — און די װעלט האָט געשװיגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
(פרעמירט דורכן ידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) **ד״ר יוסף טענענבױם** — צװישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) **זיגמונט טורקאָװ** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) **בער י. ראָזען** — פּאַרטרעטן
123) **אַברהם טענענבױם־ארזי** — לאָדזש און אירע ידן
124־125) **משה קאַגאַנאָװיטש** — די מלחמה פון ידישע פּאַרטיזאַנער
126־127) **אַברהם זאַק** — קנעכט זײַנען מיר געװען
(פרעמירט דורך דער באַריס סוראַװיטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) **יעקב גלאַטשטײן** — װען יאָש איז געפאָרן
129־130) **דוד פלינקער** — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) **משה יודל שעליובסקי** — אין דער װעלט אַרײַן
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לײב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) **ד״ר יצחק שװאַרצבאַרט** — צװישן בײדע װעלט־מלחמות
133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) **שלמה פראַנק** — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) **מ. באַקאַלטשוק** — זכרונות פון אַ ידישן פּאַרטיזאַן
136) **פנחס װעלנער** — אין יענע טעג
137) **אלימלך ראַק** — זכרונות פון אַ ידישן האַנטװערקער־טוער
138) **הירש אַבראַמאָװיטש** — פֿאַרשװוּנדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסטעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) **ב. טערקעל** — צװישן שאָקאַלן
140) **י. ל. װאָלמאַן** — פּױלישע ידן (ראָמאַן)
141־142) **נ. שמן** — דאָס געזאַנג פון חסידות
143־144) **צבי כהן** — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) **יאָנאָס טורקאָװ** — נאָך דער באַפרײַאונג
146) **העלענאַ שערעשעװסקאַ** — צװישן צלם און מזוזה
147) **פנחס שטײנװאַקס** — ידישע מאַמעס צום געדענקען
148) **װאָלף מערקור** — די װעלט איז כּעלעם
149) **ראובן בן־שם** — פּױלן ברענט...
150) **יצחק טורקאָװ־גרודבערג** — פּנימער און מאַסקעס

עס דרוקט זיך:

שלמה פריזאַמענט — די בראָדער זינגער
אינזש׳ דוד דאַװידאָװיטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּױלן

עס גרייט זיך צום דרוק:

שלמה ברײַנסקי — זשעלעכאָווער מענטשן
זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
ד״ר יצחק שוואַרצבאַרד — אונדזער קאַמף אין יאָרן פון חורבן
מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן
דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פאַרהאַנג

ESTE
LIBRO SE
HA TERMINA-
DO DE IMPRIMIR
EL DIA 15 DE FEBRERO
DE 1960 EN LOS TALLERES
GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.",
SAN LUIS 3149 - BUENOS AIRES

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג
„דאָס פוילישע ייִדנטום", זיך ווענדן:
UNION ISRAELITA POLACA
Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 150

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la ley

Copyright by:
I. TURKOW
ISRAEL

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

I. TURKOW - GRUDBERG

ROSTROS Y MASCARAS

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1960